STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08163

DI YIDISHE LITERATUR BIZ DI KLASIKER

Salomon Lastik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה לאַסטיק

די יידישע ליטעראַטור ביז די קלאַסיקער

פאַרלאַג „יידיש בוך"
וואַרשע - 1950

Łastik Salomon

LITERATURA ŻYDOWSKA
DO OKRESU KLASYKÓW

Wydawnictwo „Idisz-Buch“
Warszawa 1950 r.

Druk. „Nowe Życie“ Warszawa, Tłomackie 5
Form. A5. Nakł. 3.000. B-1-949618.

אַרײַנפֿיר

. . זייער פיל לייענער, וואָס האָבן אויפריכטיק ליב דאָס יידישע וואָרט, זיינען ווייניק באַהאַוונט אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין די אַנטוויקלונגס־עטאַפּן, וואָס ס׳האָט אַדורכגעמאַכט אונדזער לשון פון אַ פשוט פאַרשטענדי־קונג־מיטל ביז אַ סאָציאַלן פאַקטאָר פון גרויסן ווערט, וועלכער האָט פאַראײַ־ביקט די טרוימען, ליידן און געראַנגל פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין דער יידישער ליטעראַטור.

מיר האָבן שוין קאַפּיטאַלע אַרבעטן, אויספאָרשונגען און סינטעטישע באַהאַנדלונגען וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער ליטעראַטור, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט די אַנטוויקלונג פון „זשאַרגאָן צו יידיש״. מיר פאַרמאָגן פאַרהעלטנישמעסיק גענוג דאָקומענטן, לידער, פּאָעמעס, ראָמאַנען, אָרי־גינעלע און איבערזעצונגען פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, דאָך קאָן מען נאָך אַלץ הערן אַרויסזאָגונגען, אַז די יידישע ליטעראַטור הויבט זיך אָן מיט מענדעלען; אַנדערע, מער באַהאַוונטע, פאַרלענגערן דעם צייט־עלטער פון דער יידישער ליטעראַטור ביז דער השכלה, אין ביידע פאַלן ווערן דאָ אָנגעגעבן באַשטימטע, ביז גאָר וויכטיקע עטאַפּן אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, עס ווערט אָבער נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז אין דער נאַטור איז נישט פאַראַן קיין יש מאין, אַז די השכלה־ליטעראַטור אויף יידיש, דערצו אויף אַזאַ זאַפטיקן יידיש, ווי מענדל לעפינס, ש. עטינ־גערס, צי פון דעם אַנאָנימען מחבר פון דער „גענאַרטער וועלט״, האָט גע־קאָנט אויסוואַקסן נאָר אויפן באָדן פון אַ גרויסער קולטור־טראַדיציע. פונקט ווי עס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן דאָס שאַפן פון אונדזערע קלאַסי־קער אָן די פאָרגייער־משכילים, פונקט אַזוי איז אומדענקבאַר דאָס שאַפן

פון די משכּלים אָן די רייכע אוצרות פון יידישן לשון און יידישן ליטעראַ־
רישן שאַפן אין דער פאַרגאַנגענהייט.

דאָס דאָזיקע ביכל שטעלט זיך טאָקע דעם ציל איבערצוגעבן אין אַ
קורצער פאָרם די וויכטיקסטע עטאַפּן אין דער יידישער ליטעראַטור־אַנט־
וויקלונג, אָנהויבנדיק פון די עלטסטע דאָקומענטן, וועלכע זיינען צו אונדז
דערגאַנגען, ביז צום אַנטשטיין פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.
מיר האָבן שוין אויף דעם געביט אַ היפּשע ליטעראַטור פון באַוווּסטע און
אָנערקענטע מאָדערנע וויסנשאַפטלער ווי מ. ווינער, ד״ר י. שיפּער, מ. עריק,
נחום שטיף, נ. פּרילוצקי און פיל אַנדערע. אָבער פיל פון זיי כאַראַקטערי־
זירט אָן אידעאַליסטישער, בירגערלעך־יידישיסטישער צוגאַנג צו דעם פּראָב־
לעם. דעם זעלבן פעלער פאַרמאָגט אויך די גרויסע צען־בענדיקע געשיכ־
טע פון דער ליטעראַטור ביי יידן פון ד״ר צינבערג, וועלכע מיר האָבן גע־
נומען אַלס יסוד צו דעם קיצור וועגן דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. מיר
האָבן זיך באַמיט אויסצושיילן אַ געוויסן קערן פון ליטעראַטור־געשיכטלעכע
פאַקטן, אָפּוואַרפנדיק דערביי זייערע אידעאַליסטישע אויסטייטשונגען און
סברות, נעמענדיק אַלס יסוד און וועגווייזער די אַרבעטן פון דער גרויסן לי־
טעראַטור־פאָרשער און ליטעראַטור־געשיכטלער מ. ווינער, וועלכער גייט
צו מיט אַ שטרענג וויסנשאַפטלעכן, דיאַלעקטישן צוגאַנג צו די דערשיינונ־
גען אין דער יידישער ליטעראַטור

די אַרבעט איז ווייט נישט קיין אויסשעפּיקע און האָט אַלס גרונט־ציל
אַרויסהויבן די וויכטיקסטע דערשיינונגען און פירנדיקע פאָרשטייער פון
דער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג.

דער מחבר האָט זיך מיט דער אַרבעט געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו
באַקענען און פאַראינטערעסירן דעם לייענער מיט דער יידישער ליטעראַטור
ביז די קלאַסיקער, באַווייזן דאָס וויכטיקסטע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן
אויף יידיש ביז די קלאַסיקער און דינען דעם לערער און שילער פון די
עלטערע קלאַסן פון אונדזערע שולן מיט אַ מינימום ידיעות וועגן אונדזער
ליטעראַרישער פאַרגאַנגענהייט. אויב מיר וועלן דעם ציל דערגרייכן, וועלן
מיר האַלטן, אַז ס׳האָט געלוינט די מי...

לאָדזש, דעם 25־טן אויגוסט 1948 יאָר.

ערשטער טייל

קאַפּיטל 1.

פון ייִדיש-טייטש ביז ייִדיש

ס'איז שוין היינט צו טאָג, דוכט זיך, קלאָר פאַר אַלעמען, אַז דאָס אַנטשטיין און די אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער שפּראַך איז פאַר־בונדן מיט דער פּראָדוצירנדיקער טעטיקייט פון מענטשלעכן קאָלעקטיוו. ענגעלס האָט וועגן די סיבות פון אנטשטיין פון דער מענטשלכער שפּראַך געשריבן: „די אַנטוויקלונג פון דער אַרבעט האָט אַרויסגערופן די נויט־ווענדיקייט פון שטאַרקערער פאַרבינדונג צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, ווייל אַ דאַנק איר זיינען אָפטער געוואָרן די פאַלן פון קעגנ־זייטיקער אונטערשטיצונג, פון געמיינזאַמער טעטיקייט, און עס איז קלאָרער געוואָרן דער נוצן פון אַט דער געמיינזאַמער טעטיקייט פאַר יעטווידער מיטגליד באַזונדער. קורץ גערעדט, די זיך פאָרמירנדיקע מענטשן זיינען דערגאַנגען דערצו, אַז עס איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט עפּעס וואָס צו זאָגן איינער דעם צווייטן".

די שפּראַך איז במילא אַ רעזולטאַט פון דורותדיקער אַנטוויקלונג, א דירעקטער רעזולטאַט פון די פּראָדוציר־כוחות, פּראָדוציר־פאַרהעל־טענישן און פון די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, וועלכע זיינען אויף זייער באַזע אַנטשטאַנען. עס איז קלאָר, אַז דער פעאָדאַלער פּריץ האָט גערעדט מיט אַן אַנדער־שפּראַך, ווי דער היינטצייטיקער קאַפּיטאַליסט, אַז דער לייבאייגנטימערישער אַרבעטער האָט פאַרמאָגט גאָר אַן אַנדער לעקסיק, ווי דער היינטצייטיקער פּראָלעטאַריער...

די שפּראַך, וואָס איז אַמענגסטן פאַרבונדן מיטן מענטשנס באַוווסטזיין, בייט זיך במילא צוזאַמען מיט אים. היות דער זיין באַשטימט דעם באַוווסטזיין, איז במילא קלאָר, אַז די שפּראַך קאָן נישט טראַקטירט ווערן ווי אַ סטאַבילער אומפאַרענדערלעכער פאַקט. די „דרינגלעכע נויטווענדיקייט צו פאַרקערן מיט אַנדערע מענטשן" האָט אונדזער פאָלק, וואָס האָט זיך געפונען אין פאַרשיידענע לענדער, געצוווּנגען צו באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך פון לאַנד, און אָפּט אַפילו אויספאָרמירן אַן אייגענעם, נייעם רייד־אַרט, וואָס איז אין לעצטן סך־הכל געוואָרן די סיבה פון אויפקומען פון אַ נייער שפּראַך.

די יידישע שפּראַך שטאַמט פון מיטל־הויכדייטשן דיאַלעקט. די עלעמענטן פון יידישן לעבנס־שטייגער, וועלכע טרעפן זיך אין די דאָקומענטן און שאַפונגען פון 11־טן און 12־טן יאָרהונדערט ווערן באַצייכנט מיט העברעאישע ווערטער, וואָס האָבן צו טאָן מיטן רעליגיעזן קולט (ווי: טלית, חופה, עברה, ישיבה, בורר, קהל, עדות א. אַ.) און ווערטער, וואָס שטאַמען אָפּ פון דער לומדישער קולטור און האָבן אריינגעוואַנדערט אין דער שפּראַך דורך די ישיבות און בתי־מדרשים (ווי: דווקא, בקי, חריף, אַדרבא, פשיטא). אין די אַלטע דאָקומענטן איז אויך צו טרעפן העברעאישע ווערטער, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם טאָג־טעגלעכן לעבן (ווי: אַכילה, גדולה, דאגה, מזל, בילבול, גזירה, משומד, א. אַנד.). צינבערג רוקט אַרויס די טעזע, אַז דאָס באַנוצן זיך מיט העברעאישע ווערטער נעמט זיך אויך דערפון, וואָס די יידישע סוחרים, — רייזנדער אין די מזרח־לענדער האָבן אויסגענוצט העברעישע באַצייכענונגען פאַר פאַרשידענע סחורות אין זייער פאַרקער מיט יידישע סוחרים פון נישט דייטשע קאַנטן. אין אַלט־יידיש באַגעגענען מיר אויך א גענוג היפּשע צאָל ווערטער פון ראָמאַנישן אָפּשטאַם, וועלכע זיינען לויט אלע וואַרשיינלעכקייטן אריינגעבראַכט געוואָרן אין דער שפּראַך דורך די איבערוואַנדערער פון די ראָמאַנישע לענדער, דער עיקר פון לאָטארינגיען. א גאַנצע ריי פון די דאָזיקע ווערטער זיינען אַסימילירט געוואָרן דורך דער יידישער שפּראַך אויף אזוי ווייט, אַז זיי האָבן פאַרלוירן זייער אייגענעם קלאַנג און געוואָרן אַ נאַטירלעכער באַשטאַנדטייל פון יידיש. צו אַזעלכע ווערטער פון ראָמאַנישער אָפּשטאַמונג געהערן צ. ב.: אלקער (alcove) אלמער (armoire) אימפּעט (impete) פאַרוואָגלט (varne) פאַראומערט (humeur) פּלעט (billet) גוידער (goitre) בענטשן (bener) ניטל (פון לאַטייניש (natalis) סאַרווער (servitand) דאַוונען און אַנדערע. ד"ר יצחק שיפּער האָט אָנגעוויזן אויף א גאַנצע ריי פּאָפּולערע יידישע

מענער־ און פֿרויען־נעמען אַלס אָפּשטאַמיקע פֿון ראָמאַניש (יענטל, גענינע, קאַלמען,ביילע). ווען מען נעמט נאָך אין באַטראַכט, אַז דער מלמד, צי דער רבי, וועלנדיק געבן די קינדער אַ וואָס גענויערע אויסטייטשונג פֿון פּסוק, האָט געמוזט ביים פֿאַרטייטשן ענדערן דעם זאַצבוי, ווערט קלאָר, אַז שוין אין די ערשטע דריי יאָרהונדערטער האָט דער מיטלהויכדייטש אין מויל פֿון יידישן פֿאָלקס־מענטש אָנגעהויבן אָננעמען אַן אייגנאַרטיקן קאָלאָריט. דאָך איז צוויי־פֿלהאַפּט צי יידיש־טייטש וואָלט זיך אויסגעפֿאָרמירט אין אַ זעלבסטשטענדיקער שפּראַך אָן דעם אָפּרייסן זיך פֿון דעם דייטשן מקור. און ווירקלעך, די נייע יידישע שפּראַך האָט זיך נישט אויסגעפֿאָרמירט אויף די דייטשע געביטן, נייערט אויף די געביטן, וווּ די יידן, נאָכן פֿאַרלאָזן די דייטשע ערד, האָבן פֿאַרלוירן יעטוועדן קאָנטאַקט מיט די דייטשן. די קליינע שטעט פֿון פּוילן, פֿון אוקראַינע און טשעכיע — זיינען געווען דאָס וויגעלע פֿון דער נייער יידישער שפּראַך. מ. ווינער ווייזט אָן, אַז אין די גרעסערע שטעט (צ. ב. אין קראָקע) וווּ די יידן האָבן זיך קאָנטאַקטירט מיט דייטשן, אָדער אין די געביטן, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט דייטשלאַנד, פֿאַרמאָגט דאָס יידיש אַ סך דייטשמעריזמען. דאָס ריינע יידיש־לשון איז אַנטשטאַנען און זיך אַנטוויקלט אַ דאַנק דער באַווירקונג פֿון דעם סלאַווישן שפּראַך־עלעמענט, וואָס האָט אים צוגעגעבן קאָלאָריט און אייגנאַרטיקייט. אָט דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿון יידיש־טייטש צו יידיש האָט זיך אָנגעהויבן אין אָנהויב 17־טן י. ה. און זיך פֿולשטענדיק פֿאַרענדיקט לפֿי־ערך צום סוף פֿון דעם זעלביקן יאָר־הונדערט. דאָס אַלץ איז שייך דער גערעדטער שפּראַך. די געשריבענע שפּראַך אָבער איז געווען פֿיל קאָנסערוואַטיווער און זיך נאָך גאַנץ שטאַרק געהאַלטן ביים אָנגענומענעם נוסח פֿון יידיש־טייטש כמעט ביזן אָנהייב 19־טן י. ה. דאָ איז, פֿאַרשטייט זיך, אויסער ״ליטעראַרישן קאָנסערוואַטיזם״, געקומען אין באַטראַכט די ריין סוחרישע קאַלקולאַציע. די אַרויסגעבער האָבן נישט געוואָלט פֿאַרשמעלערן די צאָל אָפּנעמער אויסשליסלעך צו די סלאַווישע געביטן, במילא געהאַלטן פֿאַר צוועקמעסיק אָנצוהאַלטן דעם אַלטן שרייב־נוסח, בכדי דאָס בוך זאָל קריגן אַן אָפּזאַץ אויך אין די לענדער, וואָס רעדן דייטש (דייטשלאַנד, עסטרייך, האָלאַנד). אַן ענדערונג איז געקומען דאַן ווען סיי דעם לייענער פֿון די סלאַווישע געביטן און סיי דעם פֿאַרפֿאַסער, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פֿון אָט די געביטן, איז שוין דער אַלט־יידיש, דער דייטשמערישער לשון געוואָרן פֿולשטענדיק פֿרעמד און אפֿילו אומפֿאַרשטענדלעך. און דעריבער איז די נויטווענדיקייט צו שרייבן אין דער

שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן, אין דער שפּראַך פון גרויסן יידישן ישוב אויף די רוסישע און פּוילישע געביטן געוואָרן אַ דרינגלעכע נויטווענדיקייט און דער ערשטער תנאי פארשטאנען און געלייענט צו ווערן. דעריבער איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דער קעניגסבערגער דאָקטאָר משה מאַרקוזי האָט צום סוף 18־טן י. ה. געהאלטן פאר נויטיק זיך ספּעציעל אויסלערנען דעם פאָלקס־יידיש פון וואָלין, בכדי זיין „ספר רפואות״ זאָל ווירקלעך ברענגען נוצן די יידן, וואָס וווינען אויף די געביטן פון רוסלאנד און פּוילן.

די סלאווישע שפּראַך האָט אזוי ווייט פארענדערט דעם געבוי און כאַראקטער פון יידיש־טייטש, אז ס׳האָט זיך אויף איר באזע אנטוויקלט א פולשטענדיק נייע, מאָדערנע שפּראַך: דער פאָלקס־יידיש.

קאַפּיטל 2.

גרונט־שטריכן פון דעם וועלטלעכן אַלט־יידישן ליד

מיר שטרייכן גלייך אונטער דאָס וועלטלעכע צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס אין אונדזער באַהאַנדלונג פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור וועלן מיר זיך דערעיקר אָפּשטעלן אויף אירע פּראָגרעסיווע ווערטן. עס איז קלאָר, אַז דאָס אַנטקעגנשטעלן די צוויי מינים שאַפונגען וואָלט בולטער געמאַכט די געזעלשאַפטלעכע אַנטאַגאָניזמען אין דער יידישער סביבה. מיר וועלן עס אָבער נישט טאָן צוליב די באַגרענעצטע ראַמען פון בוך, ווי אויך צוליב דעם, וואָס אונדזער ציל איז ארויסהויבן דאָס ווירקלעך פּאָזיטיווע, פּראָגרעסיווע פאַר יענער וויטער צייט, וואָס גרייכט מיט אירע אָנהייבן אין קריסטלעכן מיטלאַלטער, ווען דאָס יידישע לעבן אין מערב־אייראָפּע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ קנאַפּער סטאַביליטעט, סיי עקאָנאָמישער, סיי יורידישער, סיי פּאָליטישער. (פּאָגראָמען, רדיפות, דערווייטערונג פון פּראָדוקטיווע ארבעט ־ צווייגן דורך די צעכן און גילדיעס, גירושים זיינען געשטאַנען אויפן סדר־היום פאַר די געטאָ־איינוווינער). אין אַזעלכע צייטן, ביי אַ בידעריקער עקאָנאָמיק, געבויט אויף האַנדל, וווכערייי און מלאכה, ביי דער הערשאַפט פון פעאָדאַלן לעבנס־סדר איז קלאָר, אַז דאָס רעליגיעזע, מיסטישע, איבערוועלטישע האָט גענומען דעם אויבנאָן, אַז דער הויפּט ־ דעה ־ זאָגער איז געווען דער קלער, די רבנים און די ראשים פון די קהילות. דעריבער איז טאָפּלט אינטערעסאַנט אַרויסצוהייבן די פאַקטן, וואָס באַווייזן, אַז טראָץ אַלע איבערלעכע (די איסורים פון די רבנים) און אויסערלעכע שטערונגען (די פיינטלעכע איינשטעלונג פון די פּעאָ־

האַלע הערשער) האָט דער יידישער פאָלקס־מענטש אַרויסגעוויזן אַ טיפן אינטערעס צו דער דרויסנדיקער וועלט, האָט אויסגענוצט די שפראַך, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן פאַריידישן נישט בלויז אלס פארשטענדיקונגס־מיטל מיט די פאָרשטייער פון דייטשן פאָלק, מיט וועלכן ער האָט זיך קאָנ־טאַקטירט, נאָר אויך בכדי זיך צו באַקענען מיט די ווערטן, מיט די וועלט־לעכע מאָטיוון, וואָס האָבן געגורטעוועט אין די טיפעניש פון דייטשן פאָלק, טראָץ דער אָפיציעלער קריסטלעך־דאָגמאַטישער ליטעראַטור.

און אזוי זעען מיר, אז טראָץ די איסורים און שטראָף־רייד פון די רבנים האָט דאָס דרויסנדיקע לעבן זיך אריינגעריסן אין דער יידישער סביבה און געלאָזט דאָרט קענטיקע שפורן סיי אין פאָלקלאָר, סיי אין דער ליטעראטור פון מיטלאלטער און דער נייער צייט.

שוין פון דער רבנישער מוסר־ליטעראטור דערוויסן מיר זיך וועגן א ריי וועלטלעכע ווערק, גענויער: ריטער־ראָמאַנען און פאָלקס־לידער אויף דער טעמע ליבע, פארוויילונג און קאָרטן־שפיל, וועלכע זיינען געווען פאר־שפרייט צווישן די יידן אין מיטלאלטער.

ווי ווייט עס זיינען געווען פאָפולער א גאנצע ריי דייטשע לידער קאָן אילוסטרירן דער פאקט, וואָס אפילו לומדישע לידער מיט כללים פאר גמרא־לערנער „הלכתא כמאן", וואָס האָט פארפאסט יעקב בן יקותיאל מגלינהויזן, איז געשריבן „בניגון הערצאָג ערנסט". לויט דעם זעלביקן גראַם־שליסל (אויף דער זעלביקער מעלאָדיע) איז אויך געשריבן אַ שבת־ליד דורך שלמה זעלמלען בן יקיר אויס ערפורט (ערשטע העלפט פון 15־טן יאָרהונדערט). דאָס מאָראַליזאַטאָרישע ליד „על אהבת הכסף" פון דעם זאַמלער אָלדנדאָרף איז אויך געשריבן „בניגון" פון א פאָפולער דייטש פאָלקס־ליד „הוך ריף דער וועכטער".

דאָס זעלביקע לאָזט זיך זאָגן וועגן די מוסר־לידער, וואָס באַקעמפן די קאָרטן־שפיל: „על השחוק" פון שמואל בן משה הורגלן און די סאַטירע „על הצחוק" פון לעאָן די מאָדענאָ. די נאַטוראַליסטישע שילדערונג פון דעם עצם שפיל־פראָצעס אין די דאָזיקע לידער באַווייזט גלייכצייטיק, אַז די דאָזיקע שפיל איז נישט געווען פרעמד די מוסר־זאָגער גופא...

אָבער די אַלט־יידישע ליטעראטור פארמאָגט אויך דירעקטע וועלטלע־כע ווערק און לידער. אַזוי געפינען מיר לידער פון וועלטלעכן כאַראַקטער אין אָלדנדאָרפס זאַמלונג. מיר געפינען זיי אויך אין אַנדערע כתב־ידן פון יענער צייט. אין א פארמעטענעם כתב־יד פון 15־טן יאָרהונדערט, א פירוש פון רש"י אויף נביאים און כתובים, וואָס איז געפונען געוואָרן אין דער

קאַלעקציע פון פעטרא־ בעמבאַ — סעקרעטאַר פון דעם פויפּסט לעאָ דעם צענטן, — איז פאַראַן אַן אַלט־יידיש ליבע־ליד.

עס איז אויך פאַראַן אַ ביז גאַר אינטערעסאַנטע זאַמלונג פון לידער (געפינט זיך אין אָקספּאָרדער ביבליאָטעק), וואָס האָט געהערט צו אייזיק בן משה וואליך ווירמייסן, וועלכער איז לויט אלע ווארשיינלעכקייטן געווען פרנס אין וואָרמס, האָט ליב געהאט פאָלקס־לידער און נישט בלויז זיי גע־זאַמלט, נאָר אויך אליין פון צייט צו צייט געשריבן.

אין אָט דער פארבליבענער זאמלונג זיינען פאראן לידער, וואָס זיינען געווען שטארק פארשפרייט און באליבט צווישן די דעמאָלטיקע יידן. פון די לידער זעען מיר בולט ווי וויט די יידן האָבן מיטגעלעבט מיטן לעבן פון לאַנד: פון די 55 לידער, וואָס געפינען זיך אין דער זאַמלונג, זיינען בלויז 12 פון יידישע פארפאסער, אלע איבעריקע זיינען ריין דייטשע לידער, וואָס האָבן זיך אַנגענומען אין דער יידישער סביבה. דער דאָזיקער פאקט, ווי אויך די פאָלעמיק קעגן די פרומע לייט, וואָס ווילן אָפּנעמען די פרייד ביי דער יוגנט, ווייזן, אז קיין איסורים און שטראָף־רייד האָט דעם פאָלקס־מענטש און די יוגנט פון די ענגע געטאָ־געסלעך נישט אָפּגעהאַלטן פון באַ־העפטן זיך מיטן ארומיקן וועלטלעכן לעבן.

אין דער זאמלונג טרעפן מיר אַן גאנץ אינטערעסאנטע, לעבנסלוסטיקע זינג־ און טאַנץ־לידער, לידער פון סאַטירישן אינהאַלט, לידער וועגן אומ־גליקלעכער ליבע. מיר טרעפן אויך קלאָג־רייד איבער נישט באפרידיקטער ליבע, לידער מיט פאָרווורפן צום אומטרייען געליבטן, ווי אויך חוזק־לידער איבער אלטע ווייבער, און יידישע חתן־כלה ־ לידער. אז די לידער זיינען געווען פאָלקס־שאַפן, ווייזט דער פרימיטיווער נאַטוראַליסטיש־עראָטישער פאמפלעט פון אייזיק קיטל און זיין חבר, וואָס נישט געקוקט אויף די אָפּט ציניש סטראָפן פילט זיך א נאָטקע פון סאטירע אויף די רייכע „לעבעמע־נער", וואָס זיינען אויסגעלאסן.

וואָס איז נוגע די פאָלקס־לידער פון טיפן מיטלאַלטער, זיינען זיי וויט נישט פאַרבליבן אָן השפּעה אויף די וויטערדיקע דורות. סיי די באַרימטע פאָלקלאָר־זאַמלער מארעק און גינזבורג, סיי שיפער און י. ל. כהן האָבן אויפגעוויזן, אז פיל פון די פאָפּולערע פאָלקס־לידער, וואָס ווערן הייגט געזונגען דורך דעם יידישן פאָלקס־מענטש, שטאַמען אָפּ דירעקט פון טיפן מיטלאַלטער. אזעלכע לידער, ווי „עס זיצן מיידלעך דריי", „ווי עס קומט דער ליבער זומער", „מוטער, ליבסטע מוטער" — האָבן שוין געזונגען

אונדזערע עלטער־באָבעס אין די מיטלאַלטערלעכע דייטשע געטאָס פון די ריין־געביטן.

דער אויספיר איז א קלאָרער: שוין אין פריען מיטלאלטער עקזיס־טירן יידיש־וועלטלעכע לידער, וואָס שטאַמען אָפּ פון דייטשן פאָלקס־ליד און ווערן טיילווייז אויך געשאפן דורך יידישע מחברים. זייער אינהאַלט איז א פארשידנארטיקער. דאָס ליד נעמט אַרום פארשידענע מאָמענטן פון לעבן פון יחיד און פארמאָגט אויך פראָטעסט־אַקצענטן קעגן קלער און די פרומאקעס, וואָס ווילן האלטן דאָס פאָלק אין די צוימען פון דער רעליגיע, אָפּגעזונדערט פון דער גאנצער ארומיקער וועלט.

פון דעם אינהאלט פון די דערמאָנטע וועלטלעכע לידער, ווי אויך פון דער מוסר־ליטעראַטור, וועגן וועלכער מיר וועלן נאָך רעדן שפּעטער, איז קלאָר צו זען, אז ס׳איז אויך שטארק פּאָפּולער און באליבט געווען ביים פאָלקס־מענטש דער מיטלאַלטערלעכער ריטער־ראָמאַן.

קאַפּיטל 3.

דער אַלט־יידישער ראָמאַן און נאָוועלע

פון דער אלט־יידישער וועלטלעכער ליטעראַטור איז אונדז פאַרבליבן פאַרהעלטנישמעסיק ווינציק געדרוקטע אויסגאַבן אָדער כתב־ידן. די סיבה פון דער דערשיינונג איז זיך נישט שווער צו דערקלערן, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז די טרעגער פון וועלטלעכן עפּאָס זיינען געווען די שפּילמענער, וואָס פלעגן זייערע אָריגינעלע, איבערגעזעצטע, צי גאָר אָפּגעשריבענע שאַפונגען זינגען און רעציטירן פאַרן עולם. ביי דעם נע־ונד־לעבן, וועלכן עס האָבן געפירט די שפּילמענער, איז נישט שווער זיך משער צו זיין, אַז זיי האָבן די כתב־ידן פאַרלוירן, אויב זיי האָבן אפילו אַזעלכע פאַרמאָגט. אָבער דאָס איז בלויז איין סיבה. עס זיינען פאַראַן נאָך וויכטיקע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געווירקט אויף דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל שריפטלעכע דאָקומענטן פון די מיטלאַלטערלעכע צייטן; די וועלטלעכע ליטעראַטור, די ליטעראַטור אויף „יידיש־טייטש" איז געווען אַ פאָלקס־ליטעראַטור. איר קאָנסומענט איז געווען דער פּשוטער פאָלקס־מענטש, וואָס האָט מיט קיין גרויסע געלט־מיטלען נישט דיספּאָנירט. סיי דער פאַרמעט, אויף וועלכן מען האָט אין יענער צייט געשריבן, סיי דאָס שרייבן אויף פאַרמעט איז געווען אַ טייערע זאַך. און אויב עס האָבן זיך געפונען מעצענאַטן, וואָס האָבן געלאָזט שרייבן אויף זייער חשבון העברעאישע רעליגיעזע חיבורים, אויב עס האָבן זיך געפונען „גענערינס", מאַטראָנעסעס, וואָס האָבן געלאָזט זיך אָפּשרייבן יידישע מוסר־ביכלעך און איבערזעצונגען פון תנ"ך, האָט אזוינס נישט געקאָנט געשען מיט דער

יידישער וועלטלעכער ליטעראַטור. מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט די אָפטע רדיפות און גירושים, וואָס די יידן זיינען אויסגעשטאַנען אין די פאַרשידענע געביטן פון מערב־איראָפּע (דער עיקר אין דייטשלאַנד), ביים אַוועקגיין אין וואַנדער האָט דער ייד געוויינלעך מיטגענומען אַ „היי־ליק ספר" און נישט קיין „שיינע געשיכטן"...

דאָך זיינען די פּאָר צענדליק ווערק אין יידיש־דייטש, וואָס זיינען אָפּ־געפונען געוואָרן און געווען באַקאַנט שוין פון מיטלאַלטער, אַ גענוג רייכער מאַטעריאַל, בכדי זיך קלאָר מאַכן די ליטעראַטור, וועלכע האָט אינטערעסירט דעם פאָלקס־מענטשן פון יענער צייט, זיינע השגות, זיין לעבנס־שטייגער, זיין עקאָנאָמישע לאַגע, ווי אויך די סאָציאַלע לאַגע פון דער יידישער פּרוי. מיט איין וואָרט: אויף דעם סמך פון דעם דאָ־זיקן מאַטעריאַל לאָזט זיך שאַפן אַ געוויס בילד פון יידישן לעבן אין יע־נע יאָרן.

אין דער אַלטער רעליגיעזער און מוסר־ליטעראַטור טרעפן מיר אָן ביז גאָר אָפט שטראָף־רייד פאַרוואָס די יידן פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע „טויג־רעכטע" (נאַרישע) ביכער, ווי די ריטער־ראָמאַנען „דיטריך פון בערן", „מייסטער הילדענבראַנדט", „דער שוינן גלויק", פּאָעמע „וואָרום בע־טריבסטו זיך, מיין הערץ" א. אנד. דאָס באַווייזט, אַז אָט די דאָזיקע ווערק זיינען גאָר פּאָפּולער געווען ביים יידישן עולם, וואָס האָט גערעדט בלשון „אשכנז", עס הייסט — אַלט־יידיש. פון די אַלע אין מיטלאַלטער באַליבטע ריטער־ראָמאַנען, וואָס זיינען גענומען פון דייטש און וועלכע האָבן ציר־קולירט אין דער יידישער סביבה, איז צו אונדז דערגאַנגען בשלימות און פאַרמאַגט אייניקע געדרוקטע אויסגאַבעס אין צוויי נוסחאות (אין געגראַמטע צוויי שורות און אין סטאַנסן), דער „אַרטור־ראָמאַן". הגם די עלטסטע געדרוקטע אויסגאַבע, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, שטאַמט פון די יאָרן 1562—1679, איז דאָך וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די יידישע ווערסיע פון דעם ראָמאַן איז באַאַרבעט געוואָרן דורך אַ יידישן שפּילמאַן אין 14־טן י. ה. און איז גענומען פון ווירטנס „וויגאַלואַ" (געשאַפן אין 13־טן יאָרהונדערט). די עלטסטע אויסגאַבע, וואָס איין עק־זעמפּליאַר אירער געפינט זיך אין אָקספאָרדער ביבליאָטעק, איז דערשינען אין פּראָג און איז געשריבן אין סטאַנסן, דאָס הייסט אין אַכט־שורותדיקע סטראָפן, ביי וועלכע עס גראַמען זיך די ערשטע דריי שורות (1—3—5) און די דריי גראַדע שורות (2—4—6) און באַזונדער די שורות 7—8.

ווי עס האָט ריכטיק אָנגעוויזן די קריטיק, איז דער יידישער וואַריאַנט אַן אָנהויפּונג פון אַ גאַנצער ריי אויסטערלישע געשעענישן און פאַרמאָגט נישט אָט די שלימותדיקייט פון דעם אָריגינעלן ווערק, וואָס אָטעמט מיט ריטערלעכן שטייגער, מיט ריטערלעכע לעבן־אָנווייזונגען, מיט סענטענצן און באַטראַכטונגען פון רעליגיעזן כאַראַקטער. אַנדערש געזאָגט: דאָס בוך איז געווען אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטן גאַנצן וועלט־באַנעם. אין יידישן טעקסט איז נאָכן אַרויסוואַרפן דאָס ספּעציפיש־קריסטלעך־מאָראַליזירנדיקע און עכט־ריטערלעכע געבליבן אַ אָנהויפּונג פון אינטריגעס, געפעכטן, וווּנדער־געשיכטעס. „אַ ריטער־ראָמאַן אָן ריטער און ריטערלעכקייט, אַ ראָמאַן, וואָס שלאָגט אויפן פּלאָנטער פון דער אינטריגע, אין בלייבט דאָך מאָנאָטאָן” (עריק). אָט אַזאַ האָט ער זיך באַקומען און זיך געמוזט באַקומען אין מויל פון יידישן שפּילמאַן, וואָס האָט צום ריטערטום און ריטערלעכקייט נישט נאָר נישט געקאָנט האָבן קיין גוטע באַציאונג, נאָר האָט לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן געהאַט אַן אמת שנאהדיקע באַציאונג. עס שטעלט זיך במילא די פראַגע, פאַרוואָס זשע האָבן פאָרט אָט די ראָמאַנען אויסגענומען ביים יידישן לייענער?

וואַרשיינלעך דערפאַר — וואָס די צווייי רעליגיעס, סיי די הערשנדיקע, סיי די געררודפטע, האָבן אין תוך געגומען געפלעגט דעם גלויבן אין אומוואַרשיינלעכן, נישט קאָנטראָלירלעכן, פאַנטאַסטישן, כדי שטאַרקער צוצובינדן די מענטשן צו די רעליגיעזע דאָגמען און זיי באַרויבן פון יעדן קריטישן אַנאַליז. ס'איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן דאָס אונדזערע עלטער־עלטער־באָבעס האָבן טראַקטירט די ריטער־מעשיות געגוג ערנסט און זיי טיף איבערגעלעבט. ווי עס גיבן איבער די פאָרשער איז אין די צוויי האַמבורגער כתב־ידן פון אַרטור־ראָמאַן, וואָס זיינען אויף אַ יאָרהונדערט ייִנגער פון דעם געדרוקטן אַרטור־ראָמאַן, קלאָר צו זען, אַז ער איז געווען רעציטיר־שטאָף פאַרן שפּילמאַן און נישט קיין לייען־שטאָף. ס'איז צו מערקן אין די כתב־ידן נישט בלויז די פּויזעס, וואָס דער שפּילמאַן פלעגט מאַכן, נאָר טיילווייז אויך ווי אַזוי דער צוהערער פלעגט אויף דער מעשה רעאַגירן.

ווען ס'קומט, למשל, צו דעם אָרט ווי די מכשפה שפּאַלט דעם בוים און זעצט אַהין אַריין דעם הויפּט־העלד פון אַרטור־ראָמאַן, ווידווילטן, איז פון כתב־יד גופא צו זען די שטאַרקע שטימונג פון עולם, ווייל אויף דעם אָרט מאַכט דער שפּילמאַן אַ פּויזע און מעלדעט, אַז ער וועט ווידווילטן אַזוי לאַנג לאָזן שטעקן אין בוים, ביז מען וועט אים נישט געבן אַ פולע גלאָז ווין:

נון מוז ווידווילט אזוי לאנג געפאנגען זיין
ביז איר מיר גיבט צו טרינקען גוטן ווײן
דו וויל איך אים העלפן וואָל
שענקט איר מיר אנדערש איין גרויס גלאָז פול
(אויסלייג מאָדערניזירט).

ווי ווייט די העלדישע און אומווארשיינלעכע ריטער־געשיכטן האָבן געהאט אן אָפּקלאנג און זיינען געווען באליבט ביים יידישן עולם, באווייזט אונדז די גרויסע פּאָפּולערקייט פון אליהו בחורס (לעוויטעס) פרייע באאר־בעטונג פון ראָמאן וועגן דעם ריטער „בואווא ד׳אנטאנא״, וואָס איז גע־שאפן געוואָרן לפי־ערך אין 1400 יאָר און איז אין לויף פון יאָרהונדער־טער געווען באַליבטער לייען־שטאָף. די לעבנס־פּאַסירונגען פון העלד בבא זיינען פּונקט אַזוי דורכגעפלאָכטן מיט העלדן־טאַטן, כישוף און אַנדערע ניסים ווי דער ארטור־ראָמאן. אויך דער דאָזיקער ריטער־ראָמאן פארמאָגט א סטאנסן־מעטריק.

ווען דאָס בוך איז דורך אליהו בחור אָנגעשריבן געוואָרן, ווייזט דער מחבר אַליין אָן אין די שלוס־סטראָפעס פון דעם בוך.

דאָך וויל איך נעמען וואר
ווער דאש בוך האָט געמאכט און געשריבן:
אליהו בחור נענט ער זיך צוואר,
איין גאנץ יאָר האָט ער דאריבער פארטריבן
(א גאנץ יאָר האָט ער איבער דעם געארבעט)
און האָט עס געמאכט דאָס זעלביק יאָר
דאָס מען ציילט צוויי הונדערט אונ׳ זעכציג זיבן (1507)
גאָט זאָל אונז געבן רו פון אַלע בייזע טיר (חיות).

די פערזאָן פון מחבר איז א ביז גאָר אינטערעסאנטע און האָט גרויסע פארדינסטן סיי פאר דער העברעישער גראמאטיק, סיי פאר דער יידישער פילאָלאָגיע. ער איז א מחבר פון א יידיש־דייטשן ווערטער־ביכל „שמות דברים״ (איסני, 1542 י.) אין דער ערשטער תקופה פון זיין פאַרצווייגטער ליטערארישער און וויסנשאפטלעכער טעטיקייט איז ער געווען אי מלמד, אי מחבר פון פּאַשקווילן אויף זיינע קעגנער, אי שפּילמאַן, וואָס פלעגט זינגען לידער פארן פארזאמלטן עולם. אין זיין פערזאָן איז בולט צו זען די פילזייטיקע באַגאַבטקייט פון די רענעסאַנס־טוער.

דער אינהאלט פון דעם „בבא־בוך״ איז אויך פול מיט שילדערונגען פון שלאכטן, מיט העלדישע מעשים פון דעם ריטער, מיט פאלשע שפּיצ־

לעך און פארליבעניש, הכלל מיט אלע אקסעסוארן פון די ריטער־ראָ־מאַנען, אָבער דאָך שפּירט זיך דאָ דער יידישער מחבר, סיי אין דעם צו־גאנג צום ריטער־שטאָף, סיי אין דעם יידישלעכן אויסדרוק, סיי אין די סענטענצן, באטראכטונגען און פארגלייכן, וואָס זאָגן עדות אויף דער פריי־ער טראַקטירונג פון שטאָף. אַזוי צ. ב., ווען די פאַלשע בראַנדאָניע, וועלכע דער קיניג גווידאָן האָט גענומען פאר א ווייב, האָט אים מיט דער הילף פון איר געליבטן דאָדאָן אומגעבראכט, ווענדט זיך אליהו בחור מיט פאַל־גנדיקן יידישלעכן מוסר־השכל צו די צוהערער „דרום ליבן הערן איר זאָלט שויען — וואָש אונגליק קומט פון דען בייזן ווייבן" און זאָגט:

אלע אומגליק קומט פון דען בייזן פרויען
זעכט (זעט) וואָס שלמה המלך טוט שרייבן
ווי ער זוכט איין פרוי איין רייגע
אתי׳ זיך טאג פאנד ער קיינע.

און נישט בלויז די סענטענצן, נאָר אָפט אויך דער רייד־אופן פון די גרעפינס, הויפלייט און קיניגן דערמאָנט אין דעם אַרט רעדן אין אַן אַרטאָדאָקסיש־גאָטפאָרכטיק יידיש הויז... אַזוי ווערט מארגארעטס חתונה באַשטימט „במזל טוב איצונד גלייך צו ראש־חודש ניסן". דרוזאַנע איז שטארק באַזאָרגט צוליב דעם, וואָס זי האָט נישט באוויזן אירע קינדער יידישן, און דער קיניג באַרואיקט זי: „דו דאַרפסט נישט זאָרגן, איין היפשי ברית־מילה וויל איך מאכן מאָרגן"... די גרעפין ווידער דערזעט דרוזאַנען און רופט אויס: „עס איז, ביי דען בורא עולם מיין קרובה דרוזאנע, איך וויל איר גיין געבן שלום". ס׳איז דאָ דוכט זיך נישט נויטיק צו באַטאָנען, אַז דאָס בוך איז שטארק געקירצט און אַז אלע שטעלן, וואָס האָבן א שייכות צו קריסטלעכקייט און ריטערלעכן שטייגער, זיינען באַזייטיקט געוואָרן, פּונקט ווי אין דעם אַרטור־ראָמאַן און אין די דייטשע פּאָפּולערע לידער. אָבער צווישן דער באַארבעטונג פון אַרטור־ראָמאַן דורכן אַנאָנימען מחבר און דער באַארבעטונג פון „בבא בוך" דורך אליהו בחור איז דאָך פאראַן אַ ווענזנטלעכער אונטערשיד: ביי אליהו בחור מערקט זיך דער סקעפּסיס פון יידישן פאָלקס־מענטש צו די העלדן און צו די באַשריבענע געשעענישן, וואָס דארפן מאכן גליווערן דאָס בלוט, ווי אויך דער יידישער חוזק־שמייכל אי־בער דער פרעמדער ריטער־וועלט און אירע מאַניערן. אויך אין זין פון ווערסיפיקאציע און גראַמען־רייכקייט שטייגט איבער אליהו בחורס בוך דעם ארטור־ראָמאַן. עס מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז פון ריין קינסט־לערישן שטאַנדפּונקט, שטייט אליהו לעוויטעס צווייטער ראָמאַן „פּאַריז

און וויענע" פיל פיל העכער. די טעמע פון דעם ראמאן איז די טרייע ליבע פון דעם ריטער פאריז צו דעם קיניג דולפינס טאכטער וויענע. היות פאריז איז נישט קיין מלך און נישט קיין בן־מלך, געפעלט נישט דולפינען דער שידוך, און דאס פארליבטע פארל פרווט טאן אלץ אין דער וועלט, בכדי אפצוהיטן די טריישאפט און ליבע. נישט געקוקט אויף די פיל שטרויכלונגען, ענדיקט זיך דאס בוך מיט זייער זיג, מיטן זיג פון דער הייסער, טרייער ליבע.

אין אט־דעם ריטער־ראמאן לאזט זיך דער אומגליקלעכער פאריז, וואס קאן נישט קריגן די הסכמה פון קיניג, א טרויעריקער איבער דער וועלט, פארדינגט זיך אין סולטאנס הויף אלס דאקטאר און ווערט שטארק באליבט אלס גרויסער ספעציאליסט. די אומגליקלעכע וויענע ווערט, נאך א נישט געלונגענעם פרווו צו אנטלויפן מיט איר געליבטן, געצוווּנגען דורכן טאטן באוויליקן אויף שידוכים מיט קיניגן, אבער זי ווארפט אנטשידן אפ אלע פראפאזיציעס, ביז דער דערצארנטער פאטער הייסט זי פארשליסן אין א תפיסה־קאמער. אין א צייט ארום ווערט דער קיניג דולפין געפאנגען דורכן סולטאן, מיט וועלכן ער, צוזאמען מיט אנדערע קריסטלעכע קיניגן, האט געפירט מלחמה. ער שטייט נישט בלויז אין אנבליק פון שווערע פייניקונגען, נאר עס דראט אים אויך טויט, ווייל ער ווערט באשולדיקט אין שפיאנאזש. דא באוויזט זיך צוריק אויף דער ארענע דעם סולטאנס דאקטאר, דער פארשטעלטער טערק פאריז און מיט קלוגע שפיצלעך געלינגט אים צו באפרייען דולפינען און צוזאמען מיט אים אנטלויפן. פארשטייט זיך, אז פאריז, וואס טראגט טראדיציאנעלע מזרח־קליידונג, דערציילט נישט ווער ער איז, אויך דער קיניג דולפין דערקענט אים נישט. פאריז קריגט די דערלויבעניש פערזענלעך באזוכן די איינגעשפארטע טאכטער זיינע, וואס וויל נישט אנקוקן קיין שום חתנים. ער אנטפלעקט זיך אלס איר באגערטער פאריז, דעמלט קומט זי מכלומרשט אנטקעגן איר פאטערס פארלאנג און גייט איין אויפן שידוך מיט פאריזן.

ווי ס'איז צו זען, פעלן דא לגמרי די מכשפות, לינדווערעם, די כישוף־גארטלען און דאס כישוף־פערדעלע פון דעם בבא־ראמאן. עס ווערן געגעבן פאקטן, וואס וואלטן ווירקלעך געקאנט פאסירן, האנדלונגען, וואס ליגן אין דער מענטשלעכער טבע, און ווירקלעכע געשטאלטן. אלזא דער ראמאן קאן פאררעכנט ווערן צו דעם רעאליסטישן זשאנר.

אליהו בחור האט דעם ראמאן נישט בלויז געקירצט, נישט בלויז פארביטן די קריסטלעכע שטייגער־בילדער און אויסדרוקן אויף

ייִדישלעכע, נייערט געשאַפן אַן אייגענעם ייִדישן וואַריאַנט פון דעם ריי־
מער־ראָמאַן. אין דעם ראָמאַן הייסט נישט אליהו בחור זיינע קריסטלע־
כע העלדן איינלאַדן אויף דער חתונה לצנים און „פּופּציק פּרעמדע
מגינים‟, פּראַוועווען ברית מילה און ענלעכס. דאָ, אין „פּאַריז און וויענע‟,
זיינען די העלדן קריסטלעכע העלדן, נאָר די האַנדלונג באַגלייט ער מיט
דעם ספּעציפיש־ייִדישן דערציילן־נוסח, מיט ייִדישע סענטענצן און ווערט־
לעך, וואָס דריקן אויס סיי דעם סקעפּטישן שמייכל פון דער רענעסאַנס־
תקופה, סיי דעם ייִדישן מוסר־השכל, וואָס איז אַזוי געווען אָנגענומען
אין אַלע מוסר־ספרים, און ער באַוווירצט זיי מיט דער לעבנס־חכמה פון די
ייִדישע „לצנים‟. אַזוי טרעפן מיר אַן אַזעלכע סענטענצן:

„זוישט (אַזוי) האָבן גיזאָגט אונזרי ווייזן,

וויא בויט בריכט אָפּט די שטיין אונ׳ אייזן‟.

דער זון פון בורגגלאַנדער הערצאָג, וואָס שדכנט זיך צו וויענען, „גיש־
טערט ווי א קאַץ נאָך א מויז‟ און ווען ער איבערצייגט זיך, אַז זיינע
אַלע באַמיאונגען וועלן אים נישט געלונגען, הייסט אים אליהו בחור מאַכן
דעם ייִדישן אויספיר וועגן דעם „מזווג זיוווגים‟:

„וואָס אָנגיבירט צו נעמן מאַגן אונ׳ ווייבר

דאָס קומט פון הימל, דאָרט איז דער שרייבער‟.

אין „פּאַריז און וויענע‟ זיינען פאַראַן גאַנץ היפּשע אָפּווייכונגען פון
דעם עצם־סיפור־המעשה, אין וועלכן עס קומט צום פולן אויסדרוק דער
פאָלקס־באַנעם פון פאַרשידענע לעבנס־פּראָבלעמען. אַזוי ווען אליהו בחור
דערציילט, אַז וויענע זאָגט זיך אָפּ פון רייכע שידוכים און בלייבט טריי איר
געליבטן, גיט ער צו, אַז אַזעלכע געטרייע פרויען איז אין די היינטיקע צייטן
(דאָס בוך איז געשריבן אין די יאָרן 1509—1513!...) נישט צו געפינען.

עס מוז באַזונדערס באַטאָנט ווערן, אַז פון ריין פאָרמעלן שטאַנד־
פּונקט פאַרמאָגט „פּאַריז און וויענע‟ קעננטיקע דערגרייכונגען, נישט בלויז
אין דער געלונגענער, פולבלוטיקער שילדערונג פון די האַנדלענדיקע הויפּט־
געשטאַלטן פון ראָמאַן, נאָר אויך דורך דעם געלונגענעם און אָפּט אָרי־
גינעלן צוקלייב פון גראַם און פולבלוטיקייט פון דער סטראָפע. שיין זיי־
נען אויך די לירישע שטעלן, דאָס געבעט פון דער פאַרליבטער וויענע,
אַז איר געליבטער זאָל זיין „פרייש אונ׳ געזונד‟, די טרעפונג פון פּאַריז
מיטן פאָטער נאָך דעם, ווי עס ווערט שוין א שידוך צווישן אים און וויע־
נע א. אנד.

פאריז און וויענה

פר שפרך איך כון דעם הֿאלדלט וואט
אונ׳ אלי טאג וועֿר איבֿן וואסר ·
כון מיינם דיין עס אונ׳ דיא גאֿכן שטאט
איך ווי איין סונרן אודר איין טאמר
דרום וויל איך אין דם מיר כפֿטע
אל כייד הין גינן כו דייס וואסר ·
אבר זיך ריד קיין וורט אונ׳ זיי כיט לוייטפֿרן
כיו דם איך דיר ווער ווינקן אודר רוייטפֿרן ·

אודר קאמן זיא אל דריי
גאר ורוילינֿן הירויס כו לאבֿן ·
דו זיא העֿר סרטן או ורי
דו דרשטונכן גלייך דיא גוטן פפֿאפֿן ·

ח צעהינט טייל :

אייכר נידובֿט עו וועֿר איין כויבירי
דער אכדר וואר זיך שיר כֿויר גלאבֿן ·
דער מוינך דער מאבֿיס הונדרט קרוייגליך
פריז ספרך שטעלט אויך כיס או סוייגליך :

איך וויים כים וואו איר זייט בֿויר לוייט
איר הט ויל ריד כון טון כֿור געטן ·
אונ׳ איך האב גורט מיט איך גיטרייט
אונ׳ הב זיא קוינן אויבר געטן ·
דאו ווערט איר אל כון זעהן הוייט
קומט נורט מיט מיר גו אירן עטן ·
או גיבגן זיא אים נוך וואל אלי זאיין
כיו דם זיא בֿויר דולפֿין דעם קייניג קאמן

פריז אונ׳ ויענה אונ׳ אודפּלה וואֿרן
פורדרט קיניג גפאנגן:

דו דער קויניג דיא טוכטר זאך
דו גיבגן אים אויבר דיא אגן ·
פריז גו זיינם מוינכן שפרך
ער וולט דעם ליבן קייניג זאגן ·

דם ער זיא זעהבֿס וולט כיטן אך
דם זיא אין כיט מין וולט אויז שלאגן ·
או טעטם דער מוינך כאלד אונ׳ כיהעכן
דולפֿין וואו זיך גינן דער טוכֿטר ווענדן:
אונ׳

ווען אָט דער ראָמאַן איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן, איז נישט באוווסט. בלויז אויפן סמך פון א מעלדונג פון אן איטאַליענישן גלח, דזשוזעפּא וועגטארי, האָבן די ביבליאָגראַפן בן־יעקב און שטיינשניידער, אָנגעגעבן, אז אין יאָר 1594 איז אין ווענעציע דערשינען א שיין אילוס־טרירטער ראָמאַן מיטן נאָמען „פּאריז און ויענע", און אז דער איבערזעצער פון דעם איטאַליענישן ראָמאַן איז געווען אליהו בחור. ערשט מיט יאָרן שפּעטער איז געפונען געוואָרן איין איינציקער שטאַרק באַשעדיקטער עקזעמפּליאַר פון דעם בוך אין טרינטי־קאָלעדזש־ביבליאָטעק אין קעמברידזש.

יעדנפאלס איז פון דעם ווערק קלאָר צו זען, אז ס'איז געווען א באַשטאַנדטייל פון שפּילמאַן־רעפּערטואַר און פלעגט ווארשיינלעך דורך אליהו לעוויטען אַליין רעציטירט ווערן. וועגן דעם זאָגן עדות אַזעלכע שטעלן אין ראָמאַן:

„און וואָלט איר ווייטער הערן פון דען פירן
זאָ וואַרט, איך מוז מיר פאַר די קעל גען שמירן.

צום סוף פון לעצטן, צענטן, געזאַנג רעדט דער מחבר ־שפּילמאַן, וועגן דעם, אז דער צוהערער איז ווארשיינלעך שוין מיד געוואָרן צו הערן און אז ער איז „מיד אונ' זאט אייך פירצולייאַן".

עס איז פאַראַן א בולטע אָנווייזונג, אז דאָס פאַרלייענען דעם ראָמאַן פלעגט דויערן גאַנצע צוויי וואָכן.

פון די קורצע כאַראַקטעריסטיקעס פון די באַארבעטונגען פון די פּאָפּולערע ריטער־ראָמאַנען, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען, איז קלאָר צו זען, אַז דער יידישער שפּילמאַן פאַרמאָגט טעכנישע שלימות און נישט קנעכטיש, נאָר פריי באַאַרבעט ער דעם שטאָף, אַנטשפּרעכנדיק צום באַגעם און שטייגער פון דעם פאָלקס־מענטש.

ווי ווייט די ריטער־פּאָעמעס זיינען געווען באַליבט, באַווייזט די גרויסע צאָל אויפלאַגעס פון „בבא־בוך", וועלכער איז שפּעטער, אין 18־טן יאָרהונדערט, מגולגל געוואָרן אין א פּראָזאישער „בבא־מעשה" און געוואָרן אין פאָלקס־מויל דער סינאָנים פון אַלדאָס אומוואַרשיינלעכע. די באַצייכענונג „באָבע מעשה" איז אַזוי ווייט אריין אין אונדזער שפּראַך, אַז מען האָט שוין פאַרגעסן דעם אָפּשטאַם פון וואָרט און פיל מיינען, אז די באַצייכענונג נעמט זיך פון דעם וואָרט באָבע און נישט פון דעם ריטער באָווע...

דער ריטער־ראָמאַן און די ליבע און טאַנץ־לידער זיינען נישט געווען די איינציקע רעפּערטואַר־פּאָזיציעס פון יידישן שפּילמאַן. ער האָט אויך נישט פאַרמיטן צו שעפּן פון די רייכע קוואַלן פון יידישן פאָלקס־עפּאָס, געשטיצט אויף דער רייכער מדרש־ליטעראַטור. צו אַזעלכע ווערק געהערט קודם־כל דאָס „שמואל־בוך" און „מלכים־בוך". די דאָזיקע ביכער, טראָגן אַלע סימנים פון פּאָלוּוערטיקע דיכטערישע שאַפונגען פון פאָלקס־דער־ציילערישן ווערט, וו דאָס רעליגיעזע איז בלויז אַן אויסערלעכע פאָרם פאַר דער העלדישקייט, וועלכע ווערט אין די ווערק באַזונגען.

קאַפּיטל 4.

דער יידישער עפּאָס אויף ביבלישע מאָטיוון

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אז אין מיטלאַלטער איז די צאָל אויסגאַבעס אין יידיש געווען א ביז גאָר באַשרענקטע צוליב דער גרויסער הוצאה, וואָס דאָס אַרויסגעבן אַ בוך האָט געפאָדערט. אַנדערש האָט אויסגעזען די לאַגע נאָכן אַנטשטיין פון דרוק־וועזן. גוטענבערגס דערפינדונג פון שריפט־גיסעריי האָט אויפגעעפנט אַלע שליוזן פאַרן פאָלקס־בוך — אַזוי ביי די אומות־העולם, אזוי אויך ביי אונדז יידן. עס באַווייזן זיך פשוטע פאָלקס־מענטשן, אלס אַרויסגעבער, אלס מחברים און איבערדיכטער פון ביבל־מאָטיוון. עס באַווייזן זיך פּראָזע־באַאַרבעטונגען פון עקידת־יצחק און די מעשה פון יציאת־מצרים. די זעלבע סיבה אָט אויך דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון דער שיינער ביבלישער פּאָעמע „דאָס שמואל־בוך" און פון דעם „מלכים־בוך". עס באַווייזן זיך דאַן אויף די שער־בלעטער פון די יידישע אויסגאַבן נעמען פון אַזעלכע פשוטע מענטשן, ווי יוסף בר יקיר און יצחק סולקעס.

צו יוסף בר יקירס אויפטוען געהערט קודם־כל דאָס אַרויסגעבן אין בוך־פאָרם אַן איבערזעצונג פון סידור און פון דער פּאָעמע „שמואל־בוך".

הגם די סידור־איבערזעצונג געהער נישט צו דעם מין וועלטלעכע ליטעראַטור, האָט זי דאָך א גאַנץ פּראָגרעסיוון באַטייט. דערמיט איז דער פשוטער פאָלקס־מענטש יוסף בר יקיר אַרויסגעטרעטן קעגן די כל־המיניכ־אויטאָריטעטן אין יידישן פאָלקס־לעבן, וואָס האָבן געוואָלט נישט נאָר

אַנוואָרפן דעם אינהאַלט לויט זייערע אויסטייטשונגען, נאָר בכלל צוימען יעדע פֿאָלקס־איניציאַטיוו אין פֿאַרלעגערישער הינזיכט. ס׳איז געווען אַ פעסטגעשטעלטער מנהג, אַז יעדע נייע אויסגאַבע פון אַ וועלכן עס איז רע־ליגיעזן בוך האָט באַדאַרפט האָבן אַ הסכמה צי אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ רעליגיעזן אויטאָריטעט. גרויס אויפרעגונג פלעגט אויך ארויסרופן ביי די לומדים פון מיטלאַלטער און פון דער נייער צייט דאָס דערשיינען פון הייליקע ספרים אויף יידיש. יוסף בר יקיר לאַכט אויס די לומדים און מנהיגים, וואָס האָבן אָנגעפיקעוועט דעם מחזור מיט אַן אַ שיעור אומ־פֿאַרשטענדלעכע פּיוטים און גיט צו מיט איראָניע: ס׳איז טאַקע באַוווּסט, אַז דאָס לשון־קודש איז זעמל־מעל, אָבער דער פשוטער עולם קען קנאַפּ די שפּראַך.

דאָס „שמואל־בוך" איז דערשינען אין אויגסבורג 1544. ווער דער מחבר איז פון דעם ביבל־עפּאָס, וואָס איז געשריבן אין אַן אויסגעהאַל־טענער ניבעלונגען־סטראָפע, איז נישט באַוווּסט, דערפאַר איז באַוווּסט, אַז דאָס בוך איז פיל עלטער פון דער צייט פון זיין דערשיינען און פון די פאַרהיטע צוויי מאַנוסקריפּטן. ווי ס׳האָט באַמערקט דער פאַרשער פראַנץ דעליטש, איז דאָס „שמואל־בוך" פאַקטיש אַ „דאַווידיאַדע" — ד. ה. אַ בוך, וואָס שילדערט דאָס לעבן און די העלדישע אויפטוען פון דוד בן ישי. ס׳איז אויך זיכער, אַז דער מחבר פון דעם בוך איז געווען אַ שפּילמאַן. אַז אַזוי איז עס טאַקע, זאָגט עדות דער פינאַל פון דער אויגסבורגער אויסגאַבע, וואָס ווייזט אָן, „דען ניגון פון דעם ספר שמואל — דען קאַן כל ישראל", ווי אויך צ .ב. אַזאַ שטעל, אַז די פּאָעמע איז פאָרגעלייענט געוואָרן:

עלי דער כהן גדול — די פרוי ער אנזאך —

נון מאַכט (מעגט) איר גערן הערן — ווי ער צו איר שפּראַך.

דאָס „שמואל־בוך" האָט אַ דיכטערישן אָטעם און אַ שפע פון גראַם און בילד.

צו דעם זעלביקן זשאַנר דאַרף פאַררעכנט ווערן דאָס „מלכים־בוך", וואָס איז אויך ארויסגעגעבן געוואָרן אין דער זעלביקער אויגסבורגער דרוקעריי פון יוסף בר יקיר מיט אַ יאָר פריער (אין 1543 יאָר).

צוערשט איז געווען פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז די ביידע פּאָעמעס זיינען געשריבן געוואָרן פון איינעם און דעם זעלבן מחבר צוליב דעם צושריפט פון די פאַרלעגער, וואָס האָבן אָנגעוויזן, אַז דער „ספר שמואל" און דער „ספר מלכים" איסט אַלז איינר". אָבער לויט אַלע וואַרשיינלעכ־

קייטן, זיינען די ביידע ווערק פארפאסט געוואָרן דורך באזונדערע דיכטער־שפּילמענער.

אויף ביבלישע טעמעס זיינען אויך געשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ריי קורצע ווערק, זיי האָבן זיך אָבער נישט פארהיט. א זכר פון דעם מין דיכטונג איז צו אונדז דערגאַנגען דורך דער פּיעסע „מלכות שאול גם עקדת יצחק״, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין 1875 יאָר אין ווילנע. אין דער דערמאָנטער פּיעסע קומט בעמלעך, אָן שום צוזאמענהאנג, נאָך דער ווענדונג פון פּאַיאַץ, עס זאָל זיין שטיל, ווייל עס ווערט געוויזן „דאָס הערשאפט פון דעם קיניג שאול״ — א פּאָעמע וועגן „אדאם און עווא אין פּאראדיז״. אלזאָ א ווערק, ווי עס גיט אָן ד״ר צינבערג, וואָס האָט אמאָל געטראָגן דעם נאָמען „אדם וחוה ליד״ און איז, ווייזט אויס, דורכן פאָלקס־מויל אין משך פון דורות געראטעוועט געוואָרן פון פארגעסנקייט...

ווי ס'איז צו זען, האָט דער יידישער שפּילמאַן געשעפּט מאַטעריאַל נישט בלויז פון דייטשן, איטאַליענישן און אנדערע ריטער־ראָמאַנען, נאָר אויך פון די קוואַלן פון דער יידישער ביבל און מסורה... די יידישע געשיכטע, וועלכע איז פול מיט דראמאטישן שטאָף און מיט אָן א שיעור פאָלקס־לעגענדעס, איז געוואָרן א מאטעריאל פאר איבערדיכטונג און גרויסע פארביקע פּאָעמעס, וועלכע זיינען צוערשט געוועזן בלויז שפּאנענדיקער הער־שטאָף און ערשט שפּעטער, א דאנק דעם פאָלקס־פארלעגער — ווערן זיי אויך לייען־שטאָף. די ברייטע מעגלעכקייטן, וואָס עס האָט געשאפן פאר פארלעגערישער ארבעט די דרוק־דערפינדונג, האָט געגעבן א שטויס אויפצוזאַמלען די פיל מסורות און לעגענדעס, וואָס זיינען אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל, האָבן דערמעגלעכט דאָס אַנטשטיין פון אַ גרויסער פאָלקס־ליטעראַטור סיי פון וועלטלעכן, סיי פון מוסרדיק־רעליגיעזן כאַראַקטער.

קאפיטל 5.

די פאָלקס־ליטעראַטור און פרויען־ליטעראַטור

די יידישע ליטעראַטור־געשיכטע ווייסט פון א סך פאָלקס־מעשׂיות, וואָס האָבן שוין אין 16־טן יאָרהונדערט פובליקירט זעלבשטענדיקע באַאַרבעטונגען פון ביבל, מדרשים, אגדתות און זיינען געווען די שפּעטער פון יידישן מעשׂה־נוסח.

פון דעם מאָמענט, ווען עס הייבט זיך אָן א ברייטע פארלעגערישע טעטיקייט אויף יידיש, ווערט נישט בלויז דער אינהאלט פון בוך פאָלקס־טימלעכער און פשוטער, נאָר עס פארגרעסערט זיך אויך זיין פארשפּריי־טונג. עס קומט צו א נייער אָפּנעמער: — דער פשוטער פאָלקס־מענטש, די יידישע פרוי, דער בעל־מלאכה און ישובניק, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אויסערן גרענעץ פון יידישן קולטור־פאַרמעגן. סיי די פארביליקערונג פון בוך, סיי די פארשטענדלעכקייט פון דער שפּראַך, אויף וועלכער עס איז געשריבן, מאכן עס פאר א ברייט געברויך־ארטיקל.

ס'איז אינטערעסאנט, וואָס דער ווייט־גרעסטער טייל פון די גדולי הדור פון יענער צייט זיינען געווען קעגנער אַפילו פון די מוסר־ספרים אויף יידיש. זיי האָבן אפילו קרום געקוקט אויף די איבערזעצונגען פון חומש, שוין דער פאקט גופא, וואָס דער תורה־טעקסט און דאָס געטספאָרכטיקע וואָרט וועט נישט זיין זייער אויסשליסלעכער מאָנאָפּאָל, איז זיי געווען ווי א דאָרן אין אויג.

סולקעס מאַכט קלאָר די וויכטיקייט פון אַזאַ מין ליטעראַטור אויף ייִדיש מיט א משל: ער זאָגט, געמלעך, אז נישט יעדער איז געגוג פאַרמעגלעך ער זאָל קאָנען אין רייכע קראָמען גיין זיך איינקויפן „גאָלד און זילבער און סאמעט״. דעריבער איז נויטיק צו האָבן אויך „קליינע קרעמער״, וואָס זאָלן פארקויפן אויך ביליקע סחורה פארן געמיינעם מאן. און דעריבער האָט ער, יצחק סולקעס, זיין „קרעמל אויפגעשלאָגן״

פאר די געמייגע לייט אונ׳ פאר די פרויען
אונ׳ לאָזן זיי קומען די קראָם באשויען:
זי ווערן געפונען פילערליי זאַכן, דאָ שטעען אין אונזערע ספרים
דאָס האָב איך אלץ געפליקט צו אנאנדער אין דען שיר־השירים״.

נאָך בולטערע פראָטעסט־אקצענטן קעגן די „מאָנאָפּאָליסטן״ אויף נאַציאָנאל־רעליגיעזער קולטור געפינען מיר אין יצחק בן אהרון פראשניצס פאָררעדע צו „מגילת אסתר״. פראשניץ פארטיידיקט די ווייבער לויטן נוסח פון מדרש, וואָס טייטשט אויס, אַז די „בית־יעקב״ זיינען די ווייבער און קינדער, און דער אויסדרוק „בית־ישראל״ — מיינט די מענער, דאָס הייסט, דער רבונו של עולם האָט געגעבן די תורה פאר אלעמען און נישט בלויז פאַר די מענער און אַוודאי נישט פאַר אַ הייפל אויסדערווײלטע, וואָס אויסער זיך זעען זיי קיינעם נישט.

עס איז כדאי צו ברענגען די ארויסזאָגונגען פון נאָך איינעם, „וואָס איז נישט אין לערנען אזוי טיף״. דאָס איז א פאָררעדע צום מוסר־ביכעלע „סם החיים״ פון דעם לודמירער (וואָלין) אפּטייקער אברהם אשכנזי, וואָס איז דערשינען אין פראָג (1590). אין דעם ביכעלע איז נישט פאראן קיין מאמרים פון גרויסע אויטאָריטעטן, קיין פרעטענזיעס אויף לומדות. עס פארנעמט זיך מיט פראקטישע פראגן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. אברהם אשכנזי איז אינגאנצן פארקוקט אויף די דערשיינונגען פון דעם ארום און דעריבער באַקומען זיינע אַרויסזאָגונגען אַ בולט סאָציאַלע פאַרשפּיצטקייט. נאָך דעם, ווי ער שטרייכט אונטער זיין קנאַפּע געבילדעטקייט און בעט מען זאָל אים לייענען, זאָגט ער, אז זיין ציל איז „אל שלעכט אין וועג אויז־רוימן, אונ׳ וויל פון די ראשים אָן פאנגין אן זוימן, דערנאָך דעז סדר פון דיא רבנים דז (וואָס) זענין די שטאָט־ווערכטער״.

ווי ס׳איז צו זעען, האַלט אַשכנזי, אַז נישט נאָר דער פּשוטער פאָלקסמענטש נויטיקט זיך אין מוסר־רייד, אַז אויך די „שטאָט־וועכטער״, די רבנים, גבאים, ד״י ראשים און פרנסים, זיינען ביז גאָר ווייט פון גאָטספאָרכטיקן אידעאַל און טוען ווייט נישט אַלץ אָנפניותדיק. דאָס ביכעלע

הויבט זיך טאַקע אָן פון זיי און גיט אָן אויסגעצייכנטן אַריינבליק אין די דעמלטיקע סאָציאַלע פאַרהעלטנישן. ער פאָדערט, נעמלעך, פון די שטאָט־באַלעבאַטים זיי זאָלן נישט באַוואלהן דעם געמיינעם מאַן, אויף אים נישט איבערוואַרפן די שטייערן־לאַסט. דער לודמירער אפטייקער לערנט „דרום דער וויל זיין איין פרנס איבער די לייט, מוז זיך דערבארעמען איבער זיא אלי צייט, אונ׳ ווער מיט גאווה דש ראשות וויל פירן, שטייט אים גיהנם אויפין (אפן) אלי טירן... זיי זאָלן נישט טרייבן חניפות, אונ׳ זיי זאָלין אך (אויך) נישט אלע צייט ברויכן איר תקיפות; זיי זאָלן קיין שוחד בגרין (באגערן), גוט (גאָט) ווערט (וועט) עש איבען, אויף איין אנדר אורט (אופן) באשערן״. שוין פון דעם אָנווייז ווי אזוי די שטאָט־פירער דאַרפן נישט האנדלען, און דאָס שרעקן זיי מיט די אָפענע טויערן פון גיהנום, ווייזט אויף דער בולטער קלאַסן־צעטיילונג אין דער יידישער געזעלשאַפט, אויפן תהום צווישן דעם פעאָדאַלן פני און פאָלקס־מענטש.

ווי ס׳איז צו זעען, האָבן זיך שוין אין 16־טן יאָרהונדערט באַוויזן אין רעליגיעז־מוסרדיקן לבוש גאָר וויכטיקע שטייגערישע און סאָציאַלע מאָמענטן, וואָס טראָגן נאָך נישט קיין קאַמף־כאַראַקטער און מאָביליזירן נאָך נישט קעגן די אויסנוצערס, אָבער וואָס ווייזן ארויס די גענויגטקייט פעסטצושטעלן די אומערלעכקייט פון דעם יידישן קלער און די שטאָט־באַלעבאַטים. דער פאָלקס־כאַראַקטער פון דעם מיז ליטעראַטור שעפּט זיך אָבער דערמיט נישט אויס. די פאָלקס־ליטעראַטור פון 16־טן יאָרהונדערט האָט דערמעגלעכט דער דערשלאָגענער יידישער פרוי צו שעפּן פון די רייכע קוואלן פון דער יידישער מסורה און איבערצוטראָגן די אלע מעשיות און זיטלעכע לערעס צו די וויטערדיקע דורות.

כמעט אלע מוסר־ספרים, וואָס זיינען באשטימט נישט בלויז פאַרן אויסשליסלעכן געברויך פון דער פרוי, ווי די „צאינה־וראנה״, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „ווייבערישער תורה״ און האָט דערלעבט צענדליקער אויפלאַגעס, נאָר אויך דער „בראַנטשפיגל״, וואָס איז געווען פאָפולער ביים דייטשן יידנטום, און דער פינצטערער, שטרענג־רעאַקציאָנערער „לב טוב״, וואָס איז געווען פארשפרייט אין די פוילישע קהילות, האָבן ביז גאָר פיל אָרט אָפּגעגעבן נישט בלויז דער פראַגע פון דער פרויס פליכטן לגבי דעם מאַן און לגבי דער ריינקייט פון דער שטוב, קינדער־דערציונג און דעסגלייכן, נאָר אויך געלייגט אויפמערקזאַמקייט אויף דער גלייכקייט פון מאַן און פרוי.

עס איז אויך בויטיק אָנצוּווייזן אויף דעם דערציילערישן ווערט, אויף דעם הארציק־פאָלקסטימלעכן טאָן פון א גאנצער ריי אויסגאבן. די פּראָזע אויף מגלית־אסתר „די לאנג־מגילה", וואָס עס האָט געמאכט לייב בר' משה מעליר, איז שוין ווינציק וואָס ענלעך צו די פּייערלעך־פּאַטעטישע סטראָפן פון דער שפּילמאנישער רעציטאציע. דאָס ווערק אנטהאלט א שלל לעגענדעס, קלוגע אַרויסזאָגונגען, סענטענצן, וואָס ווערן אויף אַ קונציקן אופן אריינגעוועבט אין ביבל־שטאָף. עס טראָגט אזוי־ארום אן אויסגעשפּראָכן דערציילערישן כאראקטער און איז געהאלטן אין א דורכויס פאָלקסטימלעכן טאָן.. די ביבליאָגראפן שטערן און לייצמאַן, וואָס האָבן דאָס בוך באשריבן, שטרייכן טאקע אונטער, אז דאָס בוך פארמאָגט „אן אוצר פון פאַרשידנסטע פאָלקלאָרישע מאָטיוון". אין דער „לאַנג־מגילה" זיינען פאראן שטעלן, וואָס רעדן צום סענטימענט פון דעם פאָלקס־מענטש. למשל, די מעשה ווי אזוי אליהו הנביא לאָזט זיך מיט דעם פאָלק אין גלות, ווי ער פאלט צו די קברים און רופט אויס: „דערבארעמדיקע לייט אברהם, יצחק, יעקב! שטעט אויף אונ' זעכט (זעט) ווי מאן אייערע קינדער פירט. אונ' ער ליף פון אין אונ' לוף בעהענד (לויפט גיך) אויף די קברים פון שרה, רבקה, רחל אונ' לאה אונ' שריע: שטעט אויף אונ' זעכט (זעט), ווי מאן אייערע קינדער נאקעט אונ' באָרוויס אונ' שווער באלאָדן אין גלות פירט! אונ' אַזאָ פילט ער אויף אללע קברים, משה אונ' אהרון אונ' שמואל: זעכט (זעט) ווי מאן אייערע שעפעלעך פירט, די איר מיט טרערן געווידעט האָט! זעט ווי די בייזן וועלף זי צערייסן, אונ' פירן זי נאקעט אונ' בלויז איבער אלע בערג אונ' שווער באלאָדן אָן שיך דורך אלע שטיין אָן דערבארמיגג" א. א. וו.

אָבער באַנאַנד מיטן לירישן דערצייל־אופן טרעפן מיר אין דער „לאנג־מגילה" אויך מעשיות פון ריין דידאַקטיש־מאָראַליזאַטאָרישן כאַראַקטער. די מעשה, דער משל מיטן נמשל, איז אין אַזעלכע פאלן אָפט א פשוטע אַפּווייכונג פון דער גרונט־טעמע און האָט סיי א פארווײַלנדיקן כאראקטער, סיי זי איז אויסן אַרויסצוברענגען אַ באַשטימטע טענדענץ, וואָס איז בישט אלעמאָל מעגלעך ארויסצופירן פון דער עצם־טעמע.

א קלאסיש ווערק פון אָט דעם דערציילערישן, מעשהדיקן סטיל איז די שוין דערמאָנטע „צאינה וראינה" פון יעקב בן יצחק אשכנזי אויס יאַנאָווע, וועלכע איז דערשינען אויפן שוועל פון 17־טן יאָרהונדערט (בערך אין 1600 יאָר). אויף דער עלטסטער אויסגאבע פון דעם מערקווירדיקן בוך איז אָנגעגעבן, אַז ער איז דערשינען אין באַזעל 1622 יאָר און אַז דריי

אויפלאַגעס זיינען שוין דערשינען אין לובלין און קראָקע. בכדי זיך אָפּצו־געבן אַ דין־וחשבון ווי ווייט דאָס בוך איז געווען באַליבט און פאַרשפּרייט, איז גענוג אָנצוווייזן, אַז אין משך פון 130 יאָר איז די „צאינה וראינה״ דערשינען אין דרייסיק אויפלאַגעס.

די „צאינה וראינה״ איז אַ נייער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־ליטעראַטור, אין זין פון אַרויסהייבן די באַדייטונג פון דעם געשרי־בענעם וואָרט איבערן מיגדלעכן. דער רב יצחק אשכנזי פון יאַנאָווע (פּוילן) זאָגט טאַקע, אַז זיינע ביכער „ספר המגיד״, „מליץ יושר״ און דער עיקר זיין „צאינה וראינה״ דאַרפן פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם מגיד, ווייל דאָס בלויזע הערן באַשווערט דאָס ריכטיקע אויפנעמען און פאַרשטיין.

די דאָזיקע טענדענץ האָט געבוירן דעם דערציילן־נוסח, וואָס האָט אַנטשפּראָכן דער מענטאַליטעט פון פאָלקס־מענטש און זיין בילדלעך־פּרימיטיוון אויפנעם. פונקט, ווי ביי דעם בעל־דרשן, איז אויך אין די מוסר־ביכלעך דער פּסוק פון חומש געווען בלויז אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר שע־פערישער פאַנטאַזיע און אַ באַצירונג פאַר די קונציק אויסגעוועבטע מעשיות, בילדער, משלים און סענטענצן. אין די אַלע מעשיות און משלים איז בולט אַרויסצוזען די שעפערישע פאַנטאַזיע פון דעם פאָלקס־מענטש, זיין קלוגן שמייכל און ערלעכקייט.

די „צאינה וראינה״ איז אפשר דער פּולקאָמענסטער ביישפּיל פון דעם פאָלקסטימלעכן דערציילן־נוסח אין אַ גענוג זאַפטיקער פאָלקס־שפּראַך.

בכדי צו באַקענען מיטן סטיל פון דעם בוך, וועלן מיר איבערגעבן בלויז איין פראַגמענט: „וימת הרן על פני תרח אביו... תרח דער פאָטער פון אברהם, האָט פאַרקויפט צלמים, אונ׳ אברהם איז איינמאָל דערביי גע־שטאַנען, אונ׳ ווען איינער איז געקומען אונ׳ האָט געוואָלט קויפן די עבודה־זרה, דאָ פראַגט אברהם: „ווי אַלט ביסטו? דאָ ענטפערט ער פופציג אָדער זעכציג יאָר; דאָ זאָגט ער ווידער: דו ביסט נון אלט זעכציג יאָר אונ׳ דו ווילסט דאָך בוקן צו איינעם דאָס דאָ איין טאָג אַלט איז? דאָ האָט זיך דער זעלביגער געשיימט אונ׳ איז — בחרפּה וועג געגאַנגען. איין מאָל קאָם איינע פרוי אונ׳ בראַכט איינע שיסל מיט זעמעל־מייל אונ׳ זי זאָגט צו אברהם: נעם דאָס מייל צו קרבן פור די צלמים. דאָ נאם אברהם די שיסעל מיט זעמעל־מייל אונ׳ שטעלט זי פור די צלמים. דא נאם אברהם איין גרויסן שטעקן אונ׳ צעבראַכט אל די צלמים נייערט איין גרויסן פּסל ליס ער שטיי־ען, אונ׳ גאב אים דען גרויסן שטעקן אין די האַנט. דא קאם תרח דערצו, דאָ זאַגט ער צו אברהם: ווער האט דאָס געטון? דא זאגט אברהם: איינע פרוי

האט געבראכט זעמעל־מייל צו קרבן, דא האבן די צלמים מיט אײנאנדער געקריגט, איטליכער האָט האָלן פאָר עסען. דאָ האָט דאָס גרעסטע פסל א שטעקן גענומען אונ׳ האט זיי אלע צובראכן. דא זאגט תרח: אונ׳ האבן זי דען שכל, אדער האבן זי חיות אין זיך? דא זאגט אברהם: ווען זי קיין שכל האבן, ווארום זאלן מיר זיי דינען. דא גאם אים תרח זיין פאטער אונ׳ גאב אים נמרוד אין די האנד. דא זאגט נמרוד צו אברהם: ווילסטו דיך בוקן צו דעם פייער, דא איז עס גוט, ווילסטו דען נישט, דא וויל איך דיך לאסען ווערפען אין דאס פייער. דא האט מאן אברהם געוואָרפען אין דאס פייער, אבער גאט האט אים מציל געוועזן אונ׳ ער איז גאנץ הערויסגעגאנגען אויס דעם פייער״.

ווי ס׳איז צו זעען, איז אין די מוסר־ביכלעך אָנצוטרעפן דורך דעם פאבוליארן מעשהדיק־פאנטאסטישן פון די ריטער־ראָמאנען, די טענדענץ ארויסצוהייבן דאָס רעליגיעז־עטישע, און אמונה־שטארקנדיקע. צו אזעל־כע ווערק דארף פארעכנט ווערן באנאנד מיט דער „לאנג־מגילה״, דער „צאינה וראינה״ אויך „איין שיין פרויאן ביכליין״, „דער רויזן־גארטן״ (דערשינען אין קראָקע 1571), דער דיקבענדיקער „בראנטשפיגל״ פון משה אלטשולער, א בוך, וואָס איז קודם־כל אויסן צו באפעסטיקן אין גלויבן און זיטלעכקייט די יידישע פרוי, וואָס ווערט דורך אלטשולערן באצייכנט אלס „דאָס זעמעל־מעל״, און דער מרה־שחורה־אָנוואַרפנדיקער „לב טוב״ פון יצחק בן אליקום פון פויזן (דערש. פראָג 1620). דאָס כאַראַקטעריסטישע פאר די מוסר־ספרים איז דאָס, וואָס זייער ראָל אין לעבן פון יידישן פאָלקס־מענטש איז געווען אַ דאָפּלטע: פון איין זייט האָט די אַטשטייאונג און פאַרשפרייטונג פון אָט דער ליטעראַטור אין דער פאָלקס־שפּראַך מיטגעהאָלפן דער יידישער פרוי, דעם פשוטן בעל־מלאכה און „פּילצל״ (מיידל), זיך צו באַקענען מיט די ביבלישע און מוסרהדיקע ווערטן. פון דער צווייטער זייט, האָט די מוסר־ליטעראטור, וואָס איז אויסן געווען צו געבן אַ געטרייעם לעבנס־רעגלאַמענט „אַלע דינים, ווי מאַן זיך האַלט פון געבורט ביז מען ווערט אלט״, די „גאנץ יידישקייט״, האָט אריינגענומען דאָס פאָלק אין קלעם פון פארפרומטע באגריפן, געשטארקט דעם גלויבן אין „יענער וועלט״, אין גיהנום און גן עדן, און נאָך מער געקרעפטיקט דעם גלויבן אין ניסים, אין שפרוכן, אין קבלה און משיחיזם. די ליידן פון די יידן אין זיבעצנטן י. ה. צוליב דעם פערציקיאָריקן קריג און די געשעענישן פון ת״ח־ות״ט, האָבן נאָך מער געשטאַרקט דאָס זוכן די רעטונג אין

ניסים און דעם פארלאנג זיך צו פארזיכערן כאטשבי א רואיקע „עק־זיסטענץ" אויף יענער וועלט...

גלייכצייטיק האָט דער מין פאָלקס־ליטעראַטור פאַרמאָגט פיל שטייגער־שטריכן פון דער צייט און שאַרפע סאָציאַלע אַקצענטן. ס'איז ביי דער געלעגנהייט כדי צו דערמאָנען דעם שוין ציטירטן „סם החיים" פון דעם וואַלינער אַפּטייקער, ווי אויך דאָס אַפּאָלאָגעטישע בוך — דער „יודישער טירייאַק", וואָס איז צוערשט געשריבן געוואָרן אין דייטש, אַלס שאַרפע פּאָלעמיק קעגן די בילבולים פון א משומד און וואָס איז מיט דער יידישער ווערסיע אויסן געווען צו געבן די נויטיקע אַרגומענטן דעם יידישן פאָלקס־מענטש קעגן די שונאים. „דער טירייאַק" (1613) איז אויך אויסן געווען צו לערנען די פאָלקס־מאַסע, ווי אַזוי זי דאַרף זיך אויפפירן, בכדי נישט אַרויסצורופן קיין פיינטשאַפט ביי די נישט־יידן. אין אָט דעם אַפּאָלאָגעטישן ווערק איז אָנצוטרעפן אויף מאָמענטן אין יידישן לעבן, וואָס זיינען ווייט נישט קיין פּאָזיטיווע. אַזוי ווערט אין „טירייאַק" גערעדט וועגן דער געזעלשאַפטלעכער שעדלעכקייט פון וווכער, פון אָפּנאַרן אויף וואָג און מאָס און ענלעכעס, אַז מען זאָל צדקה געבן אויך באַדערפטיקע קריסטן מען זאָל זיין טאָלעראַנט און אַרויסווייזן אַכטונג צו אַנדערש־גלויביקע. מען זאָל נישט מאַכן קיין חילוק צווישן „יהודי אָדער גוי". מאָמענטן פון זיטלעכער און בירגערלעכער אויפקלערונג איז נישט שווער אָנצוטרעפן אויך אין אַנדערע מוסר־ספרים.

אויב אין דער מוסר־ליטעראַטור קאָן מען דאָ און דאָרט אָנטרעפן עפּיזאָדן און מעשיות פון וועלטלעכן כאַראַקטער, זיינען אָבער אין דער יידישער ליטעראַטור פון 16־טן אָנהויב 18־טן יאָרהונדערט פאַראַן גאַנצע ווערק, וואָס זיינען דירעקט גענומען פון דעם אייראָפּעישן (דייטשן, פראַנצויזישן צי איטאַליענישן) שאַפן. צו אַזעלכע דאַרפן פאַררעכנט ווערן די באַאַרבעטונג פון „דעקאַמעראָן" א' ק. „שייני אַרטליכי געשיכטן" (1710), ווו עס קומען אַריין עטוואָס פרעפּאַרירטע זיבן דעקאַמעראָנישע דערציילונגען, עמנואל בן שלמה חרומים „מחברת העדן והתופת" (פאַרפאַסט אין 1332), וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אין א פּליסיק, כמעט מאָדערן יידיש. דאָס ווערק איז א שוואַכע נאָכאַמונג פון דאַנטעס אַליגיע־ריס „געטלעכע קאָמעדיע" (דאַנטע איז געווען עמנואל חרומיס אַ פּערזענלעכער פריינט). דער הויפּט־העלד דניאל (ווי אייניקע האַלטן, איז אונטער דעם נאָמען געמיינט דאַנטע) פאַרנעמט זיך פּונקט ווי אין דער „געטלעכער קאָמעדיע" מיט שיקן איאַן גיהנום אַריין זיינע קעגנער, און זיך, דעם גוטן

מפרש פון תהילים, שיר השירים און קהלת, לאָזט ער צוגרייטן אַ בכבודיק אָרט אין גן עדן...

פון צווישן די ווערק, וואָס שטאַמען אָפּ פון פרעמדע מקורים, איז באַזונדערס אינטערעסאַנט דער ראָמאַן „בן המלך והנזיר". עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז דער ראָמאַן שטאַמט פון דער אינדיש־בודיסטישער לעגענדע וועגן בודא. דער אינהאַלט פון דעם ראָמאַן איז אין קורצן אַזאַ: ביים קיניג איז געבוירן געוואָרן אַ זון. בכדי דאָס קינד זאָל זיך נישט אָנטרעפן מיט די טרויעריקע דערשיינונגען פון לעבן, האָט אים דער פאָטער אָפּגעזונדערט פון דעם ארום און אים ארומגערינגלט מיט אַלערליי תענוגים און פרייד. ווען דער צאַרטער פּרינץ איז אויסגעוואַקסן און אַרויס פון זיין העלפאַנט־ביין־פּאַלאַץ, האָט ער דערזען און באַגריפן דעם ווירקלעכן טעם פון לעבן. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט זיך געפונען אין אַ קינסטלעכער, פאַלשער וועלט. אַז אין דער ווירקלעכקייט הערשט אין דער וועלט צער און פּיין, נויט און אומגערעכטיקייט. ער דערזעט מיט די אייגענע אויגן די לאַסט פון אַלטקייט, יסורים, טויט, און עס ווערט אים דערווידער זיין אייגענער פאָטער, זיין מלכות, זיין אייגן זיגלאָז לעבן. ער גייט אוועק פון דעם וווילטאָג און הויבט אָן פירן אַ לעבן פון אַ נזיר, וואָס שטעלט אין פאָדערגרונט פון אַלץ די טוגנט.

עס איז כדאי צו באַטאָנען, אַז אָט די אינדישע לעגענדע האָבן אַדאַפּטירט דריי רעליגיעס: די קריסטלעכע („גאַרלאַאַם און יאָזעפאַט"), די אַראַבישע („פּרינץ און דערוויש") און די יידישע. דערביי האָט יעדע פון זיי אַריינגעלייגט אין דער לעגענדע די אייגענע גאַטספּאַרטיקע כוונות.

די יידישע איבערזעצונג פון דעם ראָמאַן, וואָס איז געמאַכט געוואָרן לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן אויפן שוועל פון 14־טן — 15־טן יאָרהונדערט, איז אַ ביז גאָר געלונגענע איבערדיכטונג פון העברעאישן אָריגינאַל, וועלכער איז פון אַראַביש איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש דורך דעם באַרצעלאָנער געלערנטן אברהם בן שמואל הלוי אבן חמדאי הנשיא. די יידישע איבערזעצונג פון דעם ראָמאַן רופט מאַקס עריק אַן קאָנגעניאַלע און פאַררעכנט דאָס ווערק צוזאַמען מיטן „שמואל בוך", „מעשה־בוך" און אַנדערע צו „די גרעסטע ווערק אין אונדזער ליטעראַטור פון יענער תקופה".

ס'איז אויך אינטערעסאַנט ביי דער געלעגנהייט צו באַטאָנען, אַז אַ טייל ווערק, וואָס זיינען איבערזעצט און איבערגעאַרבעט געוואָרן פון אַנדערע שפּראַכן האָבן אַדורכגעמאַכט אַן אייגנאַרטיקע אומוואַנדלונג. ווי עס גיבן אָן יידישע פאָרשער, זיינען זייער פיל מעשיות און לעגענדעס פון נאָ־

ענטן און ווייטן מזרח צוערשט איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש דורך ייִדן, וואָס האָבן אין די לענדער געוווינט, שפּעטער זייַנען די זעלבע מעשיות געוואָרן איבערגעזעצט — (ס'רוב פון משומדים) — פון העברעאיש אויף איינע פון די איראָפּעיִשע שפּראַכן, איבערהויפּט, אין לאַטייַן, וואָס איז געווען די אָנגענומענע ליטעראַטור־שפּראַך אין איראָפּע, און ערשט דערנאָך האָט געטראָפן, אַז פון אייניקע פון די איראָפּעיִשע שפּראַכן זייַנען די לע־גענדעס איבערגעזעצט געוואָרן אין ייִדיש. אַזוי אַרום האָט אויך אונדזער וואַנדער־פאָלק געגעבן זייַן גרויסן בייַטראָג ביים איבערפּלאַנצן קינסטלע־רישע ווערטן פון נאָענטן און ווייטן מזרח אויפן איראָפּעיִשן באָדן.

מיר האָבן שוין נישט איינמאָל אָנגעוויזן, אַז דאָס ייִדישע שאַפן אין מיטלאַלטער, און אין אַ גרויסער מאָס אויך אין דער בייער צייט, טראָגט אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. ס'איז אָבער נישט שווער פון אונטער דעם רעלי־גיעזן שלייער צו דערבליקן טיילמאָל אַ וועלטלעך פּנים. צו אַזעלכע שאַ־פונגען, וואָס טראָגן דעם פרומען לבוש אַלס דעקאָראַטיוון פּוץ, ווי די ריי־טער־ראָמאַנען, און וואָס זייַנען אין תוך געבומען שאַפונגען וועלטלעכע, דאַרפן אויך פאַררעכנט ווערן די עלטסטע אויפגעהיטע מעשיות אין ייִדיש פון 16־טן י. ה. ווי „מעשה מדבציק", „מעשה ממנץ", מעשה מווירמויש", די „וווּנדערלעכע מעשה פון ר' מאיר דעם חזן", די נאָוועלע „מעשה בריעה וזמרה" און אַנדערע.

אין דעם שלל פון איבערשרייבונגען פון דער דייַטשער פאָלקס־ליטע־ראַטור, אין די אויפסניי שוין אין פּראָזע־פאָרם אַרויסגעגעבענע ווערסיעס פון „דיטריך פון בערן", „אַרטוס־ראָמאַן", „מייסטער הילדעבראַנד" און אַנדערע שאַפונגען, וואָס האָבן פאַקטיש שוין לאַנג אָפּגעלעבט זייער צייט, זייַנען די דערמאָנטע נאָוועלן מיט זייער קאָלאָריט, מיט זייער טעמאַטיק און שילדער־נוסח גאָר עפּעס נייס און מערקווירדיקס און שטעלן מיט זיך פאָר נישט בלויז קיין ליטעראַטור־היסטאָרישן, נאָר אויך אַ ריין ליטעראַ־רישן ווערט.

קאפיטל 6.

די אַלט־יידישע נאָוועלע

דער אונטערשייד צווישן דער מעשה און דער נאָוועלע באשטייט אייגנטלעך נישט אזוי אין דער טעמאטיק, ווי אין דער פאָרם. „די מעשה איז גיכער א סכעמע פון א דערציילונג, ווי א דערציילונג גופא, איז קורץ, דערציילט אייליק, און איר מחבר האָט תמיד אין זין דעם מוסר־השכּלדיקן סוף. די נאָוועלע איז לאנגזאמער, אנטוויקלט פּרטים, גייט אריבער באדאכט פון איין האנדלונג צו דער אנדערער, קורץ: זי איז מער בעלעטריסטיש, ווי די מעשה" (מ. עריק).

פאר דער יידישער נאָוועליסטיק פון 16־טן יאָרהונדערט איז כאראקטע־ריסטיש: 1) די השפּעה פון דער העברעאישער ליטעראַטור, 2) די אומבאַ־דינגטע פארייִדישונג פון די העלדן און פון דער סביבה פון וואָס פאר א מקור די נאָוועלע זאָל נישט שטאמען. אָט דער פאקט טיילט קענטיק אָפּ די נאָוועלע פון דעם ראָמאנען־נוסח, וואָס פלעגט בדרך־הכלל איבערגעגעבן ווערן מיט קיצורים און געענדערט ווערן בלויז אין די ערטער, וואָס קאָ־נען שלעכט ווירקן אויף די רעליגיעזע געפילן פון יידישן לייענער. די נאָ־וועלע פארמאָגט נישט דעם הויכן, פאטעטישן סטיל פון די ריטער־ראָמאַ־נען און איז, סיי אין דער שפראך, סיי אין דער שילדערונג ביז גאָר פאָלקס־טימלעך.

אלס אילוסטראציע פון דער פארייִדישונג פון פרעמדן נאָוועלן־שטאָף איז די באַארבעטונג פון די דעקאַמעראָנישע מעשיות דורך אַן אַנאָנימען מחבר אין דער צווייטער העלפט פון 17־טן י. ה. מאקס עריק זאָגט ארויס

די השערה, אז לויט דער שריפט קאָן מען דריגגען, אז דער מחבר האָט אָפּגעשטאַמט פון קליין־פּוילן. נאָר, ווי די זאך זאָל נישט זיין, באווייזן די פיר נאָוועלן, געדרוקטע אין פּראָג, אַז דער אַנאָנימער מחבר דאַרף פאַרעכנט ווערן צו די בעסטע נאָוועליסטן פון דער אַלט־יידישער ליטע־ראַטור. לאָמיר זיך באַקענען מיט דעם אינהאַלט פון די מעשיות, וואָס זיינען געשריבן אין פאָרן געגראַמטע שורות.

די ערשטע מעשה איז בלויז א קירצונג פון דעם יידישן נוסח פון „זיגמונט און מאגדאלענא" און איז איבערגעדיכטעט אין פּרוזע. גאָר אַן אנדערן, מער זעלבשטענדיקן כאראקטער טראָגט די נאָוועלע „מעשה פון איין כלה". די דעקאַמעראָנישע מעשה וועגן דעם סולטאַנס טאָכטער, וואָס גייט איבער פון איין מאַנסביל צום צווייטן, ווערט ביים יידישן מחבר פאַר־וואנדלט אין א יידישער טאָכטער מיטן נאָמען רחל, וואָס איז א בת־יחידה ביי איר טאטן דעם לאַנדאַנער גביר אליעזר. די טאָכטער איז א גרויסע אי־בערקלייבערקע, און ער קאָן איר בשום אופן נישט צוקלייבן קיין חתן. דער פאָטער ווערט אין כעס און באשליסט זי אויסגעבן פאַר א „בחור אויס וועלש לאַנד". איז צווישן געשעט אַן אומגליק: די טאָכטער גייט אַזוי איינ־מאָל ביים ברעג ים איינקויפן פיש, און עס כאַפּט איר אַריין צו זיך אין שיפל א פישער, וועמען זי איז שטארק געפעלן. רחל, אין קעגנזאַץ צו דע־קאַמעראָנס העלדן, לאָזט זיך נישט באַליידיקן, קעמפט מיט אים פאַרביסן אַזוי לאַנג ביז... עס קומען נישט אונטער קיין גזלנים, וואָס באַפאַלן דאָס שיפל און רויבן צו די כלה. די כלה געפעלט אויך די צוויי עלטסטע פון דער באַנדע. עס ברעכט אויס צווישן זיי אַ קאַמף און ביידע פאַלן טויט. רחל גייט ווייטער אַרויס אומבאַפלעקט. די איבערגעבליבענע גזלנים אויף דער שיף נעמען צווישן זיך וואַרפן גורל, צו וועמען זי זאָל געהערן, עס קומט אָבער פּלוצעם אַ שטורעם־ווינט, און שליידערט אַריין אַלע גזלנים אין וואַ־סער און רחלען פאַרטראָגט ער אויף אַן איינזאַם אינדזל, ווו זי איז געצוואונ־גען צו זיין אין דער הייל פון א גרויסן „אף" מיט שניי־ווייסע האָר...

דער סוף פון דער נאָוועלע איז פאַרזען מיט א מוסר־השכל: מען טאָר נישט איבערקלייבן קיין חתנים, אז נישט קומט אויס אויסצושטיין פאַר־שידענע שטרויכלונגען און צרות.

דער אינהאַלט פון דער נאָוועלע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מעשה מאַן און ווייב" איז אַ קאָמפּילאַציע פון פאַרשידענע מעשיות, פון פאַרשידענער אָפּשטאַמונג, אָבער צונויפגעפלאָכטן אין איין גאַנצער שפּאַנענדיקער, אינטריגע־רייכער נאָוועלע און געשריבן מיט א זאַפטיקער שפּראַך.

דער מחבר פון די נאָוועלן איז אָן א ספק געווען שטאַרק באַלעזן און געקענט די יידישע מעשיות, אגדות, ווי אויך די אייראָפּעישע נאָוועליסטיק. ער האָט געשריבן אויף דער שפּראַך פון די יידן פון קליין־פּוילן, וועלכע האָט זיך שוין שטאַרק אונטערשיידט פון דעם דייטשן אַלט־יידיש. ער האָט געהאַט א חוש פאַר אויפבויען א פעסטע אינטריגע, א שיינעם דיאַלאָג און איז אין זיין מהות און אויפפאַסונג געווען א וועלטלעכער מחבר.

דער אַנאָנימער מחבר פון די נאָוועלן איז אין יענער צייט נישט געווען קיין איינציקער. נאָוועלן אויף דעקאַמעראָנישע טעמעס איז אָנצוטרעפן גאַנץ היפש אין דער יידישער ליטעראַטור פון 17־טן און 18־טן י. ה. אפילו פרויען (בילה בת הגאון בר׳ חזקיה ממשפחת הורוויץ, אשת רב יוסי חזן מגורש מווין, און מרת רחל בת נתן רוזיניץ ז״ל אשת ר׳ ליב פּורייץ) גיבן אַרויס אין פּראָג „איין שיין מעשה״... „איז גישען אי נאָך יהודים האָבן צו פּראָג גיוואָנט״ (סוף 17טן אָנהויב 18־טן י. ה.), וואָס איז געבויט אויף דער דעקאַמעראָנישער מעשה (2־טער טאָג, 9). נאָוועלן אויף דעקאַמעראָנישע טעמען זיינען אויך פאַראַן אין דעם „מעשה־בוך״.

צווישן די פאַרהיטע עלטסטע מעשיות אין כתב־ידן איז דער „קעמברידזשער״ פון אָנהויב 16־טן י. ה. דאָס זיינען: „מעשה מדנציק״, „מעשה ממענץ״, „מעשה מווירמוש״.

דער אינהאַלט פון דער נאָוועלע „מעשה מדנציק״ איז אין קורצן אַזאַ: אַ שיינע פרוי אַ נייטאָרין פון דאַנציק ווערט צעשיידט מיטן מאַן, וואָס איז אוועק אין א ווייטער מדינה. זי קומט אָן אין דעם לאַנד פאַרשטעלט אַלס מאַנסביל און אין איר פאַרליבט זיך דעם קיניגס טאָכטער. עס ווערט צווישן זיי אַ שידוך. דערווייל געלינגט דער נייטאָרין אויפזוכן איר מאַן, און שפּעטער אַנטלויפן זיי אַהיים, צונעמענדיק אויף דער „גאַלייע״ (שיף) פיל קיניגלעכע אוצרות, און זיי פירן אַ גליקלעך לעבן.

אין דער „מעשה ממענץ״ ווערט דערציילט וועגן צוויי ברידער פון צוויי פאַרשידענע מאַמעס, וואָס האָבן זיך פאַרליבט אין דער שענסטער בתולה פון מענץ (מאינץ). זיי פאָרן דעריבער אַרויס אין דער וועלט אויסצופּרוּוון זיך ווער ס׳איז ראוי צו ווערן איר מאַן. איינער פון די ברידער באַרויבט, באַשווינדלט און מאַכט בלינד דעם צווייטן, מיינענדיק, אַז איצט וועט ער אומגעשטערט קאָנען נעמען די שיינע בתולה. אָבער דאָ געשעט א נס. דער באַעוולטער ברודער באַקומט צוריק זיין ראיה, ווערט שטיין־רייך און קומט קיין מאַינץ ווי א שר. קיינער שטויסט זיך אפילו נישט אָן, אַז ער איז א ייד, אָבער ווען עס קומט דער טאָג פון דער חופּה פון זיין אומ־

טרייען ברודער ,פארטרייבט ער אים און האָט אליין חתונה מיט דעם שיינעם מיידל.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די „מעשה פון ווירמש". די נאָוועלע דערציילט וועגן וואָרמסער רבס זון, וואָס האָט זיך ל"ג בעומר זיך געשפּילט מיט חברים אין באהעלטעניש און אָט, ווען ער קומט צו צו א הוילן בוים, דערזעט ער אן אויסגעשטרעקטע האַנט. ער מיינט, אז דאָס איז זיין חבר און איז אים אויף שפּאס מקדש מיט א רינגל. דאָס איז אָבער געווען א שדיכע. אַלס זיין פרוי קומט זי אין דער חופּה־נאַכט און טויט זיין ווייב. שפּעטער — זיין צווייט ווייב, און בלויז דער הר־טער כלה גליקט אָפּ: זי בעט זיך איין ביי דער שדיכע, זי זאָל זי לאָזן לעבן פארן פרייז פון דערלויבן דעם מאַן איין שעה אין טאָג פאַרברענגען מיט איר. איינמאָל קומט פּונקט די פרוי דאַן, ווען דער מאַן און די שדיכע ליגן פאַרזונקען אין שלאָף. די פרוי נעמט די האָר פון דער שדיכע און לייגט זיי אַוועק אויף אַ בענקל. ווען די שדיכע כאַפּט זיך אויף, איז זי צוערשט אויפגערעגט, זי ווערט אָבער גערירט פון דער האַנדלונג פון דער צניעותדיקער ווייב, גיט איר אָפּ דאָס קידושן־רינגל און פארשווינדט.

די מעשה האָט געהאַט גרויס דערפּאָלג און זיך איבערגעחזרט דערנאָך אין אַנדערע זאַמלונגען אביסל מאָדיפיצירט: אין דער זאַמלונג „מעשה־ניסים" ווערט די שדיכע פארוואנדלט אין דער מלכה־שבא, אין מוסר־בוך, „קב הישר" ברענגט די זעלבע געשיכטע צבי הערש קיידאנאָווער אַלס אַ פאַקט, וואָס האָט פּאַסירט אין פּויזן...

עס וואָלט זיך געלאָזט מערן די צאָל ביישפּילן, ווי אזוי עס איז באַארבעט געוואָרן סיי די דעקאמעראָנישע נאָוועלע, סיי די פארשידענע „אינדישע" און העברעאישע מעשיות. מיר ווילן זיך אָבער באַגנוגענען בלויז מיט איבערגעבן דעם אינהאַלט פון איין מעשה מיט א היסטאָרישן פאָן, און עטוואָס ברייטער באשרייבן די כמעט רעאַליסטישע, וועלטלעכע נאָוועלע וועגן פארליבטן פּאָרל בריעה און זימרה.

צו די אינטערעסאַנטסטע נאָוועלן מיט אַ היסטאָרישן פאָן געהערט די מעשה וועגן דעם אנטשטיין פון די „אקדמות" („די וואונדערלעכע מעשה"). איר הויפּט־העלד איז דער מחבר פון דעם באַקאנטן תרגום־ליד ר' מאיר בן יצחק שיף.

ר' מאיר, דער חזן פון וואָרמס, געשטאָרבן אין יאָר 1096, איז געווען אַ פּאָפּולערע פּערזענלעכקייט. זיינע שאַפונגען (פּיוטים און סליחות), ווי אויך דער אופן פון פאָרלייענען זיי האָט שטאַרק אויסגענומען ביים יידישן

עולם. אים האָט מען עס טאקע אין די שפּעטערדיקע דורות געמאכט פאַרן העלד פון דער „וואונדערלעכער מעשה", וואָס דערציילט, ווי אַזוי אין די צייטן פון מלך מארטין די לאנגן „וואר נון נימאנט צויבעריי אין דער וועלט" און אזעלכע צויבערער־מאַנאכן מיט זייערע לאנגע בגדים „מאכטן פאר זיך זעלבסט שלעסער אונ׳ קלויסטיר אונ׳ זאמען דאריגן" און דאָרטן אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט האָבן זיי רעגירט און זיך דערלויבט אראָפּ־ברענגען „אלע שינסטע ווייבער אונ׳ מיידן די זי ווסטן". אָבער דער גע־פערלעכסטער צווישן זיי איז געווען א שרעקלכער שונא־ישראל, דער „שווארצער מאָנאך". מיט א פּשוטער האנט־באַרירונג פלעגט ער יידן פאר־כשופן אזוי, אז גלייך, ווי זיי פלעגן קומען אהיים זייבען זיי געשטאָרבן. אזוי האָט דורך כישוף דער „שווארצער מענך" אומגעבראכט איבער 30.000 יידן. די יידן גייען מיט אן אָנקלאגע צום קיסר. ער רופט דעם מאָנאך, וועלכער מעלדעט, אז ער גיט די יידן א יאָר צייט, אז זיי זאָלן צווישן זיך אויסגעפינען א מענטשן, וואָס איז שטארקער פון אים אין קונצן־מאכעריי און אין כישוף. אויב זיי וועלן אַזאַ איינעם צושטעלן, גיט ער זיי: די האַנט תקיעת־כף, אז ער וועט זיי מער קיין שלעכטס נישט טון, אויב אָבער זיי וועלן אזא יידן נישט צושטעלן, דאַן מאכט ער צו זיי אלעמען א סוף, מעג עס אים אפילו קאָסטן זיין אייגן לעבן. די יידן טוען וואָס זיי קאָנען: מען איז גוזר־תענית, מען טוט תשובה, מען צעשיקט בריוו אין אַלע ווינקעלעך פון דער יידישער באזעסנקייט, כדי אויסצוגעפינען א יידן, וואָס זאָל אימ־שטאנד זיין מיט דער הילף פון „שמות" בייקומען דעם שווארצן מאָנאך. אָבער ס׳איז אזא בעל־מופת נישט צו געפינען. די יידן זייבען פארצווייפלט, ווייל דאָס יאָר איז שוין באלד געענדיקט. דערווייל חלומט זיך איינעם א תלמיד־חכם, אז אזא מענטש איז פאראן צווישן די רויטע יידעלעך, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט סמבטיון.

מען באשליסט דעלעגירן צו די „עשרת השבטים" דעם חזן רב׳ מאיר „דער וואר איין גרויסער לערנער אונ׳ איין פרומער מאן, אונ׳ ער האָט שטעץ געדינט קהל לטובה" זיי גיבן אים מיט שפּייז אויפן וועג און דריי רבנים אלס באגלייטער. אכט טעג פאַרן סוף פון טערמין קומען זיי אָן צום טייך סמבטיון, וואָס אין משך פון אַ גאַנצער וואָך וואַרפט ער מיט שטיינער. היות דאָס איז געווען דינסטיק, באַשליסן זיי וואַרטן ביז שבת — דעם איינציקן טאָג, ווען דער טייך רוט — און רב מאיר לאָזט זיך אליין איבערן טייך. (ער האָט נישט געוואָלט, אז נאָך יידן זאָלן פארשוועכן דעם שבת דורך פאָרן). דאָרטן געפינט ער אויס א הינקעדיק יידל, וואָס איז

א גרויסער בעל־שם. רבי מאיר, בכדי א צווייט מאָל נישט מחלל שבת זיין, בלייבט ביי די רויטע יידעלעך, און דער הינקענדיקער בעל־שם מאַכט מיט דער הילף פון פארשידענע השבעות א פארקירצונג פון וועג (קפיצת הדרך) און מען קומט פונקט צום טערמין צום מאַנאַך. דער מאַנאַך רופט אַרויס דורך כישוף פארשידענע שדים און לצים אָבער דער הינקענדיקער דן מאַכט אַלע זיינע קונצן און צויבעריי צו נישט, און דער שונא־ישראל קומט אום. דאָס איז געווען ערב־שבועות. די יידן זיינען זייער אויפגעלייגט און ער, דן, דערציילט דאָן, אז ווען רבי מאיר האָט אים באגלייט צום שיף האָט ער געזונגען אַ זמרל, וואָס ער האָט אָקאָרשט פארפאַסט און וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אקדמות מלין״, און ער האָט געבעטן יעדער שבועות דעם זמר צו זינגען, ווייל ער איז מיט זיין נאָמען געחתמעט (ס׳איז אַן אקראָסטיך, וואָס זיינע ערשטע אותיות מאַכן אויס „רבי בר יצחק גדול בתורה ובמעשים טובים אָמן חזק ואמץ״).

דער פינאַל פון דער "וואונדערלעכער מעשה" איז אַ העפּי־ענדישע: דער הינקענדיקער דן וויל נישט, פאַרשטייט זיך, מחלל שבת זיין, בלייבט איז דער קהילה און האָט חתונה פאַר רב מאירס טאָכטער און אויך רב מאיר, וואָס געפינט זיך ביי די רויטע יידעלעך בעמט דנס דערוואקסענע טאָכטער פאַר אַ ווייב.

אַזעלכע מעשיות מיט אַ כלומרשט געשיכטלעכן פאַקט, זיינען אין מיטל־אַלטער געווען שטאַרק פּאָפּולער און פלעגן גיין פון מויל צו מויל. מיר וועלן אויך דערמאָנען דעם ווירקלעך־געשיכטלעכן קערן פון אַ צווייטע נאָוועלע (דערשינען אין געדרוקטער פאָרעם אין 1715, פראַנקפורט אויפן מאַין). דאָרט ווערט דערציילט וועגן א פירשט, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין דער טאָכטער פון ר׳ יצחק טירנא, דעם מחבר פון די באַרימטע „מנהגים״ (15־טער י. ה.) און היות ווי ער, דער פרומער ייד, האָט בשום אופן נישט געוואָלט איינגיין אויפן שידוך, קומט צו א גרויסן גירוש פון די יידן פון טירנא (אונגאַרן).

ווי ס׳איז צו זען פון די ציטירטע נאָוועלן, איז פאַר אַלע אָן אויסנאַם כאַראַקטעריסטיש דער איבערפלעכט פון וואָר און פאַנטאַזיע. אַפילו די היסטאָרישע נאָוועלע איז אויך פול מיט פאַנטאַסטישע אומוואַרשיינלעכע געשיכטן, פון וועלכע עס לאָזן זיך אַרויסנעמען בלויז באַשטימטע אלגעמיינע פאַקטן, וואָס האָבן אַ היסטאָרישן גרונט.

דער גאַנצער דערציאונגס־סיסטעם פון מיטלאַלטער און פון די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דאָס יידישע קינד, דעם יידישן פאָלקס־מענטש גע־

מאַכט אומקריטיש. מען האָט אים געהייסן גלייבן אין נסים, אין שדים און רוחות, אים אָנדערצײלט מעשיות וועגן די פײַנען פון גיהנום און במילא פאַרצויגן דעם פאַרוועלטלעכונגס־פּראָצעס אויף לאַנגע יאָרהונדערטער.

אין דער צייט, ווען בײַ די אייראָפּעישע פעלקער הייבט זיך אָן דער פּראָצעס פון פאַרוועלטלעכונג, שטעקט נאָך דאָס יידישע שטעטל אין דער וועלט פון אַלע איסורים, אָבערגלייבנס, מיסטישע גלייבונגען און פינצטער־קייט.

די סיבות פון דער דערשיינונג דאַרף מען זוכן קודם־כל אין דער שווערער צייט, אין די פאַרשידענע רדיפות אויף יידן אין 17־טן י. ה. די עקאָנאָמישע אומזיכערקייט. דאָס „לעבן מיט נסים" האָט גורם געווען, אַז דער צוזאָג אויף אַ גיכער גאולה זאָל גלייביק אָנגענומען ווערן. דערפון נעמט זיך אגב דער גרויסער דערפאָלג פון די פאַלשע משיחים.

אין דער יידישער ליטעראַטור טרעפן מיר זיך אָן מיט אַזאַ מערקוויר־דיקער דערשיינונג, אַז דער מער־ווייניקער וועלטלעכער שטאָף, די וועלט־לעכע נאָוועלן, די דעקאַמעראָנישע נאָוועלע, געפינען מיר דוקא אין די שאַפונגען פון 16־טן אָנהייב 17־טן י. ה. אויך די עכט־יידישע נאָוועלע בליט אין דער צייט. אַזוי געהערט אויך דעם 16־טן יאָרהונדערט די באַ־דייטנדיקסטע יידישע נאָוועלע „מעשה בריעה וזמרה". די דאָזיקע נאָוועלע האָט אַ דורכאויס וועלטלעכע טענדענץ. זי דערציילט וועגן אַן אומגליקלע־כער ליבע און ווייזט, אַז די ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט. דער אינ־האַלט פון דער נאָוועלע, ווי זי איז צו אונדז דערגאַנגען לויט רויטלינגענס כתב־יד (1580—1585) און אין דער געדרוקטער אויסאגבע פון 1597 (ווע־נעציע) איז פאָלגנדיקער:

דער יונגער זימרה, דער זון פון טובת, איז זייער חשוב אין הויף פון מלך אין ירושלים. אייננמאָל ווערט זמרה און זיין פאָטער אייגגעלאַדן אויף אַ סעודה צום כהן גדול פּיגין (אין דער ווענעציאַנער אויסגאַבע הייסט ער עתליה), וווּ ער דערזעט זיין טאָכטער בריעה, וואָס „איר שיינהייט איז נישט צו באַשרייבן". ער פאַרליבט זיך אין איר. אויך בריעהן געפעלט שטאַרק דער קלוגער זימרה. זימרה דערציילט דעם פאָטער וועגן זיין שטאַרקער ליבע צום כהן גדולס טאָכטער, און ער שיקט פיר פּרנסים צום כהן מיט דעם פאָרשלאַג אויסצוגעבן בריעהן פאַר זיין זון. דער כהן גדול וואַרפט אָפּ דעם פאָרשלאַג. עס געפעלט אים נישט דער אָפּשטאַם פון זימרהן. עס מישט זיך אַריין דער מלך, אָבער אויך דאַן האַלט זיך דער שטאָלצער כהן גדול בײַ דאָס זייניקע. נישט געקוקט אויף דעם כהן גדולס דערווידערונג,

טרעפט זיך דאָס פּאַרליבטע פּאָרל דוקא ביי אים אין שטוב אין די שעהן, ווען ער גייט אַוועק דאַווענען אין שול. דערוויייל געשעט, אַז דער אַפּיפיור (פּויפּסט) פון רוים גיט אַרויס אַ פאַרבאָט צו יידישן די יינגלעך און די פרויען גיין צו טבילה. דערצו לאָזט דער פּויפּסט נישט צו קיין יידן צו זיך, דראָענדיק מיט טויט יעטוועדן ייד, וואָס וועט פּרווון איבערטרעטן זיין שוועל. דער כהן גדול זעט אַ מיגלעכקייט פּטור צו ווערן פון זימרהן. ער זאָגט צו זימרהן זיין טאָכטער בריעה פאַר אַ ווייב, אויב ער וועט אויס־פּועלן ביים פּויפּסט, אַז ער זאָל אָפּרופן זיין שווערע גזירה. דער כהן גדול איז, פאַרשטייט זיך, איבערצייגט, אַז זימרה וועט ביי דער שליחות דעם קאָפּ פאַרלירן. אָבער נישט אומזיסט שמט זימרה אַלס גרויסער חכם. ער קריגט זיך אויף אַ קונציקן אופן אַריין צום פּויפּסט און איבערצייגט אים, אַז זיין פאַרבאָט וועט אַרויסקומען די יידן נאָר לטובה, ווייל צוליב דעם, וואָס די יינגלעך וועלן נישט געיידישט ווערן, וועלן זיי אַרויס געשטאַרקטע. דער אַרגומענט נעמט אויס ביים פּויפּסט, ער שאַפט אָפּ די גזירה און באַשענקט נאָך זימרהן מיט אַ סך ווערטפולע מתנות. דער כהן גדול האַלט אָבער אויך איצט נישט קיין וואָרט און וויל נישט זימרהן פאַר אַן איידעם. בריעה קאָן נישט איבערטראָגן די יסורים און שטאַרבט. אין דעם אָרט רייסט זיך איבער דער רעאַליסטישער גאַנג פון דער שילדערונג, און די נאָוועלע הייבט אָן אָנ־צונעמען אַ פאַנטאַסטישן קאָלאָריט. זימרה געפינט אויס אַ כישוף־פערד, וואָס פירט אים אַוועק אויף יענער וועלט. מיט דער הילף פון תפילה גייט ער אַדורך דאָס שער־מעסער, וואַנדערט דערנאָך דורך אַ הויז, וואָס איז פול מיט מתים, ביז ער געפינט זיין געליבטע. אויך זימרה שטאַרבט. די מלאכים מיכאל און גבריאל ברענגען זיי אין גן־עדן, מען פּראַוועט אַ חתונה, און דער „הקב״ה, מאַכט די ברכה, אונ׳ די מלאכים ווערן לצנים, משה און אַהרון פורטן דען חתן אונ׳ כלה אונטער די חופה. דערנאָך אס (עסט) מאַ׳, אונ׳ טראנק אונ׳ טאַנץ, אונ׳ שלמה המלך בענטשט די שבע ברכות. עס וואַר איין זאָלכע קעסטליכע ברייליסט (חתונה) די ני איז אין קיינער קהלה געוועזן״...

אין וואָס באַשטייט דער באַדייט פון אָט דער נאָוועלע? קודם־כל אין דעם, וואָס זי ברענגט אַרויס לעבעדיקע געשטאַלטן, איבערפולטע מיט שטאַרקע מענטשלעכע געפילן. נישט די פּוסטע פאַנטאַסטיק פון די ריטער־ראָמאַנען זעען מיר דאָ, נאָר אַ פאַנטאַסטיק, וואָס איז אויסן צו באַזינגען די קראַפט פון ליבע, וואָס איז שטאַרקער פון טויט. דער מחבר פאַרגעסט נישט ביי דער געלעגנהייט אונטערצושטרייכן, אַז זיי זיינען אומשולדיק און

נישט אָן כּוונה הייסט ער די גאַנצע הימלישע פּני זיך באַטייליקן אין דער חתונה פון דעם פאַרליבטן פּאָרל.

דער געמיש פון דעם רעאַלן מיטן פאַנטאַסטישן, די קאָנסעקווענטע אַדורכפירונג פון דער אינטריגע: דער יחוס־מאָטיוו, וואָס לאָזט זיך נישט צונויפקומען אַ פאַרליבט פּאָרל, דער טויש פון די ערטער פון דער אַקציע (די מעשה קומט פאָר אין ירושלים און רעדט וועגן גזירות פון רוימישן קייסער, מען איז עולה־רגל קיין ירושלים און מען גייט דאַווענען אין... שול א. א. וו.), שפּרייטן אויס אַ דיך געוועב פון פאָלקסטימלעכער פאַנ־טאַסטיק, און דער עיקר: דער פאַקט, וואָס דאָ האָבן מיר שוין געצייכנט כאַראַקטערן, אַנטשלאָסענע האַנדלונגען און באַשלוסן, וואָס דאַרפן זיך אַנט־קעגנשטעלן דעם פאַרלאַנג פון די עלטערן, דאָס שטעלן דעם געליבטן העכער פון דעם פאָטער — איז אַן איבעראַשנדיק נייעס און קוואַליפיצירט די נאָוועלע „מעשה בריעה וזימרה” צו די אינטערעסאַנטסטע מוסטערן פון דער עלטער, קינסטלערישער, וועלטלעכער נאָוועלע.

ס'איז נויטיק אונטערשטרייכן, אַז אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווערט די נאָוועלע פּרעפּאַרירט אויף אַ רעליגיעז־מוסרדיקן אופן. די ליבע־מאָמענטן ווערן שטאַרק געקירצט, דערפאַר ווערט צוגעגעבן, אַז פאַר די זינד פון קושן זיך ווערט זי, בריעה, פאַרוואָגלט אין טויער פון גיהנום, און ווערט דאָרט געשרפעט „גאָר הערטיגליך”. דאָס פערד, וואָס האָט פאַרטראָגן זימרהן אויף יענער וועלט, איז אין דער ווענעציאַנער ווערסיע א מלאך, די בלאַנקע מעסערס, איבער וועלכע ער איז געטראָטן — פאַרוואָגלטע נשמות א. א. וו. די טענדענץ פון דער ווערסיע ווערט שוין פאָרמולירט אין דער פאָררעדע: „די מעשה פון זימרה גאָר שיין, ווייזט דאָס איינער זאָל זיין וואָרט באַשטיין, און דאָס איינער זאָל זיין ציכטיק מיט זיין אל ווערקן, און דאָס ער זיך קעגן יצר־הרע שטערקן”...

אַלזאָ, אויך די נאָוועלע פאַרמאָגט אַ מוסרדיק־מעשהדיקע באַאַרבעטונג און איז געשטעלט געוואָרן צו דינסט פון די פאַרפרומטע פּריידיקער, וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק באַפעסטיקט אין דער יידישער ליטעראַטור פון זיבעצנטן־אַכצנטן יאָרהונדערט.

קאפיטל 7.

דאָס מעשה־בוך

א גרויס געשעעניש אין דער יידישער דערציייל־ליטעראַטור איז אָן שום ספק די גרויסע זאמלונג פון מעשיות, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אין 17־טן און 18־טן י. ה. נישט קיין קלענערע ראָל, ווי דאָס „שמואל־בוך" און די „צאינה־וראנה" — דאָס „מעשה־בוך", — „דער שפּייכלער פון דער יידישער בעלעטריסטיק" (מ. עריק). די זאמלונג פאַרמאָגט אין פאַרשידענע אויסגאַבן פון 254 ביז 257 מעשיות און האָט געשעפּט דעם שטאָף סיי פון די תלמודישע אגדתות, סיי פון היסטאָרישע לעגענדעס, פאָלקסטימלעכע געשיכטן, פאַריידישטע און אָריגינעלע נאָוועלן. דאָס ווערק איז א דאַנק דער געלונגענער רעדאַקציע, פּרעכטיק צונויפגעשטעלט און האָט געהאַט א גרויסע השפעה אויף דעם געדרוקטן פאָלקס־ביכל, ווי אויך באַווירקט דאָס מינדלעכע פאָלקס־שאַפן.

די ערשטע דרוק־אויסגאַבע, וואָס איז צו אונדז דערגאנגען, איז דערשינען אין באַזעל (1602). דער אַרויסגעבער איז געווען דער מוכר־ספרים און פאקטנטרעגער יעקב בן אברהם פון מעזריטש, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרלעגערישער טעטיקייט אין די יאָרן (1598—1603).

דאָס בוך טיילט זיך אין עטלעכע ציקלען.

דער ערשטער ציקל פאַרנעמט זיך מיט איבערדערציילן פאַרשידענע אגדתות פון תלמוד און האָט לויט דער כוונה פון צונויפשטעלער געדאַרפט געסדרט ווערן, ווי די גמרא, אין מסכתות. אָבער דער פּלאַן, איז שוין אין דער טייל נישט רעאַליזירט געוואָרן אין דער פולער מאָס און עס געפינען

איין שין מעשה בוך

קומט הער איר ליבן מאנן אונ׳ פֿרויאן · אונ׳

[illegible]

בוך נאר׃

במצות יעקב בר אברהם ז״ל סלק

מקריטש דליטא

פה בבסליאה הגדולה

בשנת שס״ב לפ״ק

ע״י הארון קונראד וואלדקירך

שער־בלאַט פֿון דער ערשטער אויסגאַבע פֿון „מעשה־בוך"
צייכענונג פֿון באַרימטן מאָלער האַנס האָלביין

זיך אין דעם טייל מעשיות, וואָס שטאַמען נישט פון תלמוד. אויך די פונאַנ־דערטיילונג אויף מסכתות איז נישט קאָנסעקווענט אָפּגעהיט.

דער צווייטער ציקל פאַרנעמט זיך מיט איבערגעבן די לעגענדעס אַרום שמואל און יודא חסיד (25 לעגענדעס), וואָס שטאַמען אָפּ פון רעגענסבורג.

דער דריטער ציקל פאַרמאָגט א געמישטן מאַטעריאַל. דאָ זיינען פאַראַן סיי אגדתות, סיי מיטלאַלטערלעכע לעגענדעס און נאָוועלן פון יידישן און נישט־יידישן אָפּשטאַם. אין די שפּעטערע אויסגאַבן פון „מעשה־בוך" (1703—1753 אין פראַנקפורט אַם מאַין) איז אויך אַנצוטרעפן לעגענדעס פון ריין־מיסטישן אָפּשטאַם: פון זוהר און פון דעם מקובל ר' יצחק לוריע.

אַט דער רייכער, פאַרשידנמיניקער מאַטעריאַל איז אין „מעשה־בוך" איבערגעגעבן געוואָרן אויף אַן איינהייטלעכן פאָלקסטימלעכן אופן. אַלץ פאַר־מאָגט דעם זעלביקן דערציייל־נוסח און סטיל און עס באַקומט זיך א גאַנץ, האַרמאָניש ווערק. און ווען אַפילו די פאַבולע איז גענומען פון דער פרעמד, פון אייראָפּעישן פאָלקלאָר, באַקומט זי אויך אַן אויסגעהאַלטענעם „יידישן" אויסקלאַנג. די ריטער און העלדן ווערן פאַרביטן אויף צדיקים און לאַמעדוואָווניקעס, און די רעטונג ברענגען נישט די פיזיש־שטאַרקע, נאָר דער „שם" און די גאָטספאַרכטיקע תפילה: זי איז שטאַרקער פון אַלץ... אַזויאַרום רעדט אַרויס פון יעדער מעשה — אומאָפּהענגיק פון מקור — איינע און די זעלבע טענדענץ: באַווייזן, ווי גוט עס איז דעם, וואָס גייט אין גאָטס דרכים.

אָבער נישט דאָס מוסר־השכלדיקע און נישט אַפילו די טעכניק פון איבערדערציילן האָט פאַר אונדז א באַזונדערן אינטערעס. אינטערעסאַנט איז פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט דער פאַקט, אַז אין אַ ריי מעשיות איז פאַראַן רעאַליסטישע מיליע־שילדערונג און גיט איבער די שטיקנדיקע אַטמאָספער פון געטאָ, די אַלהערשערישע שרעק פון יידן אין מיטלאַלטער.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די מעשה וועגן אַ יידישן פויפסט, וועלכע שטיצט זיך אויף אַ היסטאָרישן פאַקט: אין 12־טן י. ה. איז אויפן רוימישן פויפסטן־טראָן געזעסן אַנאַלקעט דער צווייטער, וואָס האָט, ווי עס גיט איבער די מסורה, געשטאַמט פון יידן. אין משך פון די אַכט יאָר, וואָס ער איז גע־ווען פויפסט (1130—1138) האָט ער געשיצט די יידן, און זיינע קעגנער האָבן אים גערופן „יידישער פויפסט" Pax Judeo דער פאַקט האָט געמאַכט אַזאַ רושם אויף די יידן, אַז סיי אין די אשכנזישע, סיי אין די ספרדישע קהילות זיינען דערציילט געוואָרן מעשיות וועגן דעם יידישן פויפסט. דער איינ־

האַלט איז (לויטן „מעשה־בוך״) אַזאַ: ביי רב שמעון הגדול פון מאַינץ (ביי די ספרדים — פון באַרצעלאָנע) זיינען געווען אין שטוב דריי שפּיגלעז, אין וועלכע ער האָט געזעען „ וואָס געשען און וואָס געשען זאָל״. רבי שמעון האָט געהאט א יונגן זון מיטן נאָמען אלחנן. איז איינמאָל געשען, אַז דער שבת־גוי, וואָס פלעגט קומען פאַרלעשן די לאָמפּן און איינהייצן אום שבת, האָט גענומען אויף א ווייל דאָס יינגל אויף דער האַנט און מיט אים פאַרשווונדן. דאָס דינסט־מיידל האָט געזען, ווי דער שבת־גוי נעמט דאָס קינד אויף דער האַנט, זי איז אָבער נישט חושד געווען, אַז ער רויבט עס צו. עס קומט רבי שמעון פון שול, דערוויסט זיך וועגן אומגליק, הייסט אומעטום זוכן, פאַסט טאָג און נאַכט, „אבר הקב״ה האָט עס פאַר אים פאַרהעלט (פאַרהוילן), וואו דאָס קינד איז היין קומן״.

דאָס קינד איז אָנגעקומען אין די הענט פון די גלחים. זיי האָבן עס געשמדט און געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל פון דעם אויסוואַקסן א „גרויסער משומד״. ער פאַרט פון איין הויך־שול אין דער צווייטער, ביז ער קומט קיין רוים און לערנט דאָרט פילערליי לשונות. ער ווערט קאַרדינאַל אין רוים און מיט אַ צייט שפּעטער ווערט ער, אַ דאַנק זיין חריפות און ווויל־געלערנטקייט, אויסגעוויילט אַלס פויפּסט. אָבער דער פויפּסט געדענקט וועגן זיין יידישער אָפּשטאַמונג און ווייסט, אַז ער איז דער זון פון רבי שמעון פון מאַינץ. ער טראַכט דערום וועגן א מיטל ווי אַזוי זיך צו זען מיט זיין פאָ־טער. ער באַשליסט אַרויסשיקן צום ביסקופּ פון מאַינץ אַ בריוו, ווו ער באַ־פעלט אים פאַרווערן די ברית־מילה און די טבילה. דער מיין זיינער איז דערביי, אַז די מאַינצער יידן זאָלן צו אים שיקן אַ דעלעגאַציע. און היות זיין פאָטער איז דער חשובסטער ייד, וועט ער באַשטימט זיך געפינען צווישן די פאָרשטייער פון דער קהילה. היות די איינטערוועניץ ביים ביסקופּ האָט נישט געהאָלפן, פאָרן די יידן קיין רוים, אָפּצושרייען די גזירה. די יידן פון דער רוימישער קהילה זיינען איבעראַשט: נאָך קיינמאָל איז די יידן נישט געווען אזוי גוט, ווי אונטער דער ממשלה פון דעם פויפּסט. און דאָ אַזאַ גזירה?... זיי פּרווון אינטערווענירן ביים קאַרדינאַל, אָבער ער מעלדעט זיי. אַז ער איז נישט אימשטאַנד עפּעס אויפצוטאָן, ווייל אונטער דער גזירה איז אונטערגעשריבן דער פויפּסט און בלויז ער אַליין קאָן דעם פאַרבאָט מבטל מאַכן. מען ווענדט זיך צום פויפּסט מיט דער בקשה אויפגענומען צו ווערן. דער פויפּסט באַווויליקט אויפצונעמען בלויז דעם עלטסטן (ס׳הייסט רבי שמעונען). ווען רבי שמעון קומט אַריין צום „אפיפיור״, „פיל ער אויף זיין קני. דא זאס עבן דער אפיפיור מיט איינעם קאַרדינאַל און ציעט שוך־

צובל (שפילט אין שאָך). ווי ער נון רבי שמעון זאָך (דערזעט), דאַ דערשראָק דער אַפּיפּיור גאָר זייער, און הייסט אים אויפּשטיין, און דערווייל זיצן, ביז פּערטיק ווער מיט דעם שפּילן: דער ערקענט (דערקענט) גלעך זיין פּאַטר, ווי וואול דאס אים דער פאטער ניט קענט". ווי דער פּויפּסט האָט געענ־דיקט שפּילן, פּרעגט ער דעם "גדול" וואָס איז זיין באַגער. רבי שמעון הויבט אָן וויינען און קלאָגן און וויל ווייטער פאַלן אויף די קני, אָבער דער פּויפּסט דערלאָזט נישט הערצו און הויבט אָן מיט אים רעדן אין פּילפּול, און דער פּויפּסט ווייזט זיך אַרויס אַלס גרויסער קענער, אַזוי ווייט, אַז אין אייניקע פּאַלן שטעלט ער דעם גדול אין אַ שווערער לאַגע. אויך אין שאַך געווינט ער ביי רבי שמעונען, וואָס האָט געשמט אַלס גרעסטער מייסטער אויף דעם געביט. נאָכדעם איז זיך דער אפּיפיור מודה, אַז ער איז זיין זון און פּרעגט, צי ער וועט קריגן פּאַרגעבונג פאַר זיין זינד, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ ייד און דאָך געדינט ביי אַ פרעמדן גלויבן. ער רופט, פאַרשטייט זיך, אָפּ די גזירה און הייסט איבערגעבן א גרוס דער מוטער. די מוטער הויבט אויף אַ גרויסע יללה. עס געדויערט נישט לאַנג און דער פּויפּסט פארשווינדט, קומט צוריק קיין מאַינץ "מיט גרויס ממון" "און וואר ווידער איין חשובער יהודי'' און די מעשה ענדיקט זיך גאַטספאַרכטיק: "הקב"ה זאָל אונזרע עבירות פאַרגעבן דורך שמעון זיין זכות אמן סלה".

צוגלייך מיט די מוסר־ספרים, "צאינה־וראינה'', דעם "בראַנטשפּיגל'' און "לב־טוב" איז דאָס "מעשה־בוך" געווען פּאָפּולער ביי יידן און האָט געהאַט אין 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט פיל אויפלאַגעס. אויך ש. אַנסקי האָט אין זיין "פאָלקס־שאַפונג'' (אין דעם זאַמל־בוך "פּערעזשיטאָיע'', ב. 1) איבערגעגעבן פיל מעשיות אָפּשטאַמיקע פון "מעשה־בוך''.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אין "מעשה־בוך'' געפינען זיך ריין־וועלט־לעכע נאָוועלן פון קריסטלעכע מקורים, אָפט כמעט, ווי נישט פאַריידישט, מיט אַ דראַסטישן, ציניש איבהאַלט! — איז דאָס "מעשה־בוך'' אין תוך אַ זאַמלונג פון מוסרדיקער נאָוועליסטיק.

אין טייל מעשיות איז צו מערקן אַ דעמאָקראַטישע טענדענץ. אַזעלכע זיינען די מעשיות וועגן די ל"ו (לאַמעד־וואָוו, 36) צדיקים, אויף וועלכע עס שטייט די וועלט. דווקא זיי, די פּשוטע האָלצהעקער, די מענטשן פון ברויט און שווערער מי, זיינען דער יסוד פון דער וועלט, און נישט די פּני, די רבנים און לומדים. דער דאָזיקער פאָלקסטימלעך־דעמאָקראַטישער מאָטיוו איז כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר דעם פאָלקס־עפּאָס פון פיל אַנדערע פעל־קער. דאָס איז צו זען פון די רוסישע בילינעס וועגן "איליא מוראָמיעץ

סין איוואנאָוויטש״, וועגן „איוואַנושקא דוראַטשאָק״, אין די פוילישע „זבויעצקע״ מעשיות וועגן יאַנאָסיקן און אַנדערע. אָבער די ענלעכקייט איז בלויז צו מערקן אין דער טענדענץ אַרויסצושטעלן דעם פשוטן אָרנטלעכן מענטש אלס העלד. אין אונטערשיד צו די „זאגעס״ און לעגענדעס פון אַנדערע פעלקער, איז דער יידישער העלד ס׳רוב פּאַסיוו. ער אַליין טוט נישט, עס טוט זיך שוין פאַר אים, עס קומען מיט אים פּאַר ניסים, אָבער ער אַליין קעמפט נישט, ווייזט קיין פיזישע גבורה נישט אַרויס.

יעדנפאַלס קאָן מען זאָגן, אַז דאָס „מעשה־בוך״, אויב עס איז אַפילו נישט דערשינען פאַר דעם יאָר 1602 (און דאָס איז נאָך צווישן די פאָרשער אַ שטרייט־פראַגע) — געהערט עס דאָך צו דער צייט פון אויפבלי און שוווּנג אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, — צום 16־טן יאָרהונדערט. די אייגנטלעכע ליטעראַרישע שאַפונגען פון 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט זיינען שוין ווייט נישט אַזוי אָריגינעל — זיי זיינען אָדער בלאַסע באַאַרבעטונגען, אָדער נאָכהאַמונגען פון די שאַפונגען פון 16־טן י. ה., דערביי ווערט אין זיי אַלץ געדיכטער דער רעליגיעזער גײַסט.

אָבער דאָס איז נוגע בלויז און אויסשליסלעך דאָס אָריגינעלע שאַפן. אויב עס האַנדלט זיך אין פּובליקאַציעס און איבערדרוקן, איז דער 17־טער י. ה. אפשר איינער פון די שפּעדיקסטע. ס׳איז כמעט נישטאָ קיין איין וויכטיק און פּאָפּולער ווערק, וואָס זאָל נישט האָבן קיין נייע אויפלאַגע אין יענער צייט. סיי דאָס „בבא־בוך״ פון אליהו בחור, די „צאינה־וראינה״, אַ פּראָזע באַאַרבעטונג פון „שמואל־בוך״, די „ריטער־ראָמאַנען״, סיי די משלים־זאַמלונג „קו־בוך״ — וועגן וועלכן עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו רעדן — און דאָס „מעשה־בוך״ ווערן איבערגעדרוקט. עס באַווייזן זיך דאַן אויך געוויסע געלונגענע מעשה־ביכער (ווי צ. ב. די 25 מעשיות פון „מעשה־ניסים״, וואָס עס האָט צונויפגעשטעלט דער שמש און נאמן פון דער אַלטער וואָרמסער קהילה יפתיה יוזפא בן נפתלי), אָבער בדרך כלל איז דאָס שוין א „לעבן פון גרייטן״...

אויב דער 17־טער י. ה. באַווייזט די ערשטע סימנים פון ירידה אין דער ליטעראַטור, איז דער 18־טער יאָרהונדערט די צייט פון ירידה גופא, פון בולטן עפּיגאָניזם. ווען נישט די געזונג־רייכע היסטאָרישע לידער און די וויכטיקע מעמואַרן־ליטעראַטור, וואָלטן מיר אייגנטלעך קיין שום וועזנטלע־כעס אין דער ליטעראַטור פון דער צייט נישט געהאַט אָפּצומערקן, און עס וואָלט געבליבן אונטערצושטרייכן די וויכטיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך, וועלכע דערנענטערט זיך שוין צו אונדזער הייַנטיקן לשון.

די סיבה פון דער ירידה שטעקט קודם־כל אין דער איזאָלאַציע פון די ייִדן. ווען אייראָפּע קוויקט זיך מיט די שאַפונגען פון די ענציקלאָפּעדיסטן — זיצט די ייִדישע פרוי איבער די פּילע תחינות, וואָס ווערן צו יענער צייט געשאַפן, ווערט דער ייִדישער פאָלקס־מענטש ממש פאַרמויערט גייסטיק אין זיין געטאָ.

דער מיטלאַלטער ביי ייִדן לאָזט זיך נישט פאַרשטיין צוליב דער ספּעציפיש עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע, אין וועלכער די ייִדן האָבן זיך געפונען אויב מען זאָל זוכן א פולע אַנאַלאָגיע צו דעם קריסטלעכן. דווקא אין די מיטלאַלטערלעכע צייטן, ס׳הייסט ביזן 16־טן יאָרהונדערט, זיינען די קאָנטאַקטן מיט דער אויסערלעכער קולטור־וועלט געווען פיל שטאַרקער און די באַווירקונג פון דעם אייראָפּעישן שאַפן פיל קרעפטיקער, ווי אין דער נייער צייט. דעם ייִדישן קלער איז אָ דאַנק די שווערע ליידן פון פאָלק, די קאַטאַסטראָפאַלע איבערלעבונגען און שחיטות אין 17־טן י. ה., וואָס האָבן נישט אָנגעריגירט באַזונדערע קהילות, נאָר גרויסע מאַסן סיי אין דייטשלאַנד, בעת דעם 30־יאָריקן קריג, סיי אין רוסלאַנד און אין פוילן אין די יאָרן 1648—1649, געלונגען כמעט פולשטענדיק צו איזאָלירן דעם ייִדישן פאָלקס־מענטש פון דעם נישט־ייִדישן אַרום.

אין דער ליטעראַטור פון 17־טן י. ה. פאַרנעמט דעם אויבן־אָן דער מוסר, דער זוהר, די ייִדישע מיסטישע לערע. דעם הויפּט־טאָן גיט די קינה, דאָס קלאָג־ליד. דורך דעם מרה־שחורהדיקן „קב־הישר״ (דערשינען אין 1706), וואָס וואַרפט אָן אימה און פחד אויפן לייענער, און אפילו דורך די מעשהלעך אין פאָלקס־טאָן פון דעם פאַרפרומטן אלחנן קירכהאַן („שמחת הנפש״ 1707) ווערט געפלעגט דער ווילדסטער אבערגלויבן אין פאָרם פון אויטאָריטאַטיווע פעסטשטעלונגען. אַזוי צ. ב. שטעלט פעסט דער מחבר פון „שמחת הנפש״, אז „די שדים זכרים האָבן האָר אויף אירע קעפּ, און די שדים נקבות האָבן נישט קיין האָר אויף אירע קעפּ״. ער שרעקט דעם פאָלקס־מענטש מיט פאַרשידענע שדים, מחבלים און כישוף־מאַכער, וואָס נעסטיקן, פאַרשטייט זיך, צווישן די נישט־גלויביקע א. א. וו.

דאַן ווערן ביז גאָר פּאָפּולער אויפסניי די גלויבונגען אין משיחים, און עס באַווייזט זיך דאָס ליד וועגן דעם „מלך שבתי־צבי״ („איין שיין ביי ליד וועגן משיח״) — געדרוקט אין אַמסטערדאַם 1666, דער מחבר: יעקב טויסק פון פּראָג — זאָגט אָן, אז שבתי צבי געפינט זיך אין טערקיי, וועט אין גיכן אַרויספירן אַלע ייִדן פון גלות אין דעם לאַנד פון האָניק און מילך, ווו ייִדן

װעלן נישט דאַרפֿן האַנדלען און זיך קאָנען פֿאַרנעמען מיט תּורה און מעשׂים טובֿים.

דאָס „מעשׂה־בוך״, קאָן מען אַזוי אַרום זאָגן, שליסט אָפּ די תּקופֿה פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, װאָס האָט פֿאַרהעלטנישמעסיק די קינסטלע־ריש רייכסטע פּרוכט געגעבן אין 16־טן יאָרהונדערט און געשאַפֿן דעם ליטע־ראַריש־דערציילערישן נוסח אין דער ייִדישער פּראָזע און פֿאָלקס־מעשׂה, אַ נוסח, װאָס איז שפּעטער איבערגענומען געװאָרן דורך די חסידים און האָט אומדירעקט, שוין דורך דעם מויל פֿון פֿאָלק, באַװירקט די קלאַסישע ליטעראַטור. פּרצעס „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״ און „חסידיש״ פֿאַרמאָגן סיי אין זייער פֿאַנטאַסטיק, סיי אין לומדישן אופֿן פֿון דערציילן זייער פֿיל ענלעכעס צום אַלט־ייִדישן דערצייל־נוסח.

קאפיטל 8.

משלים-זאַמלונגען אין יידיש

צו די וויכטיקסטע זאַמלונגען פון משלים אין זעכצעטן יאָרהונדערט געהערן אָן שום ספק „דאָס קו־בו" (דערשינען אין ווערא̇נע אין 1594), וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך אברהם בן מתתיהו. דאָס איז אַ פרייע איבערדיכטונג פון די פאַבלען געשריבענע אין העברעיש א. ק. „משלי שועלים" (דערשינען אין פרייבורג 1583) דורך יעקב קאַפּעלמאַן.

אַז דאָס „קו־בוך" איז געווען זייער פּאָפּולער, האָבן מיר צוויי גענוג איבערצייגנדיקע באַווייזן:

1) דער אַרויסגעבער פון „מעשה־בוך" יעקב בן אברהם פון מעזריטש, ווען ער שטעלט פאַר פאַרן לייענער, ווי געוויינטלעך — אויפן שער־בלאַט — די מעלות פון זיין גרויס ווערק (די גאַנצע גמרא אין יידיש־טייטש), פאַרגעסט ער נישט, ווי דער מנהג איז, אָנצופאַלן אויף די „טור־רעכטן ספר", וואָס זיינען נישט געטלעך און רופט אָן אין אין אָטעם מיט „מייסטער הילדעבראַנד" און „דיטריך פון בערן" אויך דאָס „קו־בוך", דאָס באַווייזט אויף דער גרויסער פּאָפּולאַריטעט פון בוך. עס איז דאָ אויך אַ צווייטער באַוויז:

2) פון דער ערשטער אויפלאַגע האָט זיך נישט פאַרהיט קיין איינציקער עקזעמפּליאַר און די באַקאַנטשאַפט מיט דעם ווערק האָבן מיר צו פאַרדאַנקען משה בן אליעזר וואליך, וואָס האָט אין 1697 אין פראַנקפורט ביים מאַין אויפסניי ארויסגעגעבן מיט האַלצשניטן באַצירט דאָס „קו־בוך" וואָס ער האָט אָנגערופן „ספר משלים". אַז ס'איז בלויז אַן איבערדרוק, גיט קלאָר

צו וויסן וואליך זעלבסט אין זיין געגראַמטער הקדמה, אין וועלכער ער ווייזט אָן, אַז דאָס „קו־בוך״ איז געוואָרן אַזאַ זעלטנהייט, אַז מען דאַרף די שיך צערייסן, ביז מען געפינט עס. דעריבער האָט ער באַשלאָסן דאָס בוך משלים איבערדרוקן „אויף ריין און ווייס פּאַפּיר״.

די משלים־דיכטונג געהערט ביי אונדז, און ווייזט אויס, אז נישט בלויז ביי אונדז, צו די עלטסטע ליטעראַרישע זשאַנרן. שוין אין תנ״ך זיינען פֿאַראַן אייניקע משלים. אין תלמוד איז אָנצוטרעפֿן גאַנצע זאַמלונגען פֿון משלים, און לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, שטאַמען זיי נישט אַלע פֿון אויס־שליסלעך יידישן מקור. די יידישע איבערזעצונג פֿון „משלי־שועלים״ איז

שער־בלאַט פֿון „קו־בוך״ פֿון משה וואַליך (1697)

פאַרהעלטנישמעסיק אַ זייער שפּעטע, ווייל דאָס „פאַבל־בוך״ איז געשאַפן געוואָרן פיל פריער (אין דער ערשטער העלפט פון 13־טן יאָרהונדערט) דורך ברכיה בן נטרונאַי הנקדן. 55 פון ברכיהס משלים־זאַמלונג שטאַמען פון עזאָפּן. די רעשט האָט ער, ווייזט אויס, אַליין פאַרפאַסט.

דאָס „קו־בוך״ איז אייגנטלעך אַ באַאַרבעטונג און אָפּקלייב פון די בעסטע, געלונגנסטע משלים פון „משלי שועלים״ און „משל הקדמוני״. דערביי דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער אויטאָר פון „קו־בוך״ האָט זיך מיט קאָפּעלמאַנס איבערזעצונג פון העברעישן „משלי־שועלים״, ווי אויך מיט דער איבערזעצונג פון „משל הקדמון״ נישט באַנוצט. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ זעלבשטענדיקער איבערדיכטונג און אַ ביז גאָר געלונגענעם אָפּקלייב. און עס קומען אין דער זאַמלונג ווירקלעך אַריין די שענסטע משלים פון אָט די בײדע זאַמלונגען, דערביי אַרויסגעבראַכט מיט אַ סך הומאָר און פאָלקסטימלעכן חן. דאָס „קו־בוך״ פאַרמאָגט בסך־הכל 34 משלים, דערביי זיינען בלויז 14 גענומען געוואָרן פון „משלי־שועלים״, 8 פון „משל הקדמוני״ און די רעשט פון פאַרשידענע אַנדערע מקורים. ס׳איז דערביי נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער איבערזעצער איז געווען אַ פאַבל־שרייבער אויך. אַז אברהם בן מתתיהו האָט געקאָנט אויך אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון, מערקט זיך, צווישן אַנדערן אין דעם משל וועגן א פריילין, וואָס צעווייִנט זיך, ווען זי הערט אַ זיבגער, ווייל ער האָט איר מיט זיין שטים דערמאָנט אין איר אייזל, ווי אויך דער פאַקט, וואָס אייניקע פאַבלען דערמאָנען אין באָקאַטשיאָס „דעקאמעראָן״. דאָס באַווייזט אויך דער רענעסאַנס־גייסט, די לעבנס־פרייד און וועלטלעכקייט, מיט וועלכן עס אָטעמען די משלים, וואָס דאָס מוסרדיקע, פרומע אין זיי איז בלויז אַן אויסערלעכער צופּוץ. דאָס „קו־בוך״ איז א וועלטלעך בוך, וואָס חוזקט אָפּ פון פרומע, צום הימל־גלאָצנדיקע פרומאַקעס, וואָס ווילן מיט דער הילף פון לאַנגן דאַווענען פאַרדעקן זייערע טרייפענע געשעפטן... ער גיט במילא א גלענצנדיקן פּאָרטרעט פון א „טאַרטיוף״, אַ צבועק. אין אַ צווייטן משל ווערט אויסגעלאַכט אַן עלטערער מאַן, וואָס דאָס ווייב נאַרט אים אָפּ אויף טריט און שריט. אין „קו־בוך״ איז אויך אָנצוטרעפן ביז גאָר שאַרפע סאָציאַלע אַקצענטן. אין דער היגזיכט איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש דער משל וועגן דעם וואָלף דעם ריכטער. אין דעם משל ווערט דערציילט, אַז דער מלך, דער לייב, האָט קיין פאַרסיקערן ריכטער אין גאַנצן לאַנד נישט געפונען, ווי דעם וואָלף. דער וואָלף גיט אָפּ אַ פייערלעכע שבועה „רעכט צו ריכטן אל די וועלט״. נו משפט ער געטריי דער וועלפיש־רויבערישער מאָראַל. און ווען עס קומט צו

אים מיט אַ דין־תּורה אַ פּראָצעסניק אַ הירש און זיין קרבן — אַ שטילע אָרעמע שעפּס, ביי וועלכער ער האָט שוין אויסגעצאַפּט די לעצטע בלוטן, לאָזט דער וואָלף די שאָף אַפילו ניט קומען צום וואָרט, כּדי צו דערציילן, וואָס פֿאַר אַ גרויסע פּראָצענטער דער הירש האָט שוין ביי איר צוגענומען. ער הערט בלויז דעם רייכן הירש און זיינע פֿאַלשע עדות...

פּאַראַלעל צו דעם פֿאַבל זיינען ביי יידן געווען שטאַרק באַליבט דאָס שפּריכוואָרט, דאָס ווערטל, דער עפּיגראַם מיט דער קלוגער סענטענץ. הגם ס'איז אַ געביט, וואָס האָט מיט אייגנטלעכער פּאָעזיע ניט צו טאָן, איז עס אָבער א פֿאָרם, וואָס דווקא גרויסע דיכטער פּלעגן אָפט באַנוצן. די יידישע ליטעראַטור האָט צוויי אַזעלכע זאַמלונגען: דער „קליין בראַנטשפּיגל", דערשינען אין ווענעדיג 1566. דער זאַמלער און צונויפשטעלער פֿון דעם בוך איז געווען יהודה רעגענסבורג. און דער „צוכטשפּיגל" (דערשינען אין האַנוי, 1610) פֿון זעליגמאַן אולמא.

דאָס ערשטע ביכל איז געבויט אין פֿאָרם פֿון אַ פֿאַרמעסטונג פֿון 70 חכמים, וואָס געפֿינען זיךביים קיניג און יעדער דעמאָנסטרירט זיין „ווייזהייט" דורך אַ סענטענציאָנעל געגראַמט מעשהלע.

עס איז דורכויס ווערט זיך צו באַקענען מיט דעם „צוכטשפּיגל", וואָס פֿאַרמאָגט אַזש 500 עפּיגראַמען צונויפגעשטעלטע לויטן אלף־בית. הגם די אַלע עפּיגראַמען און ווערטלעך זיינען מערסטנסטייל גענומען געוואָרן פֿון תּלמוד און מדרשים, איז די איבערזעצונג ניט קיין ווערטלעכע און געגראַמטע, נאָר בפירוש אַ פֿרייע, אַ טאַלענטירטע און ווייזט אויף דער גייסטרייכקייט און וועלטלעכקייט פֿון איבערזעצער און צונויפשטעלער זעליגמאַן אולמא.

אין 17־טן יאָרהונדערט איז די פּערזן־פֿאָרעם ניט אין גאַנצן פֿאַרשוונדן פֿון אומלויף און באַנוץ. פֿאַרקערט — ס'איז לייכט אָנצוטרעפֿן אַ גאָר היפּשע צאָל געגראַמטע ווערק, אָבער זייער פּאָעטישער ווערט איז אַ מינימאַלער. זיי האָבן בלויז אַ קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג, ווי דאָקומענטן, וואָס זאָגן עדות אויף דער ווייטערדיקער „פֿאַריידישונג" פֿון דער יידישער שפּראַך.

קאַפּיטל 9.

היסטאָרישע שריפטן און היסטאָרישע לידער

אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור איז בוכשטעבלעך נישט אַדורכגעלאָזן געוואָרן קיין איין וויכטיק רעליגיעז בוך, אָנהייבנדיק פון חומש, עס זאָל נישט ווערטלעך איבערזעצט ווערן, אָדער פריי באַאַרבעט ווערן. מיר שטעלן זיך אָבער אָפּ הויפּטזעכלעך אויף די ווערק, וואָס זיינען לכתחילה געשאַפן געוואָרן אין דער פאָלקס־שפּראַך און פאַרמאָגן אַ ליטעראַרישן אינטערעס. דעריבער טאַקע וועלן מיר נישט רעפערירן וועגן דער ווערטלעכער און געלונגענער איבערזעצונג פון אַזאַ ריזן־ווערק, ווי דער „יוסיפון", וואָס געהערט אפשר צו די אַמשענסטן אילוסטרירטע ביכער אין יידיש. דער „יוסיפון" פאַרמאָגט אַ שלל ערשטקלאַסיקע קינסטלערישע האָלצשניטן (פּאָרטרעטן פון קיניגן און פירער), צעזייט אויף די קנאַפּע טויזנט זייטן פון בוך.

פון כראָניקעס, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין יידיש איז כדאַי זיך ברייטער אָפּצושטעלן אויף דער „מגילת ווינץ" („ווינץ האַנס ליד"), וואָס גייט אין געגראַמטע שורות, געבויטע אויף אַ טאָנישן אופן (פאַרמאָגט בלויז אַ באַשטימטע שטרענג אויסגעהאַלטענע צאָל טאַקטן אין ליד, די צאָל טראפן איז אַ באַליביקע) און פרווט אָנבינדן אין די טראַדיציעס פון דער שפּילמאַן-תקופה. אויך דאָ הויבט אָן דער מחבר פון דער כראָניקע מיט אַן אינוואָקאַציע:

איך וויל דערציילן גאָטס שרעק,
זיינע וווּנדער און צייכן די גרויסע,

אַ זײַטל פֿון דעם „יוספֿון" (1546 י.)

זיין קראַפט און אַך (אויך) זיינע ווערק
ווי ער אונדז נישט האָט פאַרלאָזן.
אַן אַלע פאַרט און אין אַלע לאַנד
וויל איך אויף אים בעצייגן;
זיין נאָמן וויל איך טון ביקאַנט
מיט דער וואָרהייט, און וויל נישט לייגן.

דער מחבר פון „מגילת ווינץ" לייגט ווירקלעך נישט. ער, דער פראַנק־פורטער תושב אלחנן בר אברהם העלין דערציילט וועגן אַ ווירקלעכער געשעעניש, וואָס איז פאַרלאָפן אין פראַנקפורט ביים מאַין אין יאָר 1614, ווען די אומצופרידענע מאַסע קאַטאָליקן און קאַלוויניסטן, וואָס זיינען געוואָרן אָפּגעשטויסן דורך די אומטאָלעראַנטע לוטעראַנער פון דער שטאָט־ווירטשאַפט, האָבן אונטער דער אָנפירונג פון וויצענץ (ווינץ־האַנס) פעט־מילך געמאַכט אַן אויפשטאַנד. דער אויפשטאַנד קעגן די שטאָט־באַלעבאַטים, די פּאַטריציער, וואָס האָבן די קאַטאָליקן נישט דערלויבט צו האָבן קיין אייגענע קירך, וואָס האָבן זיך גֿעלאָזט איבערקויפן און געבאַלעבאַטעוועט אין שטאָט־ראָט ווי זיי איז באַקוועם געווען, האָט אויך מיט זיין שאַרף — און דאָס ביז גאָר ווייטיקלעך — געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג פון פראַנקפורט. אַ גאַנצע ריי טונקעלע פאַרשוינען, ווי אויך דער אָנפירער פון דעם אויפשטאַנד, זיינען געווען שטאַרק פאַרשולדיקט ביי יידן און זיי האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז איצט פּאַראַן די געלעגנהייט פאַראיינוועגס פטור צו ווערן פון די יידישע קרעדיטאָרן. דעם 22—23־טן אויגוסט 1614 י. איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם, בעת וועלכן מ'האָט צעראַבירט די יידישע גאַס. מען האָט געשענדעט הייליקייטן, געראַבירט און גע־שלאָגן און געצוווּנגען די יידן צו פאַרלאָזן די שטאָט. אָט די געשעענישן פון דעם „צווייטן המן", פעטמילך איז געווידמעט „מגילת ווינץ". העלין האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין ווערק אין יידיש און העברעיש אין יאָר 1616, גלייך נאָכדעם, ווי די אויפשטענדלער זיינען באַזיגט געוואָרן און די פּי־רער, בראָש מיט פעטמילכן, זיינען געקעפּט געוואָרן; פּונקט אין דעם זעלביקן טאָג, ווען מען האָט מיט גרויס פּאַראַד געבראַכט די יידן צוריק קיין פראַנק־פורט. דער מחבר שילדערט די אַלע געשעענישן, דאָס אויספירן דעם אורטייל אויף די רעדל־פירער פון אויפשטאַנד און דעם אומקער פון די יידן געגנוג בילדעריש און מיט שטימונג.

ביי אַ ריי יידישע וויסנשאַפטלער מערקט זיך אַ טענדענץ פאַרבייצו־גיין די סאָציאַלע סיבות פון אויפשטאַנד און שילדערן די געשעענישן

בלויז אַלס אַ יידן־פּאָגראָם. אַזאַ צוגאַנג איז נישט וויסנשאַפטלעך, ער פאַרדעקט פאַרשידענע סאָציאַלע שטריכן, סיי אין דער נישט־יידישער און סיי אין דער יידישער סביבה. ס׳איז מערקווירדיק, אַז גלייך נאָך דעם, ווי די פראַנקפורטער יידן זיינען צוריקגעקומען קיין פראַנקפורט, האָבן זיי נאָכגעטון אין אַ געוויסער מאָס דעם פאַרהאַסטן פעטמילך און ארויסגע־טראָטן קעגן די ראש־הקהל און רבנים, וואָס האָבן זיך געלאָזט וויטיק־דיק פילן דעם אָרעמען פאָלקס־מענטש. עס ווערט אויך אָפּט פאַרשוויגן, אַז דער אויפשטאַנד פון פעטמילכן האָט געהאַט נאָכפאָלגער אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע שטעט פון דייטשלאַנד, און נישט אַלע מאָל האָט זיך דער שאַרף געווענדעט קעגן די יידן. דאָס איז נישט קיין אָפּגעזונדערטער פאַקט!

מיר טרעפן זיך מיט דער זעלביקער דערשיינונג אויך אין דער אָפּ־שאַצונג פון די גזרות ת״ח ות״ט. די געשעענישן אין אוקראַינע אין יענע יאָרן (1648—1649) האָבן ווירקלעך גורם געווען פיל יידישע קרבנות, זיי זיינען אָבער אויך געווען אַ באַגלייט־דערשיינונג פון גרויסע סאָציאַל־פּאָ־ליטישע און נאַציאָנאַל־באַפרייערישע שטרעמונגען אויף אוקראַינע. דער פאַרמעגלעכער ייד איז געווען פאַרבונדן מיט דעם פריץ, וואָס האָט אים באַשאַנקען מיט פונקציעס, וועלכע האָבן באַליידיקט די רעליגיעזע גע־פילן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג (דאָס האַלטן דעם שליסל פון קלויס־טער) און געגעבן באַשעפטיקונגען, וואָס האָבן אריינגעבראַכט פאַראָרעמונג אין דער קריסטלעכער סביבה. איז דעריבער געווען נישט שווער אויפצו־העצן פאַרשידענע פיינטלעכע כוחות אין דער מאַסע קעגן אַלע יידן.

אין די כראָניקעס און קינות טרעפן מיר אָפּט אָן אויף דער שענדלעכער ראָל פון די שטאָט־תקיפים און גבירים, וואָס זיינען גרייט צו קאָ־מאַנדעווען אין נאַרמאַלע צייטן, ווי עס געשעט אָבער נאָר אַן אומגליק, זיינען זיי די ערשטע צו מאַכן ויברח. נישט געקוקט אויף איר שוואַכן פּאָעטישן ווערט, איז אין דעם פּרט ביז גאָר אינטערעסאַנט משה אייזנ־שטאַטס קלאָג־ליד אויף דער עפּידעמיע („עיפּוש”) אין פּראָג פון יאָר 1713. ער גיט דאָרט איבער די גרויסע יסורים און די טויט־שרעק פון די איינוווינער און דערמאָנט דערביי מיט פאַרביטערונג די גבירים און קהילה־לייט, וואָס זיינען פון די ערשטע אַנטלאָפן פון דער שטאָט און אי־בערגעלאָזט די פאָלקס־מאַסע, דעם אָרעמען ייד אָן שום הילף:

טרוען (קופּערטן) און קאסטען טראָגן האָט מען דאַן גאַנצן טאָג
פאַר זיך געזען
ווי ווי איז דען אָרמען לייטן געשען,

דען זי געדענקן די עשירים ציען אַלע אוועקן
און מיר מוזן היר בלייבן אין דער צרה שטעקן,
כמה וכמה אלפים האָט זאָלכ געשטאַנדן
ממש קיין עושר איז אין דער קהילה פאַרהאַנדן,
דערגלייכן פיל לומדים און זונשטן (אַנדערע) חשובע לייט
האָבן זיך געמאַכט אַלע אויף אַ זייט.

פון אַנדערע גרעסערע באַשרייבונגען פון גזירות איז כדאי אָפּצומערקן די צוויי יידישע קינות: איינע „קינה על גזירות הקהילות דק״ק אקר״ייני״, וואָס איז דערשינען דירעקט נאָך די גזירות, און די צווייטע דערציילט אין געגראַמטע שורות וועגן די געשעענישן פון יאָר 1656. ביידע קינות זיינען פון ליטעראַרישן שטאַנדפונקט פון גאָר קנאַפּן ווערט. זייער טענדענץ איז: באַווייזן דעם חורבן פון אַ גאַנצער ריי קהילות, די שענדונג פון ספר־תורות און באַשרייבן די גרויזאַמע יסורים און דעם טויט פון מענער, פרויען און קינדער.

דאָך, אַפילו אין דער טרוקענער פאַרפרומטער רעלאַציע פון די קינות רייסט זיך אַדורך אַ סאָציאַלער מאָטיוו: אַזוי ווערט אין דער קינה וועגן דער גזירה פון „ערשטן טאָג אין תשרי תט״ז״, ביי וועלכע יעדע צוויי שורות ענדיקן זיך מיט דעם רעפרען „אך גאָט, ווי קאָנטשו דאָז צו זעהן — אַזוי איין מכה רבה איז גישעהן אוי לנו כי חטאנו״ געפינען מיר דאָך אַזאַ פּאַסוס:

פון וועשט וועגן (צוליב וואָס) איז די גזירה גיקומין?
ווייל דער רייכעה (רייכער) האָט דען אָרמן נישט אָן גנומין״

און די בעל־הקינות זיינען דאָך פרומע, היפּער־פרומע מענטשן. אַשכנזי, דער מחבר פון דער קינה אויף דער גזירות ת״ח, שרייבט זיין ווערק אין יידיש. אַפילו אין דער באַגייסטערטער „איין שיין ליד וועגן משיח״ פון יעקב טויסק, וואָס גלויבט אין שבתי־צבי אַלס גאָטס שליח אויסצולייזן זיינע פאַרליטענע יידעלעך און זיי פירן אין דעם לאַנד פון האָניק און מילך, בכדי זיי זאָלן פאַרשפּאָרן זיך פאַרנעמען מיט פאַרשידענע פרנסות און זיך קאָנען אָפּגעבן מיט לערנען תורה גאַנצע טעג, איז אויך פאַראַן אַ גענוג שאַרף אַקצענטירטער סאָציאַלער מאָמענט:

נייערט אונזער גאָט אַליין ווו, איז מער זיין גלייכן:
ער נעמט פאַר זיך די תפילה פון אָרמה לייט וויא וואָל אַז פון דיא רייכן

דיא רייכע טרייבן מיט איר געלט אייטל לושט אונ׳ רייד
אונ׳ אַכטין ניט (לייגן נישט קיין אַכט) קיין אָרמה לייט.

שער־בלאַט פון אַן אויסגאַבע פון „משלי שועלים"
(פראָג, 1661)

פון צווישן די ווערק, באַשרייבונגען און מעמואַרן פון אַ באַשטימטן היסטאָרישן ווערט, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין יידיש דאַרף דער־מאָנט ווערן: יהודה־לייב בן עוזרס א „באַשרייבונג פון שבתי־צבי״, „ווינר גזירה״ (1609 אין קראָקע), אַ באַשרייבונג פון דער באַלאַגערונג פון וואָרמס, בעת דעם דרייסיקיאָריקן קריג פון אַ וואָרמסער תושב א. ק. „צרות ווער־מייזע״ (1636), די אומרועץ אין אַמסטערדאַם פון 1696 — „איין באַשרייבונג פון דער רעבעלירייי צו אַמשטרדם״, דער בלוט־בלבול פון 1669 יאָר אין מעץ און לסוף דאָס באַדייטנדיקסטע ווערק פון אַלט־יידישער היסטאָריאָגראַפיע, מנחם מן אַמעלאַנדערס „שארית ישראל״ (פאַרעפנטלעכט אין אמסטערדאַם 1743). דאָס בוך איז אַרויס בויגנוויז און איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן די אַבאָנענטן. מנחם מן אמעלאנדער, האָט צוערשט ארויסגעלאָזט אַ פאַר־בעסערטן „יוסיפון״ אין יידיש און אין דעם זעלביקן יאָר זיין אייגענעם המשך צו דעם בוך, אָנהייבנדיק פון דעם חורבן בית־שני ביז 1740 יאָר. דאָס בוך איז אַ קאָמפּילאַציע פון יידישע און קריסטלעכע שריפטן, אָן שום היסטאָריאָזאָפישן בליק, און אָן שום קריטישן צוגאַנג צו די מקורים. אַ באמת וויסנשאַפטלעכן ווערט האָבן בלויז זיינע פאַרצייכענונגען צו דער געשיכטע פון די יידן אין האָלאַנד.

די מעשה־אַרטיקייט פון „שארית־ישראל״ האָט דאָס בוך באַליבט גע־מאַכט ביים יידישן לייענער. שוין בעת דעם לעבן פון מחבר האָט דאָס בוך געהאַט צווויי אויפלאַגעס (פיורדא, 1751 און 1757) און ביזן סוף 18־טן יאָרהונדערט זיינען צוגעקומען נאָך דריי אויפלאַגעס. אין יאָר 1804 איז דאָס בוך איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיש (לעמבערג) און אין יאָר 1855 — אויף האָלענדיש.

סליק·

אַ זייטל פון דעם „קו־בוך" פון משה וואַליך (1697)

קאַפּיטל 10.

די מעמואַרן־ליטעראַטור

ווי ס'איז צו זען פון די פאַריקע קאַפּיטלעך, האָט די אַלט־יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט אַלע מעגלעכע זשאַנרן. מיר טרעפן אָן סיי דאָס וועלט־לעכע ליד, די ליריק, מיר טרעפן אָן דעם וועלטלעכן עפּאָס אין דער פאָרם פון פאַריידישונג פון ריטער־ראָמאַנען און דעם אָריגינעלן פאָלקס־עפּאָס, ווי דעם „שמואל־בוך" און אַנדערע. מיר טרעפן אָן די וועלטלעכע און דידאַקטישע נאָוועלע און פאָלקס־מעשה, פאַבלען און עפּיגראַמען, היס־טאָרישע ווערק אין איבערזעצונג און אָריגינעל־געשריבענע. ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז אויך דער געביט פון דראַמאַטישן שאַפן נישט געווען פאַרוואָרלאָזט. ס'איז שוין אויך באַקאַנט דעם לייענער, אז אויף יידיש־טייטש איז איבערזעצט געוואָרן סיי דער חומש, סיי ריזיקע טיילן פון דער הלכה און אַז אויך די אגדתות זייִנען אין פאַרשידענע וואַריאַנטן און אויף פאַרשידענע אופנים אויסגענוצט געוואָרן. וואָס ווייזט עס? — עס באַווייזט, אַז אין 16־טן — 17־טן יאָרהונדערט איז אָפּצומערקן אַ דאַנק דעם דרוק־וואַרשטאַט אַ גרויסן פאַרלעגערישן און שעפערישן שוואונג, די פּערסאָנאַליען פון די מחברים און פאַרלעגער, ווייזן דערביי אָן, אַז נישט אַלע שטאַמען זיי דווקא פון לומדישן שיכט, אַז ביי דער פאַרלעגערישער טעטיקייט אין יידיש האָבן זיך באַשעפטיקט פשוטע פאָלקס־מענטשן צוליב פרנסה־צוועקן. דאָס זאָגט עדות וועגן דעם, אז דאָס יידישע בוך האָט געהאַט אָפּנעמער צווישן די פשוטע פאָלקס־מענטשן.

עס באַווייזט אויך, אַז איינער פון די וויכטיקסטע קאָנסומענטן איז שוין נישט די יידישע פּאַטראָנעסע, נאָר אויך די פּשוטע אָרעמע יידישע

פרוי ווערט נישט בלויז אן אפנעמעריק פון די באציאונגלע אוצרות, נאר, אז זי אליין ווערט מיט דער צייט אפילו א מיטבאטייליקטע אין שאפערישן פראצעס.

מיר האבן שוין דערציילט וועגן פרויען, וואס האבן געשאפן, אדער באארבעט דעקאמעראנישע מעשיות. עס איז אויך באוווסט, אז שוין אין 16־טן יארהונדערט זיינען געווען פרויען בארימטע מיט זייער לומדות. רבקה בת מאיר טיקטינער האט דערווארבן א שם מיט איר לומדות נישט בלויז אויף דער יידישער גאס. א דייטשער פראפעסאר האט אין 1719 יאר אפילו געשריבן א ספעציעלע אפהאנדלונג וועגן איר. טיקטינער איז געווען א זאגערקע און פלעגט האלטן דרשות, וואס האבן עדות געזאגט וועגן איר בקיאות אין גמרא און מדרש. אגב איז עס אויך צו זען פון איר בוך „מינקת רבקה", וואס איז פארעפנטלעכט געווארן א צייט שפעטער נאך איר טויט. (פראג 1609). זי איז אויך געווען די פארפאסערין פון „שמחת־תורה־ליד". עס איז אויך באקאנט רויזל פישלס געגראמטע פאררעדע צו משה שטענדאלס תהילים־איבערזעצונג. אין דער אלט־יידישער ליטעראטור איז אפילו אנטהאלטן פרויען רעצעפטים. און צווישן זיי א 11־יאריק מיידל, דעם גר־צדקס משה בן אברהמ׳ס טאכטער, וואס האט אויסגעזעצט א תפילה־איבערזעצונג און צו איר פארפאסט א געגראמטע פאררעדע.

דאס גרעסטע און וויכטיקסטע ווערק, וואס איז געשאפן געווארן דורך א פרוי איז אבער נישט צווישן די שוין אויסגערעכנטע, און אויך נישט צווישן די פיל תחינות, אנאנימע און באוווסטע, וואס זיינען דורך פרויען געשריבן געווארן, און אפילו נישט די תחינות פון דער ממש לעגענדארער שרה־בת טובים, מיט אירע סענטימענטאל־דידאקטישע ווערק („שקר החן" און „שלושה שערים"), וואס האבן אזוי גוט פארפעסטיקט און פאפולער געמאכט דעם „תחינה־נוסח" פון 18־טן און 19־טן י. ה., נאר דווקא א ווערק, וואס איז דאן צום מאסן־לייענער נישט דערגאנגען און האט געטראגן דעם כאראקטער פון אינטימע פארצייכענונגען. דאס דאזיקע ווערק, וואס ווערט געשאצט אלס דער שענסטער דענקמאל פון דער יידישער מעמואריסטיק אין 17—18־טן יארהונדערט, זיינען גליקל האמעלנס זכרונות, וועלכע ציען אונטער א סך־הכל פון דער דורות־לאנגער אנטוויקלונג פון דער יידישער פרוי, וואס האט געלעבט אין גוטע באדינגונגען און אפגעשטאמט פון יחוס. „גליקל האמעלנס זכרונות דעמאנסטרירן דעם פראדוקט פון א גאנצער קולטור אין דעם מאמענט, ווען עס צייכנט זיך שוין אן איר ירידה, די סמנים פון א טיפער מידקייט נאך אן אנגע־

שטרענגטער און שעפערישער ארבעט, וואָס האָט געדויערט גאַנצע יאָר־הונדערטער" (מ. עריק). הגם די מעמואַרן פון גליקל־האַמעלן זיינען ערשט געקומען אין דער עפנטלעכקייט צום סוף 19־טן יאָרהונדערט, איז זייער באַדייטונג אומאָפּשאַצלעך סיי אַלס מקור צו דערקענען און דערלערנען דאָס יידישע לעבן אין 16—17־טן י. ה., סיי אַלס ליטעראַרישער רעזאָנאַנס פון יענע הערשנדיקע ליטעראַרישע ווערק און דערציילאופנים, סיי אַלס פּסיכאָלאָגישער שפּיגל פון דער יידישער פרוי, וואָס האָט געשטאַלטיקט איר באַוווסטזיין אויף דער מאָראַליזירנדיקער, מוסרדיקער ליטעראַטור.

די גענעזע פון די זכרונות, ווי אויך די געשטאַלט פון דער אויטאָרין איז זייער אינטערעסאַנט, און מיר וועלן זיך דעריבער אויף די מאָמענטן עטוואָס ברייטער אָפּשטעלן.

גליקל האַמעלן איז געבוירן געוואָרן אין האַמבורג אין יאָר 1645. איר פאָטער, לייב פּינקערלע, איז געווען פּרנס אין דער האַמבורגער קהילה און בכלל אַן אָנגעזעענער עסקן. ער האָט ביי זיך אין שטוב איינגעאָרדנט אַ שפּיטאָל פאַר די פּליטים בעת די שחיטות אין אוקראַינע, בעת גזירת ת"ח ות"ט. די שטוב פון לייב פּינקערלע איז, נישט געקוקט אויף דעם טראַדיציאָנעלן כאַראַקטער פון דער פירונג, דאָך געווען באַהויכט מיט אַ וועלטלעכן גייסט און וועלטלעכע אינטערעסן. אַט דער גייסט האָט, ווייזט אויס, שטאַרק מיטגעווירקט אויף דעם כאַראַקטער פון גליקלס מעמואַרן, וואָס פאַרמאָגן אין זיך אַ ברייטן קוק אויף לעבנס־דערשיינונגען. אין די פריסטע יאָרן, ווי זי דערציילט, האָט גליקל "אַליס אין קינד אין חדר זיטצן מוזין". צו דריי יאָר האָט זי איבערגעלעבט אַ גירוש פון די האַמבורגער יידן, וואָס האָבן זיך איבערגעקליבן קיין אַלטאָנאַ, וועלכע האָט דאַן געהערט צו דענעמאַרק. פון גליקלס זכרונות ווערט קלאָר, אַז איר פאָטער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צוריק זיך צו באַזעצן אין האַמבורג און נאָך אים האָבן די דערלויבעניש באַקומען די רעשט פּאָרטוגעזישע יידן. זי דערציילט וועגן די צרות, וועגן וועלכע דאָס קינד האָט זיך אָנגעהערט פון די קרבנות פון דער שוועדישער מלחמה, ווי אויך וועגן דעם צושטאַנד פון די דערשראָקענע יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזט די געפערלעכע געביטן פון אוקראַינע אין יענער צייט.

צו 12 יאָר איז גליקל פאַרקנסט געוואָרן און צו 14 יאָר חתונה־געהאַט — פאַר ר' חיים האַמעל (פון האַמעל) און זיך איבערגעצויגן צו אים

די יום־טובדיקע קליידונג פון אַ יידישער פרוי אין 18־טן יאָרהונדערט

אין שטעטל. שפעטער האָט זי זיך מיטן מאַן באַזעצט אין האַמבורג און מיט אים אָפּגעלעבט 30 יאָר, האָבנדיק מיט אים 12 קינדער. עס שטאַרבט דער מאַן און זי בלייבט צו 44 יאָר אַן אַלמנה פון אַזאַ גרויס געזינד. די ענערגישע פרוי שטייט ממש אויפן ראַנד פון פּסיכישן צוזאַמענברוך צוליב דער גרויסער אבידה. אין אָט די נעכט פון יאוש און פאַרצווייפלונג, באַשליסט זי פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דעם פרומען מאַן, פון איר יחוסדיקער משפּחה, כדי די קינדער זאָלן וויסן וועגן זייער אָפּשטאַם. אירע מעמואַרן הייבט זי טאַקע אָן מיט פּאַלגנדיקער פאַרצייכענונג: „שנת תנ״א אתחיל לכתוב זה מרוב דאגות וצרות ומאכובי לב וויא ווייטר פולגין ווערט (וועט) הה׳ ישמחנו כימות עינתינו וישלח משיחנו וגואלינו במהרה אמן״.

און ווייטער: „מיין ליבי קינדער, איך האָבע דיזוש אָן גיפאַנגין צו שרייבן נאָך דען טויט פון אייער פרומען פאָטיר דאָז עס מיר איזט געוועזין לשצת לנחת רוח ווען מיר דיא מאַלקולישע (מעלאַנכאָלישע) גידאַנקען זיינין גיקומען אונ׳ פון שווערי דאגות שהיינו כצאן בלי רועה אין מיר אונזירין גיטרייאין הירטן (פּאַסטעך) פאַרלאָהרין, אלזו איך מעניכע לילה שלאָף (שלאָפלאָזע נעכט) צו גיבראכט און איך ציזורגט (מורא האָבנדיק) דאָס איך ח״ו מאלקולי גידאַנקין זולטין קומין (נישט אַריינפאַלן אין מעלאַנכאָליע) אלזו אופט בלילה אויף גישטאַנדן אונ׳ צו שלאָף לוזין שעות דאַרמיט צו גיבראַכט (פאַרבראַכט)״... און אַזוי איז אויפגעוואַקסן אין במשך פון אַריבער צוואַנציק יאָר (די לעצטע צוויי טיילן זיינען געשריבן געוואָרן אין די יאָרן (1715—19) דאָס פּרעכטיקע ווערק פון דער בריהשער יידישער פרוי, אין וועלכן זי האָט דערציילט איר גרויסע לעבנסדערפאַרונג און די דערפאַרונג פון די יידן פון האַמבורג, אַלטאָנע, מעץ; פון די יידן אין דייטשלאַנד אַחוץ פון די שכנתדיקע לענדער, מיט וועלכע זי איז געקומען אין דירעקטער באַריר־ונג (האָלאַנד, פראַנקרייך), אָדער מיט וועלכע זי האָט זיך אָנגעטראָפן (פּוילן). געשטאָרבן איז גליקל האַמעלן דעם 19־טן סעפּט. 1724.

לויט אירע מעמואַרן איז גליקל האַמעלן אַ פּערזענלעכקייט, וואָס נישט געקוקט אויף די גרויסע סוחרישע פייאיקייטן און גרויסע געשעפטן, וואָס זי פירט, אין דעם האַנדל נישט אַריינגעטאָן מיטן גאַנצן האַרצן, פאַרקערט — זי טראַקטירט אים ווי אַ מיטל צו חיונה. זי באַמיט זיך צו באַווייזן די קינדער, זיי לערנען, ווי וויסטיק ס׳איז אָרנטלעכקייט, ווי עפּעמעריש ס׳איז דאָס מענטשלעכע גליק. אפילו די קענטעניש

פון אַלעם סוחרישן גיט נאָך נישט קיין גאַראַנטיע פאַר דערפאָלג, ווייל דער מענטש קאָן נישט פאָרויסזען אַלץ. זי קומט דעריבער אַלעמאָל צו דעם מאָמענט פון השגחה, און די דערציילונגען פון אייגענעם לעבן ווערן דורך איר צוגעשפּיצט צו אַ מוסר־השכל. זי באַטאָנט גענוג אָפט, אז זי האָט נישט בדעה צו שרייבן א מוסר־בוך („מיינע ליבע קינדער, איך בין אך ניט אויסן איין ספר־מוסר צו מאַכן און צו שרייבן"). די אָנגעלייענטקייט אין דעם „טייטשן בראַנטשפּיגל", „לב טוב" און אַנדערע ספרי מוסר דריקט אָבער אויף איר פּסיכיק ביז גאָר היפּש, ווערט אַן אָרגאַנישער טייל פון איר אינטימער וועלט־שפּירונג.

דורך דער שילדערונג פון דער רייכער גאַלעריע פּערזאָנען און פאַקטן פון איר רייך לעבן און פון לעבן פון אירע עלטערן און קינדער שיינט ארויס א פּאָעטישע פילבאַרע נשמה, קומט אויף א מענטש מיט גרויסע נאַראַטיוו־עטישע באַגאַבונגען, וואָס האָט ליב דאָס בילד און מעשהלע, דאָס אַמוזירנדיקע. די מעשיות, וואָס זי וועבט אַריין אין אירע מעמואַרן, גיבן זיי צו אַ באַזונדערן קאָלאָריט און ווייזן גלייכצייטיק אויף דער פאַטאַליסטישער וועלט־איינשטעלונג פון דער מעמואַריסטין, ווי ווייט איר גאַנצער גייסטיקער באַגאַזש, איר געמיט און פאַנטאַזיע שטעקט טיף אין דער מעשהדיק־מוסרדיק־פאַרפרומטער אטמאָספער פון איר צייט. דעריבער איז אַזוי גרויס די באַדייטונג פון גליקל האַמלנס זכרונות, ווייל זיי געבן — סיי אַ ברייט בילד פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון כמעט אַ יאָרהונדערט און שפּיגלען אָפּ אויף א גייסטרייכן אופן דעם באַוווסטזיין פון דער יידישער פרוי פון 16—17־טן יאָרהונדערט, איר הכנעהדיק און פאַרטרויערט געמיט, איר רעליגיעזע פאַרכטיקייט און איר אינטימע האַרציקייט.

דאָס געשטאַלט פון גליקל האַמעלן וואַקסט אויס צו א ווירדיקן רעפּרעזענטאַנט און פאַרסך־הכלער פון א תקופה און ווערט שטענדיק דינען ווי א מקור פאַר דערלערנען די געזעלשאַפטלעכע, שטייגערישע און ליטעראַרישע פאַרהעלטענישן אין 16־טן — 17־טן יאָרהונדערט און פון דער פּסיכיק פון דער יידישער פרוי אין יענער צייט.

גליקל האַמעלנס מעמואַרן זיינען, פאַרשטייט זיך, נישט די איינציקע. דער 17־טער יאָרהונדערט האָט געהאַט אַ גאַנץ היפּשע צאָל מעמואַריסטן. צווישן זיי איז געווען אויך מיוחסדיקער און אָנגעזעענער רב, ווי דער מחבר פון „תוספות יום־טוב", רב יום־טוב ליפּמאַן העלער, וואָס האָט פאַרפאַסט א מין פאַמיליען־מגילה א. נ. „מגילת איבה". צווישן די מעמו־

ארן פון אַט דעם רב און דער פשוטער יידישער פרוי איז אָבער פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד. אויב ביי גליקל האמעלן ווערן באַשריבן אויספירלעך טאָגטעגלעכע ענינים און פאַסירונגען פון פשוטע שטילע מענטשן — איז יום־טוב העלערס „מגילת איכה" אַ שאַפונג פון אַ פירנדיקער פערזענלעכקייט אין דער יידישער לומדישער וועלט, וואָס פאַרצייכנט זיינע שווערע איבערלעבונגען צוליב די שטרייטן און מסירות, וואָס זיינען אויף אים געפאַלן, פון די נגישות און אַרעסטן, וואָס איז אים אויסגעקומען אויסצושטיין. אלזאָ, ער איז דער עיקר פאַרנומען מיט זיך און דאָס געזעלשאַפטלעכע, דאָס פשוטע לעבן פון דער פאָלקס־מאַסע איז נישט דער אָביעקט פון זיין פאַראינטערעסירונג.

דעם באַדייט פון די מעמוארן שטייגערט בלויז איין פאַקט: דאָס אויספירלעכע דערציילן וועגן די סיבות פון די שטרייטן אין פּראָג און פון דער מסירה, וואָס איז געקומען מצד די קעגנער, אויף וועלכע עס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן גרויסע שטייערן דורך דער יידישער קאָמיסיע, אין וועלכער יום־טוב העלער איז געווען דער וואָרטזאָגער. די דאָזיקע שטייערן, וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די פּראָגער יידן, זיינען געווען באַזונדערס גרויס (40 טויזנט). די באַשלוסן פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט באַדאַרפט גערעכטיק פונאַנדערטיילן די שטייערן אויף אַלע יידן, האָבן אַרויסגערופן ביז בלוט קודם כל קעגן דעם פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, קעגן רב. אַז נישט אַלץ איז דאָרט ווירקלעך צוגעגאַנגען גערעכטיק, איז צו זען פון דעם, וואָס דער קייזער פערדינאַנד דער צווייטער האָט זיך אַריינגעמישט און פערזענלעך געמאַכט יום־טוב העלערן און די פירער פון דער פּראָגער קהילה אַ שטרענגן פאָרוואָרף פאַר דער נישט־גערעכטער פאַרטיילונג פון די סומען.

די „מגילת איכה" איז געשריבן דורך העלערן אויף העברעיש און יידיש, דער יידישער טעקסט האָט, ווייזט אויס, געדאַרפט דינען די שבורן, די מיטגלידער פון דער משפחה, וואָס וועלן קיין העברעיש נישט קענען. די „מגילה" איז געווען גענוג פּאָפּולער און איין משך פון צוויי י״ה. אַרומגעגאַנגען אין כתב ידן, יידישע און העברעישע.

פון אַנדערע מעמוארן וועלן מיר בלויז פאַרצייכענען אַ באַשרייבונג פון אַ יידיש ייִנגל, וואָס איז גראָד אַריינגעפאַלן קיין ווין ערב דער באַלאַגערונג פון דער שטאָט דורך די טערקן (1683). דאָס ביכעלע איז זייער נאַיוו געשריבן, אָבער עס פאַרמאָגט אַ פּאָר אינטערעסאַנטע פאַקטן. נאָך סאָביעסקיס זיג איז דער בחור צוזאַמען מיט זיין

פאַטער צוריק געפאָרן קיין פּראָג און אויפן וועג געהרגעט געוואָרן. דאָס געפונענע באַטיק־ביכל האָט מען תיכף אַרויסגעגעבן (פּראָג 1684).

אויך וועלן מיר דערמאָנען די „מגילת־שמואל", וואָס דערציילט וועגן אַן ענלעכן פאַקט ווי די „מגילת איכה" — וועגן די צרות פון אַן אַנדער זעענעם פּראָגער „פּרימוס", ר' שמואל טויסק, וועלכער האָט אויך געהאַט אויסצושטיין פון אַ מסירה. דאָ ווערן שוין אָנגעגעבן די נעמען פון די מוסרים און דער נאָמען פון דער פּרוי, וואָס האָט אים פון דער תפיסה אַרויסגענומען.

קאפיטל 11.

דראַמאַטישע שפּונגען ביז דער השכלה

מיט דער דראַמאַטישער ליטעראַטור אין יידיש איז אייגנטלעך גע־ציען דאָס זעלביקע, וואָס מיט דער יידישער ליריק. זייער ווייניק ווערק זיינען צו אונדז דערגאַנגען און דאָס, מער אין אַנדייטונג ווי דירעקט. במילא איז צו מערקן ביי די פאָרשטייער פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור אַ נטיה צו באַנוצן זיך מיט אַנאַלאָגיעס, וואָס דאַרפן אויפשטעלן דאָס ווירקלעכע בילד און דעם כאַראַקטער פון די ווערק, וואָס זיינען אין 16 — 17־טן י. ה. געשפּילט געוואָרן, ווייל די איינציקע פולע פּיעסע, וואָס האָט זיך פאַרהיט איז „אקטא אסתר מיט אחשורוש", וואָס איז דערשינען אין 1720 יאָר אין פּראָג.

עס אונטערליגט אָבער נישט קיין שום ספק, אַז הגם ביי די יידן איז במשך פון דורות דאָס טעאַטער, ווי די מאָלעריי, געווען געהעמט און פאַר־ווערט דורך דער רעליגיע, האָט דער דראַנג צום טעאַטער עקזיסטירט און געזוכט פאָרמען ווי אַזוי צו קריגן זיין אויסדרוק. אַזוי גיט אָן דר' צינבערג, אַז שוין אין 12־טן י. ה. באַקלאָגט זיך דער פרומער בעל „ספר יראים", אליעזר אויס מעץ , דערויף וואָס אויף חתונות און אויף אַנדערע לוסטיקע פאַרזאַמלונגען טוען מאַנסבילן און פרויען זיך פאַרשטעלן אין פרעמדע קליידער; אויך אַנדערע רבנים קלאָגן זיך אויף די „פּושעים", „לצנים", וואָס שיטן מיט גראַמען און רעדן ניבול־פּה". ס'איז נישט שווער זיך משער צו זיין, אַז אונטער די פּושעים און לצנים, ווערט דאָ געמיינט דער „נאַר" אָדער „שפּילמאַן". אַז אַזוי איז דאָס, איז צו דרינגען פון פאַקט, וואָס שוין אין

15־טן יאָרהונדערט טרעפן מיר אין דער יידישער ליטעראַטור אַ צייכענונג פון אַ נאַר. און ס'איז זיכער, אַז דער אַרט קינסטלער שטאַמט פון פריער. אויף דער זייט פון אַ יידישן כתב־יד געפינט זיך אַ ווינציק געלונגענע צייכענונג מיט אַן איבערשריפט: „דער נאַר איז פריילעך קליין פורים". אויף דער צייכענונג איז צו זען זיין קליידונג: אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ קאַפּל מיט צוויי לענגלעכע שפּיצן מיט גלעקלעך. ווי עס ווייזן אָן שיפּער און עריק, שטימט די קליידונג פון דעם יידישן נאַר מיט דער קליידונג פון דעם דייטשישן און דאָס איז דער ערשטער אָנדייט אויף דער השפּעה פון דער דייטשער שפּיל־קונסט אויף דער יידישער. ווייל אויך בײַ די יידן איז דער נאַר אַ שפּאַס־מאַכער, וויצלער און זיין עיקר־פונקציע איז ווײַלן דעם עולם.

אין דער שוין דערמאָנטער זאַמלונג פון וואָרמסער פּרנס אייזיק וואַליך (אַנטשטאַנען צווישן 1595 — 1601) איז טאַקע פאַראַן אַ פאַרצייכענונג פון אַ יידישער פּורים־שפּיל, וואָס הייבט זיך אָן אויף פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן אופן:

פּומייער ליבן געזעלן!

גאָט געב אייך אַ גוט פּורים!

איך קום הערײַן מיט מיינע שעלן (גלעקלעך).

ווען מיר וועלן זיך צוקוקן צום בילד פון „אַקטא אסתר מיט אחשורוש", וואָס איז יינגער אויף צוויי הונדערט יאָר, וועט קלאָר ווערן, אַז דער הילוך פון „נאַר" האָט זיך נישט געביטן. אויבן איז, בעמלעך, צו זען די טראַדיציאָנעלע נאַרן־היטעלעך מיט די שפּיצן און גלעקלעך. דערבײַ קלאַפּט איינער אין טאַצן, דער צווייטער בלאָזט אין אַ טראָמפּייט, דער מיטלסטער ווידער האַלט אַ גרויסן גראַגער און בלאָזט אין שופר. אויף די פּיס בײַ אים זיינען אויך אָנגעבונדן גלעקלעך. ווי עס גיט אָן מ. עריק, שילדערט די צייכענונג דעם אויפמאַרש פון די אַקטיאָרן אין די יידישע גאַסן ערב דער פאָרשטעלונג, און דורך ליאַרעם און מוזיק טוען זיי צו וויסן און מאַכן רעקלאַמע פאַר זייער טעאַטער. אויפן סמך פון דער אַנאַלאָגיע, מאַכט טאַקע מ. עריק דעם אויספיר, אַז סיי דער קאָסטיום פון דעם יידישן „נאַר" (פּאַיאַץ) און סיי די קונסט פון די יידישע נאַרן איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער דייטשער נאַרן־קונסט און, אַז פּונקט ווי דער קאָסטיום האָט זיך אין דער צייט פון 15־טן ביז 18־טן יאָרהונדערט נישט געענדערט, האָט זיך אויך דער שפּיל־אופן און די פונקציע פון די נאַרן ווינציק געביטן.

די נאַרן פלעגן מיט זייער שאַפן: לידער, וויצן, גראַמען און סתם „געזאַלצענע" מעשהלעך ווייטע פון אָנשטענדיקייט, ווילן אין יום־טוב־טעג דעם יידישן עולם. דער עיקר איז ברייט געווען זייער טעטיקייט בעת חתונה־פייערונגען, וואָס פלעגן פאַרציטן דויערן א גאַנצע וואָך. דער לץ האָט זיך אויך באַוויזן בעת בריתן און כלערליי פאַמיליע־שמחות. בדרך־כלל דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אונטער דער באַצייכענונג „נאַר" דאָס אַלץ, וואָס מיר פאַרשטייען, אונטער די נעמען: פּאַיאַץ, בדחן, קלעזמער, מאַר־שאַליק, לץ. דער בדחן איז פאַרשטייט זיך געווען מער אַרטיק און האָט זיך מיט ניבול־פה נישט באַנוצט, אָבער זיין פונקציע און ענגע פאַרבונדנקייט מיט די קלעזמאָרים האָט אים אויך אויפגעצוווּגען די ראָל פון אויסשליס־לעכן פאַרווילן.

גליקל האַמעלן באַשרייבט אַן אויפטריט פון נאַרן אויף א רייכער חתונה ביי אירע קרובים אין דער צווייטער העלפט פון 17־טן י. ה.זי דער־ציילט, נעמלעך, אַז ווי נאָר די חשובע לייט האָבן געענדיקט עסן די קאַנ־פעקטן און פרוכטן און האָבן וויל געטרונקען פון די ווינען, האָט מען דעם טיש געלאָזט אַרויסנעמען, און אַזוי זיינען אַריינגעקומען פאַרשטעלטע און זיך פּרעזענטירט, גאָר שיין און אַלערליי קונצשטיק געמאַכט, וואָס האָבן געדינט צום לוסטיק מאַכן. צום לעצט האָבן די פאַרשטעלטע אַ טויטן־טאַנץ געמאַכט, און ס'איז איר זייער שיין געפעלן.

דער נאַר איז אַזוי אַרום געווען דער וואַנדערנדיקער אַרטיסט, וואָס פלעגט צו פורים־צייט אָרגאַניזירן עמך־מענטשן אָדער ישיבה־בחורים און מיט זיי פאַרשטעלן א ביבלישע מעשה.

אין פלוג האָלט זיך געקאָנט אַרויסדרוקן, אַז די מאָטיוון פאַר די „פּו־רים־שפּילן" זיינען ריין־יידישע, אָריגינעלע, אין דער ווירקלעכקייט שטאַמען זיי פון נאָכאַמען דעם דייטשן טעאַטער און די ענגלישע שפּילער, וואָס האָבן אין 16־טן י. ה. אַזוי שטאַרק אויסגענומען אין דייטשלאַנד. זייער טעאַטער האָט פאַרמאָגט אין זיין רעפּערטואַר ביבלישע פּיעסעס פון וועלטלעכן כאַראַקטער. אין דייטשלאַנד איז דער שעפער פון דעם מין פּיעסן, ווי בכלל דער שעפער פון דייטשן וועלטלעכן טעאַטער — האַנס זאַקס. אַלס אָנהענגער פון לוטערן, וואָס האָט געפירט א פאַרביסענעם קאַמף קעגן דער קאַטוילישער קירך, האָט ער ערשטנס געשריבן די קאָ־מעדיעס אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך און נישט אין לאַטיין, ווי די רעליגיעז־קאַטוילישע מיסטעריעס, און זיך געשטעלט פאַר א ציל — מיט דער ברכה פון לוטערן צו דעמאַסקירן די צביעות, די מאָראַלישע ירידה

און אויסגעלאַסנקייט פון די קאַטוילישע גייסטלעכע. אזוי צ. ב., דערלויבט זיך האַנס זאַקס אין איינע פון זיינע „פאסט־נאַכט־שפילן” פאַרשטעלן דעם היטער פון הימלישן טויער, דעם אַפּאַסטאַל פּעטרוס, אלס פריילעכן צעך־געזעלן, וואָס זיצט זיך אין שענק מיט זיינע צעך־ברידער ביי פולע פלעשער וויין און ביר און באַטרונקענערהייט פארגעסט ער, אז ביי די טויערן שטייען נעבעך די צדיקים און קענען נישט אריינגיין, ווייל ער האַלט דאָך די שליסלען ביי זיך. דער פאַקט, וואָס האַנס זאַקס האָט פארפאַסט אַ גאַנצע ריי וועלטלעכע דראַמעס אויף ביבלישע טעמעס („אסתר”, „יהודית”, „שלמה המלכס משפט” א״א) האָט געמאַכט אויף די יידן אין געטאָ א שטאַרקן איינדרוק, ווי בכלל דער קאַמף פון לוטערן קעגן דער קאַטוילישער קירך, וואָס איז געווען פאַר די יידן די פאַרהאַסטסטע און פיינטלעכסטע אינסטיטוציע. אַט דער פאַקט האָט, ווייזט אויס, געווירקט אויף דער פאַר־אינטערעסירונג מיט דעם דייטשן טעאַטער און געשאַפן דעם בריק צווישן דעם יידישן טעאַטער און דעם דייטשן, וואָס האָבן געשעפט פון איין און דעם זעלבן מקור: פון דער ביבל. דערביי האָבן די יידן אויך גע־שעפט פון דעם רייכן מדרש־מאַטעריאַל — אין קעגנזאַץ צו די ענגלישע

פורים־שפילער „נאַרן", אין דער פּראַגער אויסגאַבע פון „אַקטאַ אסתר מיט אַחשוורוש" (1720)

און דײַטשע דראַמאַטורגן, װאָס האָבן אויסשליסלעך זיך באַנוצט מיט דעם ביבל־שטאָף.

װי עס װערט אײַנשטימיק פעסטגעשטעלט דורך די ייִדישע ליטעראַטור־פאָרשער, זײַנען שױן אין 16־טן יאָרהונדערט געשפּילט געװאָרן לוסטיקע „פּורים־שפּילן" לױטן מוסטער פון די האַנס־זאַקסישע פאַסטנאַכט־שפּילן און ביבלישע דראַמעס. די טעקסטן זײַנען אָבער נישט אויפגעהיט געװאָרן און בלױז װעגן צװײ פּורים־פּאַרסן זײַנען פאַראַן גענױערע ידיעות אין אַן אינהאַלט־פאַרצײכענונג. אַזױ דערציילט אַן אומבאַקאַנטער פאַרפאַסער (16־טער י. ה.), אַז אין טאַנהױזן פלעגט מען יעדן פּורים „מאַכן אַ שפּיל פון טאָב יעקליין, זײַן װײַב קענדליין און זײַנע צװײ זינדלעך פײַן". דער אינהאַלט פון דער שפּיל געפינט זיך אין דער װאַליך־זאַמלונג. דאָס איז אַ שפּיל, װאָס לאַכט אויס טיפּשות און קריגערײַען. װאַליך האָט דעם אינהאַלט פון דעם שפּיל פאַרצײכנט אין 1598. פון 1620 שטאַמט אַ דרוק־אויסגאַבע. פון דאַנען איז נישט שװער צו דרינגען, אַז דער פאַרס האָט געהאַט אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג און איז געגאַנגען פון מויל צו מויל.

אין דער זעלבער װאַליך־זאַמלונג איז פאַראַן אַ צװײטע פּורים־שפּיל, װאָס איז באַזונדערס אינטערעסאַנט, װײַל זי װײַזט באַשײַנפּערלעך אַן אויף אַלע עלעמענטן פון די שפּעטערדיקע אחשורוש־שפּילן: דאָ איז שױן פאַראַן דער „פּאַיאַץ" אָדער דער „לױפער", װאָס שפּילט אין אַ געװיסער הינזיכט די ראָל פון רעזשיסער, דער מלך מיט זײַנע הױפלײַט, טענץ און געזאַנג.

מען דאַרף געדענקען, אַז אין 16־טן — 18־טן י. ה. האָט די „אסתר־דראַמע" אָדער „אַקטא אַחשורוש" געהערט צו די באַליבטסטע און פּאָפּולערסטע פאָלקס־פּיעסעס אין מיטל־אײראָפּע (צינבערג). אין דער זאַמלונג „ענגלישע פּיעסן", װאָס זײַנען דערשינען אין דײַטשלאַנד אין 1624, איז די ערשטע די „קאָמעדיע װעגן דער קעניגין אסתר אונד דעם שטאָלצן המן". צינבערג דערציילט אויך, אַז בעת מע האָט אין 1672 אויפן הויף פון צאַר אַלעקסיי מיכאַילאָװיטש געמאַכט די ערשטע טעאַטראַלע אויפפירונג (דורך דעם דײַטשן פּאַסטאָר יאָהאַן גריגאָרי) איז געשפּילט געװאָרן די קאָמעדיע „אַקטא אחשורוש" (אַרטאַקסערסאָװאָ דײסטװאָ). ס'איז במילא זיך נישט שװער משער צו זײַן, אַז די אחשורוש־טעמע איז נאָך פיל נענטער געװען די ייִדן, װאָס האָבן אין דעם פּורים־טאָג געהאַט די „דערלױבעניש" פון קלער פרײלעך צו זײַן. װי װײַזט די אחשורוש־שפּיל איז געװען פּאָפּולער

ביי די יידן איז צו זען העררפון, וואָס דוד זויגריש, וואָס האָט פּאַרעפנטלעכט אין 1711 „איין ניי קלאָג־ליד פון דער גרוישי שרפה בק״ק פראַנקפורט" גיט אָן, אז זיין ליד איז געשריבן „בניגון של המן באַחשורוש־שפּיל". דער עלטסטער אויפגעהיטער טעקסט פון אן אחשורוש־שפּיל שטאַמט פון 1708 י. אָבער אויך דער טעקסט איז צו אונדז דערגאַנגען דורך א צופאַל: ער געפינט זיך איבערגעדרוקט אין א שחדטס „יידישע מערקווירדיקייטן", זי איז דורך די פרנסים פאַרברענט געוואָרן גלייך ווי זי איז דערגישען, און דעריבער איז זי גלייך געוואָרן א ביבליאָגראַפישע זעלטנקייט. פאַרוואָס די פרנסים האָבן אזוי ברוטאַל באַהאַנדלט די פורים־שפּיל איז זיך לייכט אָנצושטויסן, ווען מען באַקענט זיך מיט איר אינהאַלט: קודם די שערבלאַט זאָגט אָן: ברוך הוא האָט אונז אין פורים געגעבן לוסטיק צו זיין, אזוי האָבן מיר דאַרויף גימאַכט דאָס אחשורוש־שפּיל היפּש און פיין. דרום אויך איר בעלי־בתים און בחורים און יונגן קומט איר הער צו לויפן, און טוט מיר דאָס שיינע אחשורוש־שפּיל אָבקויפן. דאָס געלט וועט איך נישט פר דריסן. ווען איר וועט דרינן לעזן ווערט איער געלט ווידר גניסן".

עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אז די רעקלאַמירטע דורך דעם אַנאָנימען פאַרפאַסער פורים־שפּיל איז נישט אזוי שיין און נישט אזוי איבעריק פיין אויך. אויסער, וואָס דער אויסלייג איז אַ געוואַלטיק פאַרגרייזטער, זיינען דאָרט פאַראַן אַ שיעור ציניש ווערטלעך, וואָס מרדכי, שפּילנדיק אויך די ראָלע פון לץ (פון „פּיקל־הערינג"), ברענגט אַרויס.

דאָך האָט די אויסגאַבע פאַר אונדז אַ גרויסן ווערט. ערשטנס ווייזט זי אָן, אז מיט דער פורים־שפּיל, ווי בכלל מיט טעאַטער האָבן זיך פאַרנומען בראָסטע, אומגעבילדעטע מענטשן, צווייטנס, אז מען פלעגט בעתן שפּילן זיך פריי באַגיין מיטן טראַדיציאָנעלן נוסח פון דער אחשורוש־געשיכטע און זי צושניידן צו אַ וואָס קלענערן אַנסאַמבל, צו וואָס ווינציקער „ראָלן", בכדי דער פּראָפיט זאָל זיין גרעסער... דריטנס, אַז דער פאָלקס־מענטש האָט זיך מיט מרדכי הצדיק ווינציק געצאַצקעט און אים נישט אַלעמאָל אַריינגעלייגט אין מויל געהויבענע פראָזע. דאָס ווייזט נישט בלויז די אויבנדערמאָנטע פורים־שפּיל. אויך אין דער צו אונז דערגאַנגענער „אקטא אסתר מיט אחשורוש" (פראַג, 1720), וואָס איז אין דעם זעלביקן יאָר דורך די דערצויגלינגען אין דער ישיבה פון „הגאון מפורסום מוהר״ר דוד אָפּענהיים נ״י" אויף איין עפנטלעכן דעאַטרום (טעאַטער) געשפּילט געוואָרן בחצוצרות ובשאר מיני זמר", אַלזאָ שוין פון אַ ביז גאָר סאָלידער אינסטיטוציע איז אויך מרדכין, וואָס דערקלערט, אז דער מלך איז זיין מחותן

און הייסן הייסט ער „פּרינץ מרדכי", צוגעטיילט געוואָרן א לץ־פונקציע.

עס מוז באַטאָנט ווערן, אז די יידישע ליטעראַטור־געשיכטע ווייסט וועגן שפּעטערדיקע אויסגאַבן, וואָס זיינען פיל נעענטער צו דעם אורטעקסט פון דער אחשורוש־אַקציאָן פון 17־טן יאָרהונדערט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון די „ענגלישע פּיעסן". דאָס איז אַ פאַרגרייזטע און א פאַרפלאַנטערטע אחשורוש־שפּיל, אָפּגעדרוקט אין די יאָרן 1863 (בערדיטשעוו) און 1876 (לעמבערג). דער סימן, אז דווקא די שפּעטער צו אונדז דערגאַנגענע טעקסטן געהערן צו די פריערדיקע, איז אַ גאַנץ פשוטער: זיי זיינען נעענטער צו דעם מדרש. מרדכי איז דאָ א וויריקלעכער פּירשט און די ראָל פון פּאַיאַץ פון „פּיקלהערינג" פירט אויס א באַזונדערע געשטאַלט, מאַנדריש. המן ווערט גענומען ערנסט־דראַמאַטיש, נישט געקוקט אויף זיין שנאה צו יידן. א. א. ווערשט אין די פורים־שפּילן, וואָס

מרדכי און המן פון דער פּראָגער אויסגאַבע
„אַקטאַ אסתר מיט אחשורוש" (1720)

זיינען אויסגעפירט געוואָרן פון דעם פשוטן פאָלק, איז דער יידישער פּרינץ דעגראַדירט געוואָרן צו א פּאַיאַץ און דער שטאָלצער המן האָט פאַרלוירן זיין ערנסט, געוואָרן קאָמיש און לעכערלעך, דערפאַר פאַרסמעסיק אַמוזירנדיק.

ווי די זאַך זאָל ניט אויסזען פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, איז זי פון סצענישן שטאַנדפּונקט גוט געבויט און פאַרמאָגט הומאָר, אַמוזירנגדיאַלאָג און אַנטשפּרעכט די פאָדערונגען פון דעם לוסטיקן טאָג ביי יידן.. אין די „אַקציאָנען" ווידער זיינען די טרעגער פון הומאָר בלויז די ספּעציעלע אימפּראָוויזאַטאָרן פון הומאָר, די פּיקלהערינגס אין די יידישע מאַנדרישעס.

עס מוז באַטאָנט ווערן, אז אין פאַרלויף פון דורות האָבן די מגילההעלדן אַלץ מער און מער פאַרלוירן פון זייער דערהויבענעם גלאַנץ און געוואָרן מער פאָלקסטימלעך.

באַנאַנד מיט פּרעכטיק לירישע ערטער, עכט־פּאָעטישע, ווי אין „מכירת־יוסף־שפּיל" צי אפילו אין „גלית און דוד", איז אַנצוטרעפן אויך פּשוטן געזונטן, שפּרודלדיקן פאָלקס־הומאָר. די פרייקייט פון אַמאָליקע פאַסט־נאַכט־שפּילן און די באַווירקונגען פון זאַקס דראַמאַטורגיע און פון די „ענגלישע פּיעסן" האָבן געעפנט ברייט די טויערן פאַר דער אומגעצוימטער שפּיל פון פאַנטאַזיע און הומאָר, און די ערנסטע אקציאָן־שפּילן זיינען בהדרגהדיק מגולגל געוואָרן אין פּאַראָדיסטישע פּורים־שפּילן, וואָס האָבן נאָך מיט גרויס דערפאָלג געזען די סצענע אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונזער יאָרהונדערט א דאַנק די אויפפירונגען פון דעם יידישן לערערסעמינאַר1) און שפּעטער דורך די סעמינאַריסטן געשטעלט געוואָרן אין די יידישע שטעט און שטעטלעך.

1) די סעמינאַריסטן פון דעם ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר האָבן אין די יאָרן 1924 — 1928, יאָר־איין, יאָר־אויס זיך באַשעפטיקט מיט רעסטאַווירן און באַאַרבעטן פּורים־שפּילן.

קאפיטל 12.

די ירידה פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור

דער זיבעצעטער יאָרהונדערט און כמעט דער גאַנצער אַכצעטער קענען מיט רעכט באַצייכנט ווערן אַלס די צייט פון דער ירידה פון דער יידישער ליטעראַטור. עס איז שוין אין דעם פעריאָד שווער אָנצוטרעפן ווערק, וואָס זאָלן פאַרמאָגן אַ גרעסערן קינסטלערישן ווערט, ווערק וואָס זאָלן פאַרמאָגן אַ וועלטלעכן מאָטיוו. אַלץ ווערט באַהערשט דורכן גייסט פון מוסר און פראַקטישער לוריאַנישער קבלה.

נאָך דער שוין דערמאָנטער „צאינה וראינה" און דעם „בראַנטשפיגל", וועלכער ווערט ביים דייטשן יידנטום פונקט אַזוי פּאָפּולער, ווי אין די פּוילישע געביטן די „צאינה וראינה", דערשיינט אין אַ קורצער צייט אַרום דער „קב הישר" (1620). אַט דאָס אָבסקוראַנטישע, אימה־אָנוואַרפנדיקע ביכל, וואָס האָט אויסגעאַרבעט די כּללים פון „יידישקייט", — „אַלע דינים ווי מאַן זיך האַלט פון געבוירט ביז מאַן ווערט אַלט" — איז געוואָרן אפשר דאָס פאַרשפּרייטסטע און פּאָפּולערסטע בוך אין דער צווייטער העלפט פון 17־טן און אין 18־טן י. ה.

צו דער פינצטערער ליטעראַטור פאַר דעם יידישן פאָלקס־מענטש קומט נאָך אין 18־טן י. ה. צו דער „טייטש־זוהר" — „נחלת צבי" פון דעם בעל חרשן צבי הירש כאַטש (קראָקע 1711), אַ בוך, וואָס איז אַדורכגעדרונגען דורך און דורך מיט דער לוריאַנישער פּראַקטישער קבלה.

די הויפּט־סיבה פון דעם האַסטיקן וווּקס פון פאַנאַטיזם און גלויבן אין ניסים, דאַרף געזוכט ווערן אין דער שווערער פּאָליטישער און עקאָ־

נאָמישער לאַגע פון די יידן אין יענער צייט. דער דרייסיק־יעריקער קריג, וואָס האָט געבראַכט אַ פאַרפאָלגונגען, אַ שטאַרקע פאַראָרעמונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, די גזירות ת״ח ות״ט (1648 — 1649) וואָס האָבן דערפירט צו דער פאַרניכטונג פון אַ גרויסער צאָל יידישע קהילות, האָט אַרויסגערופן נויט און רעזיגנאַציע ביי גרויסע טיילן פון די פוילישע יידן.

פוילן האָט זיך שוין צו יענער צייט האַסטיק געקייקלט באַרג אַראָפּ צוליב דער אייגננוצערישקייט און עגאָיזם פון דער רייכער שלאַכטע און מאַגנאַטעריע, וואָס האָבן געהעמט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון לאַנד, געשטיקט די שטעט און געהאַלטן אין יאָך פון פאַנשטשיזנע דאָס דאָרף. זיי האָבן נישט נאָר דערבראַכט צו עקאָנאָמישער הינטערשטעליקייט, נאָר אויך צו פאָליטישער אָפּשוואַכונג און קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט פון לאַנד.

דער פּרינציפּ פון וואָס מער אַרויספּרעסן פון די אונטערדריקטע קלאַסן איז באַזונדערס חל געווען אויף דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געליטן סיי פון פריץ און סיי פון פעאָדאַלן צעך, וואָס האָט די יידן צו אַ גאַנצער ריי באַשעפטיקונגען נישט צוגעלאָזט. אָט די אַלע פאַקטן פּלוס דער שנאה־דיקער באַציִונג צו די יידן מצד דעם אַלהעור־ערישן קלער און קלויסטער, האָט שטאַרק מיטגעווירקט אויף דער איינטליסונג אין „געטאָ“, אויף דער אָפּפרעמדונג און אפילו פיינטלעכער באַציִונג צווישנאַנד.

די עקאָנאָמישע אומזיכערקייט, געפּאָרט מיט דער געפאַר פון ביאַלאַ־נישער פאַרניכטונג, האָט די דערשלאָגענע שרעקלאָזע יידן געגעבן איין איינ־ציקן „אויסוועג“: זיך פאַרלאָזן אויף גאָטס חסד... גלויבן אין פאַרשידענע משיחים און ניסים. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, פאַרוואָס דער פאַלשער משיח שבתי צבי האָט דאַן געוואונען אַזויפיל אָנהענגער, האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם אויף דער יידישער גאַס; ווען די ווירקלעכע וועלט איז פול מיט אומרעכט, נויט און טויט־שרעק, איז נישט שווער די למדנים און רבנים אויפצופירן דאָס פאָלק אין די ליכטיקע געצעלטן פון „י ע נ ע ר וו ע ל ט“, וואָס ווערט דעם נאַיוון פאָלקס־מענטש פאָרגע־שטעלט אַלס די „אמתע וועלט“. די לחפט פון דער יידישער גאַס ווערט פאַר־פולט מיט נישט־גוטע, משחיתים, גילגולים, מלאכים, נשמות פון מתים, דיבוקים, קליפות, אַז ס׳איז אַ מורא אַ טראָט צו טאָן אָן אַ פרומען שפּרוך. די יידן ווערן דאַן מער באַהאַונט, דורך זייער מוסר־ליטעראַטור, וועגן דעם


אקטא אסתר מיט
אחשורוש
נדפס פה פראג

שער־בלאַט פון דער פּראָגער אויסגאַבע (1720) פון
אַ פּורים־שפּיל („אַקטאַ אסתר מיט אחשורוש"),
וואָס איז געשפּילט געוואָרן דורך די בחורים פון דער
ישיבה פון דוד אָפּנהיים „אויף איין אָפּנטליכן טעאַטרום
בחצוצרות ושאר מיני זמר"

וואָס עס טוט זיך אויף יענער וועלט, ווי וועגן דעם וואָס קומט פאַר האַרט נעבן זיי, אויף דעם „עולם השקר"...

ווען מיר כאַראַקטעריזירן דעם מין ליטעראַטור פון איר אידעאָלאָגישער זייט און ווייזן איר רעאַקציאָנערע סאָציאַלע פונקציע, מיינען מיר אייגנטלעך אָנצווייזן, אַז זי איז אויך פון רייך ליטעראַרישן שטאַנדפונקט עפּיגאָניסטיש, האָט קיין שום נייעס, קיין שום ווערטיקס נישט אריינגעבראַכט, אַז די ווערק פון דעם מין ליטעראַטור זיינען אויסברייטערונגען און באַאַרבעטונגען פון אַלטע מאָטיוון און טעמען, פון אַלטע פאָרמען, אָן שום טענדענץ פון אַריינטראָגן פאָרמעלעכע צי טעמאַטישע אייגנאַרטיקייט... אַלזאָ ירידה אין פולסטן און ברייטסטן זין פון וואָרט.

דאָס איינציקע וואָס דאַרף יאָ אָפּגעמערקט ווערן אלס וויכטיקע דערשיינונג איז די „עקספּאַנסיע" פון דעם פאָלקס־לשון אין אונדזער דעמלטיקער ליטעראַטור, (דערעיקרשט אויף די פוילישע און רוסישע געביטן, וועלכע זיינען דערווייטערט געווען פון דער דייטשער שפּראַך). אַ דאַנק דער באַפרוכפּערנדיקער השפּעה פון די סלאַווישע שפּראַכן, באַקומט זי אַ נייעם אייגענעם קאָלאָריט, וואָס שיידט זי שוין ביז גאָר שטאַרק אָפּ פון די דייטשע דיאַלעקטן, פון וועלכע די יידישע שפּראַך האָט איר אָנהויב גענומען און איז נאָטאַנאַנד באַווירקט געוואָרן.

גראַד אין פוילן, וואָס איז צוליב דער פעסטער אָרגאַניזירטקייט פון קלער און די פּרנסים און אַ דאַנק דעם ועד־אַרבע־הארצות, געווען דער צענטער פון דעם סאַמע קאָנסערוואַטיוון געדאַנק, דאָס פאָטערלאַנד פון פּילפּול, דער ליוועראַנט פון כל המינים גדולי הדור, פון מוסר־ביכער און „משיחים" — איז דער פּראָצעס פאר דער פאַרזעלבשטענדיקונג פון דער שפּראַך, דער פּראָצעס פון איר רייף ווערן פאַר קינסטלערישער פורעמונג פאָרגעקומען, פונקט ווי אין די רוסישע געביטן, ביז גאָר שנעל.

דער פולשטענדיקער איבערברוך, דער איבערגאַנג פון יידיש־טייטש צו אונדזער היינטצייטיקן יידיש איז געקומען אין רעזולטאַט פון קאַמף, וואָס עס האָט געפירט די יידישע אויפקלער־באַוועגונג, די השכלה, מיט דער מיטלאַלטערלעכער פינצטערניש, וואָס האָט דאָ אַזוי אַלהערשעריש געקיניגט אין יידישן לעבן. די השכלה, וואָס האָט דאַן אויסגעדריקט די באַשטרעבונגען און אידעען פון דער אויפקומענדיקער יידישער בורזשואַזיע, האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט אַלץ, וואָס האָט איר אין דער אייגענער יידישער סביבה געשטערט, וואָס האָט זיך געשטעלט אויפן וועג פון „עמאַנסיפּאַציע", פון פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן. זי הויבט במילא אָן נישט

בלויז קיין אָפּוועג״, נאָר אויך אַן אָנגריף־קאַמף קעגן די טרעגער פֿון מיטלאַלטער, פֿון אַ נייער משיחיסטיש־אַבערגלויבערישער, מיסטישער כוואַליע אין יידישן לעבן — דעם חסידיזם, און ווערט (ווי מיר וועלן שפּעטער זען — אַפּט קעגן איר ווילן) די פֿונדאַמענט־לייגערין פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

ס'איז פֿאַלש די מיינונג פֿון די בירגערלעכע ליטעראַטור־פֿאָרשער, אַז דער חסידיזם האָט די שפּראַך אויפֿגעהויבן אויף אַ העכערער אַנטוויקלונגס־שטופֿע. מיר ווייסן אויסגעצייכנט, אַז דער ערשטער אַקט פֿון די משכּילים און דער עיקר פֿון אונדזערע קלאַסיקער איז געווען דאָס גובר זיין אין זיך דאָס חסידיש־מיסטישע און די מעשׂהדיקע צעפֿלאָסנקייט. פּרץ האָט ערשט נאָך דעם צוזאַמענגיין דאָס שענסטע און בעסטע פֿון דער פּוילישער, רוסישער און דייטשער ליטעראַטור זיך צוריק אומגעקערט צום סטיליזירטן חסידישן דערציילן־נוסח, וואָס איז שוין פֿונקט אַזוי ווייט פֿון דעם חסידישן מעשׂהנען, ווי ס'איז ווייט עסענץ פֿון וואַסער... דער חסידיזם, אויף וויפֿיל ער האָט באַהערשט די געמיטער פֿון גרויסע פֿאָלקס־מאַסן, האָט געמוזט עפּעס וואָס אַריינכאַפּן פֿון דעם פֿאָלקס שעפֿערישקייט און טראָגן אַ פֿאָלקסטימלעכן קאָלאָריט, ער האָט אָבער אַליין אַלס באַוועגונג, מיט אַ באַגרענעצן וועלט־באַנעם, וואָס שליסט זיך אָפּ אין אַ „וועלט" פֿון ניסים, מופֿתים, התלהבֿות און ביטול־היש — אָביעקטיוו נישט געקאָנט מיטווירקן ביים באַרייכערן פֿון דער שפּראַך. אין דעם „מעשׂהנען" — ווי עס באַצייכנט י. אַקסענפֿעלד דעם חסידישן נוסח — איז גיכער צו מערקן אַ לעבן פֿון גרייטן, איידער עכטע שעפֿערישקייט פֿון גרעסערן ליטעראַרישן ווערט. דער חסידיזם האָט זיך אין תּוך גענומען באַנוצן מיט דעם וואָרט־באַגאַזש פֿון די אַלטע מוסר־ספֿרים און האָט זייער ווייניק אַריינגעטראָגן אייגנס אויך ביים.

צווייטער טייל

קאפיטל 1.

היסטאָרישע פאַרהנחות פון דער השכלה־באַוועגונג

די יידישע השכלה־באַוועגונג, וואָס דאַטירט זיך פון די לעצטע יאָר־צענדליקער פון 18־טן י. ה. איז אַ גוזעצלעך קינד פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע אין איראָפּע.

די אויפקומענדיקע בורזשואַזיע אין פראַנקרייך האָט אָנגעהויבן אַן אָנגריף אויף דעם פעאָדאַליזם, אויף זיין אידעאָלאָגיע און רעליגיעז־מיסטישן וועלט־באַנעם, אויף זיינע טראַדיציאָנעלע אינסטיטוציעס און שטייגער. דער אָנגריף איז, פאַרשטייט זיך, אויסן געווען ריין־פּראַקטיש־פּאָליטישע צילן: דורך אַרונטעררייסן די אידעאָלאָגישע יסודות פון דער אָפּגעשטאַנענער פעאָדאַלער הערשאַפט, וואָס האָט זיך באַזירט אויף אַן אָפּגעשטאַנענער עקאָנאָמיק, רייף מאַכן דעם געדאַנק וועגן דער נויטיקייט פון איבערנעמען די מאַכט דורך דעם „דריטן שטאַנד".

אין פאָדערגרונט ווערט אַרויסגערוקט דער רייִנער שכל, אַלס מעסטער פון אַלע ווערטן. אַלץ, וואָס לאָזט זיך נישט שכלדיק באַגרינדן — וואַרפן די אויפקלערער מיט אַנטשידנקייט אָפּ. דערמיט איז דערלאַנגט געוואָרן אַ טויט־קלאַפּ דעם רעליגיעזן דאָגמאַטיזם, דעם ספּעקולאַטיוון, סכאָלאַסטיש־פּילפּוליסטישן אופן פון באַהאַנדלען לעבנס־דערשיינונגען. אויב פאַר דער מיטלאַלטערלעכער „פילאָזאָפיע" איז געווען כאַראַקטעריסטיש דער בלינדער גלויבן אין נסים, אין איבערנאַטירלעכן, קומט דער ראַציאָנאַליזם און זאָגט: קיין שום גלויבן אין איבערנאַטירלעכן, קיין שום פאַרערלעכונג פון דער טראַדיציע. אַלץ, וואָס קען נישט באַוויזן ווערן, וואָס פאַרמאָגט

נישט קיין באַשטעטיקונג אין דער מענטשלעכער דערפאַרונג דאַרף אָפּגעוואָרפן ווערן אַלס נישט וויסנשאַפטלעך און פאַלש.

אָט די אידעען, וואָס זיינען צוערשט געקומען צום אויסדרוק אין וואָלטערס פילאָזאָפישע, דראַמאַטישע און פובליציסטישע אַרבעטן, ווי אויך אין די פּרעכטיקע אָפּהאַנדלונגען פון זשאַן זשאַק רוסאָ, אין די פּקחותדיקע פילאָזאָפישע עסייען פון דידראָ — אידעען פון קריטיציזם, ראַציאָנאַליזם, פון איבערבויען די געזעלשאַפט אויף גערעכטע, פּראָגרעסיווע יסודות — איז געוואָרן דער אידעאָלאָגישער גרונט־יסוד פון די ענציקלאָפּעדיסטן. אונטער דער באַצייכענונג „ענציקלאָפּעדיסטן" ווערן אַרונטערגענומען די אַלע, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט אין דער גרויסער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו פיקסירן און סיסטעמאַטיזירן די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט, בכדי זיי אויסצונוצן פאַר די צילן פון דער אויפקלערונג.

דער אַרויסגעבער און איניציאַטאָר פון דער ענציקלאָפּעדיע איז געווען דער באַדייטנדיקסטער אידעאָלאָג פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזער רעוואָלוציע דעני דידראָ (1713—1784). צו די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער פון אָט דער ריזן־אונטערנעמונג האָבן געהערט: וואָלטער, רוסאָ, גרים, האָלבאַך, ד'אַלאַמבער און אַנדערע. די ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1751—1772, האָט באַדייטנדיק מיטגעווירקט ביים שטירצן די יסודות פון דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע, איז געווען די אויסדריקערין פון די אידעען פון אַ רעוואָלוציאָנערן קלאַס, פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך געקליבן איבערנעמען די מאַכט ביי די, וואָס האָבן געהעמט און געשטערט די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות, — ביים פעאָדאַליזם.

אויב אין פראַנקרייך האָט די אויפקלערונג אָנגענומען — דערעיקר אין די ווערק פון רוסאָ און דידראָ — שאַרפע, רעוואָלוציאָנערע אַקצענטן, איז די אויפקלערונג אין דייטשלאַנד נישט אַוועק ווייטער פון דעם וואָלטערישן ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט געקעמפט מיט דעם אָבסקוראַנטיזם, מיטן רעליגיעזן אַבערגלויבן, און זייער גוט געלאָזט צונויפפאָרן די אויפקלערונגס־אידעאַלן מיטן „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם"... די סיבה פון דער דערשיינונג איז די נאָך דאַן שוואַכע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דייטשלאַנד, וואָס האָט געשטעלט די ערשטע טריט אין דער ריכטונג פון קאַפּיטאַליזם, און דאָס אויך מיט דער הילף פון פראַנצויזישע און יידישע פאַבריקאַנטן און באַנקירן.

דער פּרייסישער „פילאָזאָף און פרײדענקער" פרידריך דער צווייטער נעמט אויף אַלס גאַסט וואָלטערן, וואָס פאַרברענגט ביי אים אַ פּאָר יאָר, פּראָטעזשירט די — אויפן שטייגער פון פראַנקרייך — אויפגעקומענע „סאַלאָנען", ווו עס ווערן דיסקוטירט פילאָזאָפישע, ליטעראַרישע און קולטור־פראַגן אין ריינעם פראַנצויזיש.

די מאָדע אויף פראַנצויזיש אין די בעסערע הייזער פון בערלין האָט געהאַט אַ באַשטימטן עקאָנאָמישן הינטערגרונט. די פּיאָנערן פון קאַפּיטאַליזם אין דייטשלאַנד זיינען געווען פראַנצויזן (הוגענאָטן), וואָס האָבן זיך צוליב פאַרפאָלגונגען באַזעצט אין דייטשלאַנד און דאָ אָרגאַניזירט גרעסערע פאַבריקן און אונטערנעמונגען. די, צו יענער צייט, גאַנץ היפּשע פראַנצויזישע קאָלאָניע אין בערלין (צום סוף 1770 האָט זי געציילט 5.346 מיטגלידער) האָט זיך אויסגעטיילט נישט בלויז מיט איר אונטערנעמערישקייט און עשירות, נאָר אויך מיט איר גייסטיקער אַנטוויקלונג. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערוקט די פראַנצויזן אין שפּיץ פון דער אינטעליגענץ, און די קענטעניש פון פראַנצויזיש איז געווען אַ באַווייז פון גוטער דערצויגנקייט און אויפגעקלערטקייט.

עס וואָלט אָבער געווען פאַלש די מיינונג, אַז די אויפגעקלערטקייט פון דעם פּרייסישן מאָנאַרך האָט אין דער מינדסטער מאָס פאַרלייכטערט די באַגרענעצונגען פון זיינע פאָרגענגער לגבי די יידן. פאַרקערט, אין דער צייט פון פרידריך דעם צווייטן ווערן די לאַסטן און באַגרענעצונגען נאָך שווערער און שאַרפער. אויב, לויטן עדיקט פון 1714 האָט יעדער „שוציודע" געהאַט דאָס רעכט איבערגעבן בירושה זיין ווויך־ און האַנדלס־רעכט זיינע צוויי עלטסטע זין, איז פאַר דעם „פילאָזאָפס" הערשאַפט דאָס רעכט באַגרענעצט געוואָרן ביז איין זון (גענעראַל־פּריווילעגיע פון 1750). די קינדער, וואָס האָבן די „שוצרעכט" נישט באַקומען, האָבן נישט געטאָרט חתונה האָבן. אויך די נייע קאַטעגאָריעס פון „אויסערגעוויינטלעכע שוציודע" און „געדולדעטע יודע" איז פאַרווערט געווען צו פירן אַ פאַמיליע־לעבן אין בערלין. די אַלע „פּריווילעגיעס" זיינען אויסן געווען פאַרקלענערן די צאָל יידן, אָבער נישט צו פאַרקלענערן די הכנסות אין מלוכה־אוצר. צו די אַלטע שטייערן איז צוגעקומען די פליכט צו פאַרקויפן אויף דעפיציט־פּרייזן דעם מלוכה־אוצר אַ סכום זילבערשטאַנגען, וואָס האָבן געגעבן היזק דער יידישער קהילה אַרום 24 טויזנט טאַלער יערלעך. עס איז צוגעקומען דער א. ג. „פּאָרצעלאַן־שטייער", וואָס איז באַשטאַנען דערין, אַז די יידן זיינען מחויב געווען פאַר די מינדסטע רעכט, פאַר דער מינדסטער דערלויבעניש אויסצוקויפן

באַשטימטע סכומען פאַרצעליי פון די מלוכהשע פאַרצעליי־פאַבריקן און זיי פאַרקויפן אין אויסלאַנד. די יידן איז אויך פאַר פרידריך דעם צווייטנס הערשאַפט פאַרווערט געוואָרן צו באַשעפטיקן זיך מיט פּי־האַנדל, מיט וואָל, רויע פעל, מיט באַקאַליי־סחורות, מיט פיש אא״וו.

בכדי צו פאַרשנעלערן די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, האָט פרידריך דערלויבט די יידן בלויז זיך צו באַשעפטיקן מיט פאַבריקאַציע פון איידעלע שטאָפן און מיט פינאַנסן. דער קאַטעגאָריע יידן גיט פרידריך באַזונדערע פריווילעגיעס און שוצגעזעצן. אַזוי אַנטשטייען „סאַמעט־יודן״, „זיידע־יודן״ און „מינץ־יודן״. אויף דעם וועג האָט דער אויפגעקלערטער פרייסישער יידן־שונא אַרויסגערופן צום לעבן אַ נייעם קלאַס אין דער יידישער געזעלשאַפט: פאַבריקאַנטן און באַנקירן. ווי וויט פרידריך האָט „געצוווּנגען״ יידן צו ווערן גרויס־אינדוסטריעלער, אילוסטרירט פאָלגנדיקער פאַקט: ווען מען האָט זיך צו אים נאָך דעם 7־יאָריקן קריג געווענדעט מיט אַ בקשה ער זאָל דערלויבן איבערצוגעבן די „שוצרעכט״ אויך דעם צווייטן זון, האָט פרידריך געענטפערט: ביי איין תנאי — אויב דעם „שוציודנס״ צווייטער זון וועט זיך פאַרפליכטן צו גרינדן אַ נייע פאַבריק...

אַזוי אַרום איז פּאַראַלעל צו די געאַכפּערטע פראַנצויזישע קאַפּיטאַ־ליסטן, אַנטשטאַנען אַ געגנוג אָנגעזעענער שיכט פון פאַבריקאַנטן, באַנקירן און ליפעראַנטן פון צווישן די פאַרהאַסטע יידן.

אין די קרייזן פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס שטייט אין געשעפט־לעכן קאָנטאַקט מיט פראַנקרייך, ווי אויך מיט דער פראַנצויזישער קאָלאָניע אין בערלין, נעמען שטאַרק אויס די אידעאַלן פון די ענציקלאָפּעדיסטן. אין יידישע נגידישע הייזער הייבט מען אָן געשמאַק לערנען פראַנצויזיש, עס אַנטשטייען יידישע סאַלאָנען. דער סאַמע באַרימטסטער צווישן זיי איז דער סאַלאָן פון הענריעטע הערץ, אין וועלכן מען פירט שוין דיסקוסיעס אין פראַנצויזיש. דער יונגער משה מענדעלסאָן שרייבט פון בערלין צו זיין כלה (1762) בריוו אָנגעפּיקעוועטע מיט פראַנצויזישע אויסדרוקן און בעט זיין „ליבע פרומעט״, זי זאָל למען השם זיך לערנען די פראַנצויזישע שפּראַך, ווייל ער האַלט, אַז זי קאָן נאָך ווערן אַ מוטער־שפּראַך.

די יידישע אויפגעקלערטע בורזשואַזיע נעמט אויף מיט פרייד און נייגיר די בשורה וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע „וועלט־בירגער״: — די אידעען פון עמאַנסיפּאַציע, וואָס עס פּריידיקט די פראַנצויזישע אויפקלע־רונג. די פריער פאַראייניצלטע שטימען וועגן דער נויטיקייט אַרויסצורייסן די יידישע פאָלקס־מאַסן פון דער מיטל־אַלטערלעכער אָפּגעשטאַנענקייט

און גייסטיקן געטאָ; וועגן דער נויטיקייט פון בילדונג, פון וועלטלעך וויסן, ווערט צום סוף פון יאָרהונדערט, אַ דאַנק משה מענדעלסאָן און דערעיקר — די „מאספים", פאַרוואַנדלט אין אַ באַוועגונג, וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, אַלס די „בערלינער השכלה", וועל־כע דויערט ביז דעם אויפקום פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור (זעכציקער יאָרן פון 19־טן י. ה.). די דאָזיקע באַוועגונג פאַרמאָגט ביז גאָר אָפט קעגנזעצלעכע טענדענצן און אַ פאַרשידענעם קאָלאָריט, אירע הויפּט־צענטרען זיינען אין אוקראַינע (דערעיקר אין די געביטן פון דער עסטרייכי־שער אָקופּאַציע — גאַליציע), צענטראַל־פּוילן און רוסלאַנד.

קאַפּיטל 2.

דער חסידיזם

די השכלה־באַוועגונג אין רוסלאַנד און גאַליציע האָט גלייך פון אירע ערשטע טריט אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסן און געפערלעכן שונא: אויף דער חסידישער באַוועגונג אין דרום־אוקראַינע (פּאָדאָליע) און מזרח־גאַליציע. אין די סאַמע אָפּגעשטאַנענע ערטער פון דער יידישער באַזעסנקייט, קומט אויף מיט אַ גוואַלטיקער עקספּאַנסיווקייט צום סוף פון 18־טן אָנהייב 19־טן י. ה. דער חסידיזם, וואָס זיינע פּאָנען־טרעגער זיינען שניאור זלמן פון ליאַדי און נחמן פון בראַצלאַוו. דער חסידיזם, פאַרשפּרייט זיך מיט אַ שנעל־קייט פון אַ שטאַרק געוויטער און נעמט אַרום נישט בלויז די דרום־געביטן פון אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, נאָר גרייכט קיין גאַליציען, פּוילן און אַפילו קיין אונגאַרן. אַפילו די רבניש־מתנגדישע קעגנער קענען נישט ביישטיין דעם אָנגריף פון חסידיזם.

און וואָס איז באַשטאַנען דער כוח פון אָט דער מיטלאַלטערלעכער, אָבערגלויבערישער באַוועגונג, וואָס האָט געפלעגט דעם גלויבן אין נסים און מופתים, וואָס האָט נעגירט דעם שכל און די ווירקלעכקייט? קודם־כל אין דעם, וואָס זי האָט אויסגענוצט די בלינדקייט און שווערע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג און איר בענקשאַפט נאָך גאולה. דער חסידיזם האָט אויף אַ פאָלקסטימלעכן אופן, אויף יידיש־לשון איינגעפלאַנצט אין דעם פאָלקס־מענטש דעם גלויבן אין דעם איבערנאַטירלעכן, אין דער נישט שטאַנדהאַפטיקייט פון דער וועלט (ביטול היש), געמאַכט פאַר אים צו־טריטלעך דורך מעשהלעך און משלים אַלע „סודות״ און „רמזים״ פון דער

תורה און געפריידיקט, אַז מען קאָן זיין אַן עם הארץ און אַפילו נישט קענען רעכט דאַוונען, און דאָך דערגרייכן, משיג זיין, די געטלעכע אמתן — דער־צו איז בלויז נייטיק עקסטאַטישער גלויבן, התלהבות, זיך באַהעפטן (מת־דבק זיין) מיט דער גאָטהייט. דער אויסערלעכער לבוש פון חסידיזם, זיין מכלומרשטע אָפּאָזיציע און קאַמף קעגן דעם פאַרהאַסטן רביניזם און זיין „דעמאָקראַטישקייט" האָט מיטגעווירקט, אַז ער זאָל אין אַ קורצער צייט איינגעמען דעם רוב מנין־ובנין פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע און אויפ־שטעלן זי קעגן דער נאָך שוואַכער השכלה־באַוועגונג.

דאָס שטעלן דעם טראָפּ אויף דעם געפיל און נישט אויף די טרוקענע דינים און געזעצן, די מיסטישע לערע וועגן דער פאַרהעלטעניש פון דעם חסיד צום צדיק ווי פון דעם גוף צו דער נשמה, האָט צעצונדן די פאַנטאַזיע פון דעם פאָלקס־מענטש און אים צוגעצויגן צו דער דאָזיקער באַוועגונג.

אין דער מיט צענער יאָרן האָט די „אַפּאָסטאָלישע" אַגיטאַטאָרישע טעטיקייט פונעם חסידיזם אין דער יידישער שפּראַך דערגרייכט איר העכסטע פּאָרעם. אין יאָר 1815 זיינען אין בערדיטשעוו, אין לאשטשעוו און אַסטרע דערשינען פאַרשיידענע אויפלאַגעס פון „שבחי בעל שם טוב" (לויב־רייד וועגן דעם בעל שם טוב) אין אַ פאָלקסטימלעכן יידיש (העב־רעיש — דעם זעלביקן יאָר אין קאָפּוסט), וווּנדער־מעשיות וועגן דעם לעבן פונעם באַגרינדער פון חסידיזם ישראל בעל שם טוב און פון זיינע תלמי־דים. דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע כוואַליע ענלעכע ביכער און ביכלעך וועגן דעם בעל שם, זיינע תלמידים, זיינע תלמידימס תלמידים אין משך פון אַ סך צענטליקער יאָרן, כמעט ביז צום צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

„אין די מעשיות געפינען מיר אַ גאַנצן שלל אַלט־באַקאַנטע ברייט־פאַרשפרייטע מעשהדיקע מאָטיוון פון כישוף, מאַגיע, דעמאָנאָלאָגיע, געט־לעכע מופתים, גלגולים (פאַרוואַנדלונגען), רעליגיעז־מאָראַלישע גרויסע מעשים א. א. וו. א. א. וו., מאָטיוון, וואָס צירקולירן זייט טויזנטער יאָרן צווישן די פאַרשידנסטע אַלטע און נייערע פעלקער און וואָס זיינען געקומען צו די חסידישע מאַסן דורך דער יידישער און אויך — נישט ווייניקער — דורך דער קריסטלעכער לעגענדע־טראַדיציע" ... „אַ סך מאָטיוון פון „שבחי בעש"ט", „קהל החסידים" א. א. וו. שטאַמען פון אוקראַיינישע, רוסישע, פוילישע פאָלקס־מעשיות און פאָלקסטימלעך־איבערגעפורעמטע לעגענדעס וועגן הייליקע. די חסידישע מאַסן האָבן יענע מאָטיוון איבערגענומען פון פויערים און זיי איבערגעאַנדערשט אויף אַ יידיש־חסידישן שטייגער" (מ. ווינער).

דער סאַמע באַדייטנדיקער פאַרשטייער צווישן די חסידישע אַפּאַסטאַלן איז געווען נחמן פון בראַצלאַוו.

נחמן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1772 אין מעזיבאָזש (פּאָדאָליע) אין דער שטאָט, וווּ זיין עלטערזיידע, דער בעש״ט, האָט אַ לאַנגע צייט גע־לעבט און געווירקט.

די סביבה פון חסידות און קבלה, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, האָט אין אים געשאַפן אַ נייגונג צו רעליגיעזער מיסטיק. אין לערנען האָט ער קיין גרויסע פעאיקייט נישט אַרויסגעוויזן.

צו 14 יאָר האָט מען אים, ווי דער שטייגער איז געווען, חתונה גע־מאַכט און ער האָט זיך באַזעצט אין מעדוויעדיווקע ביי זיין רייכן שווער אויף קעסט, און זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער ראָל פון אַ חסידישן פירער. דאָ האָט ער אויך אָנגעהויבן שטאַרקער צו פלעגן זיינע אַסקעטישע נטיות, אָפט געפּראַוועט תעניתים און זיך מתבודד געווען אויף דער שויס פון דער נאַטור.

ווען זיין שווער איז געשטאָרבן, האָט ער צוערשט געלעבט פון די 300 רענדלעך, וואָס ער האָט גענומען נדן. ווען דאָס געלט האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט ער אָנגעהויבן נעמען ביי קהל אַ קערבל אַ וואָך פאַר זיינע חסידישע דרשות. אויף אַזאַ אופן איז ער געוואָרן איינער פון די כלי־קודש, אַ רבי און אַ מורה־דרך פאַרן עולם.

אין מעדוויעדיווקע האָט נחמן געלעבט ביזן 1789 יאָר. שוין דאַן ווייזט ער זיין גאווה אין זיין באַצווינגענדיקע פעיקייט. צו איינעם אַ רב האָט ער זיך אָפּגערופן, אַז „ הלוואי זאָלסטו כאָטש אויף יענער וועלט משיג זיין מיין שיחת חולין״. ער פלעגט זיך באַרימען, אַז דער בעש״ט קומט צו אים פון יענער וועלט פאַרברענגען. ווען איין מאָל האָט אים די מוטער פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס ער גייט נישט אויפן בעש״טס קבר, האָט ער געענט־פערט: „אויב דער זיידע וויל מיך זען, קען ער קומען אהער״.

די מעגאַלאָמאַניע פון דעם חסידישן פירער האָט טראָץ זיין אָפטן רעדן וועגן עניוות נישט געהאַט קיין גרענעצן: ער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן למדן אין דער וועלט, פאַר אַ גרויסן קענער אין חכמות, פאַר דעם גרעסטן קאַבאַליסט. פיר גרויסע מקובלים זיינען געווען אויף דער וועלט — פלעגט ער זאָגן — ר׳ שמעון בן יוחאי, ר׳ יצחק לוריע, ר׳ ישראל בעל שם טוב און ער, ר׳ נחמן... די אידעע פון בראַצלאַווער איז געווען צו באַנייען דעם חסידיזם. בכדי דאָס צו דערגרייכן, האָט ער זיך פאַרגענומען אַ נסיעה קיין ארץ־ישראל.

ווען דער בראַצלאַווער איז צוריק געקומען פון דער ווייטער נסיעה, האָט ער זיך באַזעצט אין זלאַטאָפּאָליע און אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אויף אַ ברייטן פאַרנעם. קודם האָט ער אָנגעהויבן אַן אָנגריף אויף די פּאָפּולערע „צדיקים" און די שאַרפסטע פיילן געצילט אין דעם באַרימטן „שפּאָלער זיידע". זיין קעגנערשאַפט צו די אויטאָריטעטן האָט אים פאַרשאַפט פיל שונאים און ער האָט צום סוף געמוזט פאַרלאָזן זלאַטאָפּאָליע און זיך איבער־טראָגן קיין בראַצלאַוו, וועלכע ער האָט פאַרוואַנדלט אין אַ צענטער פון חסי־דיזם. די קעגנער זיינע האָבן אים אויך דאָ פאַרפאָלגט און דאָס האָט אים אַזוי דערדריקט, אַז ער איז קראַנק געוואָרן. דערצו איז נאָך בעת אַ שׂרפה אָפּגעברענט געוואָרן זיין הויז. ער האָט זיך אַ צעבראָכענער איבערגעטראָגן קיין אומאַן, וווּ ער איז אין יאָר 1810 געשטאָרבן.

נחמן בראַצלאַווער האָט אין דער חסידישער „לערע" קיים שום וועזנט־לעכע נייעס נישט אַריינגעטראָגן. אין זיינע שמועסן און אַפאָריזמען זיינען בלויז נאָר בולטער געקומען צום אויסדרוק „געוויסע עלעמענטן פון הע־רעטיש־מיסטישער סקעפּסיס, אָדער ריכטיקער, פון אָפּאָזיציע לגבי דער אָרטאָדאָקסישער (רבנישער) טראַדיציע" (מ. וויגער), וואָס איז שוין צו מערקן ביים חסידיזם ביי זיין אַנטשטיין. אויך זיינע פאַנטאַזיסטישע אידעען זיינען נישט קיין אייגנטימלעכקייט בלויז פון זיין שיטה און ס'איז זיי שוין אָנצוטרעפן ביי שניאור זלמן פון ליאַדי. נחמן בראַצלאַווערס באַזונדערקייט באַשטייט אין זיין גלענצנדיקן „מעשהנען", אין זיין פעאיקייט צו אויסוועבן אַ פאַבולע, וואָס ווירקט מיט איר אוממיטלבאַרקייט און תמימות. אָבער גלייכצייטיק מיט דעם אָנספּקדיקן דיכטערישן טאַלאַנט פון נחמן בראַצ־לאַווער פירן זיינע אַלע מעשׂיות צום פאַרשטאַרקן און „דערקלערן" די חסידיש־מיסטישע קאָנצעפּציעס, אַז ס'איז נישט וויכטיק די האַנדלונג גופא, וויכטיק איז צי די כוונה, די מחשבה, איז דערביי געווען אַ געהויבענע. לויט נחמן בראַצלאַווער, ווי לויטן בעש"ט, איז דאָס אָפּהיטן די אַלע דינים פון דער תורה נאָך נישט אַלץ. פיל וויכטיקער איז, צי מען פילט זיך באַ־האָפטן מיט גאָט. ס'האָט אויך נישט קיין באַדייט מיט וואָסער שפּראַך מען טענהט זיך אויס מיט גאָט, דער עיקר איז, אַז מען גלייבט אין זיין גנאָד און אין די צדיקי־אמת.

נחמן בראַצלאַווערס „הערעטישקייט" און „סקעפּסיס", ווי אויך זיין „פאַנטאַזיזם", אַ דאַנק וועלכן ער האָט געזען אומעטום גאָט, האָט נישט אָפּ-געשוואַכט די רעליגיעזע פּענטעס, וואָס האָבן אַזוי פעסט אַרומגעקלאַמערט דאָס יידישע לעבן, נאָר פאַרקערט, זיי נאָך שטאַרקער פאַרצויגן און געדיכ־

טער געמאַכט די מיטלאַלטערלעכע פינצטערניש אויף דער יידישער גאַס. זיין לערע האָט ווידער געפלאַנצט דעם גלויבן אין נסים, דעם אבערגלויבן, האָט אָפּגעריסן פון דעם רעאַלן געראַנגל פאַר אַ בעסער לעבן דורך דעם נעגירן די רעאַלעווירקלעכקייט („ביטול היש") און געפלאַנצט דעם ווילדן גלויבן אין דער אלזעעודיקייט און אלווייסערישקייט פון דעם צדיק.

נחמן בראַצלאַווער האָט געפּריידיקט:

„דער עיקר פון אמונה איז נאָר דאָרטן, ווו עס הערט אויף דער שכל. דאָרטן, ווו מען פאַרשטייט נישט די זאַך מיטן שכל דאַרף מען האָבן אמונה; און אַז מען פאַרשטייט נישט קיין זאַך מיטן שכל בלייבט פאַנטאַזיע, נימצא, אַז דער עיקר אמונה איז אין פאַנטאַזיע".

„אַז די פאַנטאַזיע איז נישט אויסגעלייטערט, קומט מען דורך איר צו פאַלשע אמונות; דער עיקר אויסלייטערונג און אויסבעסערונג פון דער פאַנטאַזיע איז אָבער נאָר דורך די צדיקי אמת, זיי האָבן די בחינה פון רוח הקודש און נבואה".

נחמן בראַצלאַווערס לעבנס־באַגלייטער און פריינט נתן שטערנהאַרץ האָט פאַרשריבן 13 מעשיות. אין אָט די מעשיות, נישט איינהייטלעכע אין סטיל, האָט זיך אין דער פולער מאָס אַנטפּלעקט דער דערציילערישער טאַלאַנט פון נחמן בראַצלאַווער. די 13 מעשיות לאָזן זיך איינטיילן אין צוויי גרופּן: מעשיות סימבאָליסטישע, וואָס דערמאָנען מיט זייער פאַנטאַסטישקייט און אומוואַרשיינלעכקייט אין די ריטער־ראָמאַנען, און מעשיות, וואָס פאַרמאָגן אין זיך היפּשע שטייגער־שטריכן, אַ רעאַליסטישן אונטערגרונט און שלאָגן אַפילו אָן אין וועלטלעכע טענער. די דאָזיקע טענער ווערן אָבער דערשטיקט אונטער דעם פאַנטאַסטיש־מיסטישן שלייער, וועלכער ווערט אויף זיי אַרויפגעוואָרפן און צוליב דער משלדיק־חסידישער טענדענציעזקייט.

עס איז גענוג איבערצולייענען די „מעשה מאבידת בת מלך", בכדי צו דערפילן דעם אָטעם פון די אַלטע יידישע מעשה־ביכלעך. דורך דער געשטאַלט פון שני למלך טויכט אויף דער העלד פון ריטער־ראָמאַן, וואָס לויפט, קעמפט, ראַנגלט זיך מיט פאַרשידענע שטרויכלונגען, וועלכע עס שטעלן אים מכשפים און „נישט־גוטע" אויפן וועג צו זיין ציל. אויך ער, דער שני למלך, נעמט זיך אונטער, אויסצוגעפינען דעם מלכס טאָכטער, וואָס דער „נישט־גוטער" האָט זי צוגענומען, ווייל דער טאַטע אירער האָט אין אַ מינוט פון אויפרעגונג אַ זאָג געטאָן: „דער נישט־גוטער זאָל דיך נעמען". אויך דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט פּאַלאַצן און חיילות; אויך דאָ הייסט די

בת מלכה איר „ריטער“ פריער אַ יאָר טראַכטן און בענקען און ערשט נאכהער זי קומען אַרויסגעמען; אויך דאָ רוקן זיך אונטער כישוף־ביימער און עס זייגען פאַראַן ריזן־ברידער, וואָס הערשן איבער ווינטן, איבער חיות און עופות, — קורץ: דער גאַנצער פאַנטאַסטישער רעקוויזיט פון דער אַל־טער פאַריידישטער, אָדער יידישער ריטער־מעשה מיט „גאָלדענע בערג“ און „פערלנע שלאָסן“...

אויב די „מעשה מאבידת בת מלכה“ איז דורכויס סימבאָליש און דערמאָנט אינגאַנצן נישט אין קיין שום עלעמענט פון דער ווירקלעכקייט צוליב דעם דורכויסיקן געוועב פון פאַנטאַסטישע עלעמענטן, איז אין די מעשיות פון טיפ „מעשה מחכם ותם“ שוין פאַראַן דער איבערוואָג פון רעאַליסטישע עלעמענטן, אָבער אין דער פאַרבאָרגענער טענדענץ אירער איז זי אויך נעענטער צום מיטלאַלטער, ווי צום אָנהייב 19־טן י. ה.

אַ קורצער אינהאַלט פון דער גוט אויפגעבויטער מעשה: „אַמאָל זייגען געווען צוויי בעלי־בתים אין איין שטאָט און האָבן געהאַט גרויס עשירות און גרויסע הייזער. זיי האָבן געהאַט צוויי זין. די צוויי קינדער האָבן גע־לערנט אין איין חדר. איינער פון זיי איז געווען אַ חכם און איינער איז גע־ווען אַ תם. און כאָטש איינער איז געווען חכם און דער אַנדערער אַ תם, און זיין שכל איז פּראָסט געווען, פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך פאָרט זייער ליב געהאַט“. אַזוי הייבט אָן נחמן בראַצלאַווער די מעשה און דערציילט, אַז די עלטערן זייערע זייגען פאַראָרעמט געוואָרן און האָבן געמוזט הייסן די קינדער מיט עפּעס וואָס זיך צו באַשעפטיקן. דער תם האָט לאַנג זיך נישט געחקירהט און איז אַוועק זיך לערנען שוסטעריי, לאַנג זיך געלערנט און קיין גוטער שוסטער נישט געוואָרן: גענומען אַ דריט חלק דערפון, וואָס אַנדערע שוסטער האָבן גענומען פאַר זייער אַרבעט. ער האָט דעריבער נישט געהאַט קיין בגד צו בייטן און זיין ווייב האָט געהאַט קוים ברויט צו דער זעט. ער איז אָבער שטענדיק געווען צופרידן און קיינמאָל זיך נישט באַקלאָגט אויף זיין גורל. אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ נאַר און מען האָט זיך איבער אים געוויצלט.

גאָר אַנדערש האָט זיך געשטאַלטיקט דאָס לעבן פון דעם חכם: ער האָט קיין פּראָסטע מלאכה זיך נישט געוואָלט לערנען און באַשלאָסן זיך לאָזן אין דער וועלט. צוערשט לאָזט ער זיך מיט סוחרים קיין וואַרשע אַלס משרתל, נאָכהער איז ער געוואָרן אַ געוועלב־משרת. היות „דער סדר פון די משרתים איז, אַז פריער מוז מען זיין איין אונטערמשרת און מען מוז טאָן שווערע אַרבעט, און מען נעמט ווייניק שכירות“, האָט דער חכם נאָך

אַ שווערער האַרעוואַניע באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטעלע און זיך ווייטער לאָזן אין דער וועלט. „איז ער געגאַנגען אין מאַרק און האָט געזען עס פאָרן סוחרים: „וווהין פאָרט איר?" האָבן זיי געענטפערט: „קיין לאַנדינאַ". און ער האָט זיך מיט זיי אַוועקגעלאָזט קיין „לאַנדינאַ", פון דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין איטאַליע, פון איטאַליע האָט ער זיך ווייטער געלאָזט קיין שפּאַניע. אין משך פון דער צייט איז ער געוואָרן נאָך מער חכם, ווייל ער איז געווען אין אַ סך לענדער און זיך אויסגעלערנט „די שיינע און ריינע מלאכה גאָלדאַרבעט", אָבער ווי עס פּאַסט פאַר אַ חכם האָט ער זיך מיט דער מלאכה נישט באַגנוגנט און זיך באַשלאָסן לערנען שטיינשניידעריי. אין אַ פערטל יאָר אַרום האָט ער שוין אויך די מלאכה געקענט. אָבער עס איז אים נאָך אַלץ ווינציק געווען און ער האָט באַשלאָסן זיך לערנען אַ פאַך, וואָס ווייסט נישט פון קיין סעזאָנען: דאָקטעריי. „און אַז מען וויל זיך לערנען דאָקטעריי, — דערציילט נחמן בראַצלאַווער, — מוז מען פריער לערנען לאַטייניש און מען מוז לערנען פילוסופיע. און ער האָט עס אויך אויסגעלערנט אין אַ פערטל יאָר און ער איז געוואָרן אַ גרויסער דאָקטער און אַ פילוסוף און אַ חכם אין אַלע חכמות".

איז ווער גליקלעכער געווען? דער תם, צי דער חכם? פאַרשטייט זיך, אַז דער תם. ערשטנס האָט זיך דער חכם נישט געקענט געפינען קיין גע־זעלשאַפט, נאכהער, ווען ער איז געקומען צו זיך אין שטעטל, איז זיין שטוב שוין געווען חרוב, די פּראַקטיק, די מעדיצינישע, האָט אים קיין פרייד נישט געגעבן, ווייל ווען עמעצער פון די קראַנקע איז געשטאָרבן האָט מען אים צוגעשריבן די שולד, ווען ער האָט זיך אויסגעהיילט, האָט מען עס צוגע־שריבן אַ צופאַל... אויך די אַנדערע פּראָפעסיעס האָבן אים קיין פרייד און קיין רו נישט געגעבן. ער איז געווען אומגליקלעך.

אָט דאָ וואָלט אייגנטלעך די מעשה געקענט פאַרענדיקט ווערן מיט דער סענטענץ, אַז וואָס מער מען ווייסט, אַלץ אומרויקער איז דאָס לעבן, און, אַז די, וואָס וויסן גאָרנישט זיינען אָן אַן ערך גליקלעכער אין לעבן. נחמן בראַצלאַווער גייט אָבער ווייטער און מאַכט דעם תם אַלס הויפּט איבער אַלע מיניסטאָרן און דעם חכם, וואָס גלייבט נישט אין גאָרנישט און וויל אַלץ באַנעמען על פּי שכל, וואַרפט ער אַריין אין די הענט פון טייוול, אין אַ זומפּ, פון וועלכן דער תם און איצטיקער שררה האָט אים מיט דער הילף פון צדיקס קמיעה אַרויסגעשלעפּט...

ווי ס׳איז צו זען, איז דער סוף אַ צוגעטשעפּעטער און טראָגט אַ בולטע טענדענץ צו הייסן גלייבן אין די חסידישע צדיקים און לאַכט אויס די

מענטשלעכע טבע, די נייגונג אַלץ וועלן באַגרייפן מיטן שכל. אַלזאָ אַ בולט רעאַקציאָנערע טענדענץ ליגט אין אָט דעם גוט־אויפגעבויטן פאָלקס־מעשהלע.

כאַראַקטעריזירנדיק די „ספורי מעשיות", זאָגט מ. ווינער, אַז זיי „זיינען אַ משונהדיק געמיש פון מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען און וועלטלעכע סיי טראַדיציאָנעל פאָלקלאָרישע, סיי שטייגערישע עלעמענטן. דאָס באַווייזט זיך סיי אין די אידעען, סיי אין די פאַבולאַרישע מאָטיוון און סיי אינעם סטיל. ס'זעט אויס אַזוי, ווי ס'וואָלט זיך אין דעם הויך־באַגאַבטן מענטשן געריסן צום אויסדרוק אַ העלערע וועלטלעכע פאָלקסטימלעכע שעפערישקייט — זי האָט אָבער נישט געקענט דורכרייסן דעם אויסערגעוויינלעכן געדיכטן פינצטערן געפל, וואָס האָט אים און זיין מוח צרומגערינגלט".

„די מיסטיש חסידישע לערע נחמן בראַצלאַווערס רייסט זיך אַריין אין דעם מעשהדיקן געוועב. זי באַווירקט זיין באַנעמען די ווירקלעכקייט און איר שילדערונג. באַזונדערס קומט אין די מעשיות צום אויסדרוק די אָפּלייקענונג פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט אין נאָמען פון די אילוזאָרישע מיסטישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען. דאָס האָט מיטגעווירקט אָפּצווענדן די מאַסן אינעם באַנעמען זייער רעאַלע לאַגע, זייער פאַרשקלאַפטקייט, פינצטערקייט און אונטערדריקונג, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט" (מ. ווינער).

נחמן בראַצלאַווערס מעשיות האָבן געהאַט אַ סך אויפלאַגעס, און זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין עוואַנגעליום פון חסידות, און ווי יעדער „הייליק" בוך, האָט עס באַקומען אַ רעליגיעז־מיסטישע אויסטייטשונג, אַפילו אין די ערטער און שטעלן, וווּ אַזאַ אויסטייטשונג איז ממש אוממעגלעך.

דאָס שאַפן פון נחמן בראַצלאַווער איז אַ ווייטערדיקער גאַנג פון חסידיזם. עס הייבט אָן די צייט פון דעם „צדיקיזם" און פון די „גוטע יידן", וועלכע האָבן איבערגענומען נחמן בראַצלאַווערס לערע, אַז ווען „מען איז זיך מתקרב צום צדיק הדור, פאַרזוכט מען דעם טעם פון גן־עדן", אָדער אַז „דער צדיק, דאַכט זיך אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן, דאָך אָבער אַן אַנדערער: עס רוט אין אים דער אייביקער טרויער, עס רוט אין אים די אייביקע פרייד, עס רוט אין אים די וועלט־חכמה, די וועלט־שיינקייט, די שכינה, גאָט". די „צדיקים" האָבן די דאָזיקע לערע אויסגענוצט אין משך פון יאָרצענטליקער צוליב אייגננוצערישע טעמים און געהאַלטן גרויסע

טיילן פון דער פאָלקס־מאַסע אָפּגעפרעמדט און פיינטלעך צו אַלע ענדערונ־
גען אין יידישן לעבן, צו אַלע דערשיינונגען פון פּראָגרעס.

די אַגרעסיווע רעאַקציאָנערישקייט פון חסידיזם, איר גאַנצע פינצטערע
קראַפט איז געקומען צום אויסדרוק אינעם קאַמף מיט די יידישע אויפ־
קלערער אין רוסלאַנד און גאַליציע. אויב עס האָבן זיך פאַרהיט אַזוי ווינ־
ציק יידישע ווערק פון די משכילים, איז עס קודם־כל אַ רעזולטאַט פון דער
פאַרניכטנדיקער אַרבעט פון די חסידים, וואָס האָבן יעטוועדער „טריף־
פסול", וואָס האָט געזעדט וועגן בילדונג, וואָס האָט אָנגעגריפן די חסידישע
פירער, אונטערדריקט און פאַרניכטעט אויף אַן אומבארחמנותדיקן אופן.

קאַפּיטל 3

גרונט־שטריכן פון דער השכלה־באַוועגונג



משה מענדעלסאָן

די בערלינער השכלה איז גלייך פון אירע ערשטע טריט געווען פיינט־לעך געשטימט צו דער שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און האָט געזען דעם ערשטן וויכטיקסטן תּנאַי פאַר עמאַנסיפּאַציע אין דעם אָפּזאָגן זיך פון דעם „פאַרדאָרבענעם דייטש”. משה מענדעלסאָנס ביבל־איבערזעצונג איז אויסן געווען נישט בלויז צו געבן דעם ביבל־טעקסט פריי פון די פאַרשי־דענע סכאָלאַסטישע אַרייַנטייטשונגען, נייערט אויך אַרויסצורייסן פון

פֿאָלקס־מויל די „יידיש־דייטשע מונדאַרט", וואָס איז לויט מענדעלסאָנען אַ מעכאַניש געמיש פֿון דייטש מיט העברעיש און האָט מיטגעווירקט אויף דער „מאָראַלישער פֿאַרווילדונג פֿון דעם פּשוטן עולם". ווי ווייט יידיש איז געווען פֿאַרהאַסט ביי די דייטשע משכּילים איז בולט צו זען פֿון די עפּיטעטן און באַצייכענונגען, וועלכע עס גיט דער באַוווסטער היסטאָריקער גרעץ מיט אַ יאָרהונדערט שפּעטער דער יידישער שפּראַך: „דאָס פֿאַרדאָרבענע דייטש, וואָס מאַכט יידן צו שאַנד און צו שפּאָט ביי אַלע פֿעלקער", „די האַלב חיהשע שפּראַך", „דאָס ווילדע שטאַמלעניש, וואָס פֿאַרקריפּלט די מוחות" — אָט אַזוי באַצייכענען די דייטשע משכּילים די שפּראַך פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן.

עס איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזאַ באַציונג מצד דעם „פֿאָטער פֿון דער השכּלה", משה מענדעלסאָן, און זיינע נאָכפֿאָלגער, איז נישט געווען קיין גינסטיקער באָדן פֿאַר שאַפֿונג אין דער יידישער שפּראַך. פֿון דער בערלינער השכּלה זיינען טאַקע באַקאַנט בלויז צוויי פּיעסן אין יידיש: אייכלס „ר' הענאָך, אָדער וואָס טוט מען דערמיט" און אהרון וואָלפֿזאָנס „לייכטזין און פֿראָממעלליי".

די בערלינער השכּלה האָט אָבער קעגן די אינטענצן פֿון מענדעלסאָנען אויפֿגעהויבן אַ שאַרפֿע פּאָלעמיק און קאַמף מיט דער רבניש־מיסטישער ליטעראַטור, האָט אָנגעהויבן אַן אָרגאַניזירטן אָנגריף אויף דעם קאָנסערוואַטיוון לעבנס־שטייגער, קעגן דער פֿינצטערקייט, אָפּגעשטאַנענקייט און פֿאַרדומפּנקייט פֿון יידישן לעבן. זי האָט די ערשטע געפּרוווט ברייט אויפֿרייסן טיר און פֿענצטער פֿאַר די פֿרישע ווינטן און געגעבן גענוג צעשמעטערנדיקע קלעפּ דער מיסטישער, סכאָלאַסטישער, פּילפּוליסטישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך באַמיט אַלץ ווייטער און ווייטער אָפּציִען דעם פֿאָלקס־מענטש פֿון רעאַלן לעבן און פֿון דעם אָרום.

פֿון דער באַציונג פֿון די משכּילים, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער צייטשריפֿט „המאסף", צו דער יידישער שפּראַך איז זיך נישט שווער פֿאָרצושטעלן דעם אויסגעשפּראָכן בורזשואַזן כאַראַקטער פֿון דער בערלינער השכּלה. זי איז, אין תּוך גענומען, געווען אַ געטרייע נאָכפֿאָלגערין און אויספֿירערין פֿון די אידעאַלן, וואָס זיינען דורך דעם „אויפֿגעקלערטן מאָנאַרך" אָנגעצייכנט געוואָרן.

דאָס פּראָגרעסיווע האָט זיך אויסגעדריקט נישט אין סאָציאַל־פּאָליטישע אמתן, נאָר אין אַ ספֿערע פֿון ריינעם קולטור־כאַראַקטער. אין בערלי־

נער „המאסף“ איז שוין צו זען אַ מאָדערנעם וועלט־באַנעם. אין יעדן נו־מער ווערט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די גויטיקייט פון וויסן: „החכמה היא נשמת העולם“ — וויסן דאָס איז די נשמה פון דער וועלט; אָן וויסן קען די וועלט קיין קיום נישט האָבן, — שטרייכט דער „המאסף“ אונטער. „חכמת הטבע — נאַטורוויסנשאַפט, זאָגט איינער פון די גרינדער פון „המאסף“, מענדל ברעסלוי, — דאָס איז דער לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ שפּאַרט אָן אין די הימלען“. עס באַווייזן זיך דאָרט אַר־טיקלען וועגן פיזיק און געאָגראַפיע, וועגן זאָאָלאָגיע, עס באַווייזן זיך וועלט־לעכע לידער, געווידמעטע ווייַן און ליבע.

אין דער פּאָעזיע, וואָס איז פול מיט מליצה — מיט הויך־קלינגענדיקע פּאָעטישע פראַזן, באַווייזן זיך אויך סאַטירישע טענער, וואָס לאַכן אויס די אַבערגלויבערישקייט. אַזוי דרוקט אָפּ יהודה ייטלס אַ ליד א. ק. „פתי יאמין לכל דבר“, ווו ער זאָגט: „דו גלויבסט אין יעדער נאַרישקייט און אין מע־שיות פון אַלטע ווייבער; גלויבסט אין נסים ונפלאות, וואָס מענטשן האָבן אויסגעטראַכט, נאָר קיינער האָט זיי מיט זיינע אויגן נישט געזען. דו גלויבסט אין אַלץ, ווייל — פתי יאמין לכל דבר“ (ווייל אַ נאַר גלויבט אין אַלץ).

די באַדערפעניש פון דער אויפקומענדיקער יידישער בורזשואַזיע אין קאַדרען פון געבילדעטע „שרייבער“, וואָס קענען אייראָפּעיִשע שפּראַכן, אין בוכהאַלטערן, און ספּעציאַליסטן אין פאַרשידענע פאַכן, רופט אַרויס צום לעבן דאָס אַנטשטיין פון יידישע נאָרמאַל־שולן און עס ווערט פּראָפּאַגירט דער געדאַנק פון פּראָדוקטיוויזאַציע. אָט די באַדערפענישן קריגן זייער תיקון אין די ווערק און פּובליציסטישע אַרויסטרעטונגען פון די משכילים.

די בערלינער השכלה איז געוואָרן די פאָן פון פּראָגרעס פאַר אַלע אויפ־קלערער אין די געביטן פון צאַרישן רוסלאַנד, פּוילן און דער עיקר פון דער טייל אוקראַינע (מערבדיקע), וואָס האָט אָנגעהערט צו עסטרייך—אונ־גאַרן. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, אַז די ערשטע פּיאָנערן פון אויפקלערונג, די ערשטע אַרויסטריטן קעגן דעם פּילפּול און אַבער־גלויבן, פאַר בילדונג און איבערבויען די יידישע עקאָנאָמיק שטאַמט גראָד פון די פּוילישע און רוסישע געביטן. דער דעמאָקראַטישער שטראָם אין דער השכלה, זיינע פּראָגרעסיווע אידעאַלן, די פאַרבונדנקייט מיט די אינ־טערעסן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן איז געקומען צום אויסדרוק אויף די געביטן פון אַמאָליקן גאַליציע און צאַרישן רוסלאַנד. דאָ זיינען אַנטשטאַ־

נען משכילישע ווערק, געשריבענע אין דער שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן, און במילא באַקימען אין זיי אַ תיקון ווירקלעכע, רעאַליסטישע בילדער פון יידישן לעבן אין יענער צייט.

די קנאַפּע הונדערט ביכלעך און ביכעלעך אין ייִדיש, וואָס זיינען דורך די משכילים פאַרעפנטלעכט, אָדער אין אָפּשריפטן פאַרשפּרייט געוואָרן, שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיקע קולטור־דערשיינונג, וואָס פאַרמאָגט אַ זעלבשטענדיקן און אָריגינעלן ווערט, הגם זי איז פיל אָרעמער אין זשאַנערן ווי די אַלטע יידישע ליטעראַטור.

די בעלעטריסטישע שאַפונגען אין דער יידישער שפּראַך „איז אַ געוואַלדיקער קאָנצענטראַט פונעם לעבן, אַלס די פאָרם פון פאָלקס־לעבעדיקער באַוועגונג, אַלס זיין שאַפונג, אַלס דער אויסדרוק פון זיין קולטור. די שפּראַך גופא אַלס אַזעלכע, אַנטהאַלט שוין אַ גרויס שטיק פון דעם פאָלקס־לעבן. אָן איר קען מען זיך נישט באַגיין, אויב מען וויל דערפילן דעם פולס און דעם געשמאַק פון דעם דאָזיקן לעבן, און מען וויל דאָס פאַרקערפּערן אין קינסטלערישע בילדער“ (מ. ווינער).

דורך דעם פאַקט, וואָס אויף די געביטן פון אוקראַינע, פוילן און ליטע זיינען באַנאַנד מיט העברעישע משכילישע חיבורים געשאַפן געוואָרן ווערק אין דער יידישער שפּראַך, נעמט אָן די השכלה־ליטעראַטור דעם קאָלאָריט פון ווירקלעכן לעבן פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. ווען מען קומט פון דער פאַרגליווערטער, אַבסטראַקטער, אָפּט לעבנס־פרעמדער מליצה פון דער העברעישער ליטעראַטור פון יענער צייט צו די מאָגערע יידישע ביכלעך, באַקומט מען דעם איינדרוק, ווי מע זאָל פון דעם לאַנגן אַרומשוועבן אין די קאַלטע הימלישע רוימען אַראָפּטרעטן אויף דער ערד, דערפילן דעם טעם פון פעסטן באָדן אונטער די פיס.

די יידישע ליטעראַטור פון יענער צייט פאַרמאָגט גאַנץ ווינציק קינסטלעריש־רייפע שאַפונגען. זי פאַרמאָגט אָבער לעבן, נאַטוראַלישקייט. זי גיט אַ ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון פאַרשידענע זייטן פון דער יידישער ווירקלעכקייט, זי רופט צו ענדערן די לעבנס־פאָרמען, באַקעמפט די פאַקטאָרן אין יידישן לעבן, וואָס האַמעווען די אַנטוויקלונג פון פאָלק. אויב די בערלינער השכלה האָט געהאַט אויסצושטיין פאַרפאָלגונגען מצד דעם יידישן קלער, איז עס אַן אידיליע לגבי די רדיפות און נגישות, וואָס עס האָט געהאַט אויסצושטיין די השכלה־באַוועגונג אויף די געביטן פון פוילן, ליטע און מערב־אוקראַינע און איבערהויפּט די השכלה־ליטעראַטור אין יידיש.

במילא איז די יידישע ליטעראַטור מער ליידנשאַפטלעך קעמפעריש. אָפּצודרוקן אַ יידיש בוך איז אָפט געווען אוממעגלעך, אָבער די שאַפונגען פון די דעמאָקראַטישע משכּילים, זייערע לידער און „טעאַטערשטיק" זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין אָפּשריפטן און אויף אויסנווייניק.

אין די דאָזיקע פאָלקסטימלעכע ביכלעך — זאָגט מ. וויינער — קען מען אוממיטלבאַר אָנטאַפּן דעם דופק פון פאָלק, דאָ אַנטפּלעקט זיך אַנשוילעך דער כאַראַקטער פונם פאָלק, די אייגנאַרטיקייט פון זיין געמיט־לעבן, פון זיין שטייגער, פון זיינע אידעאַלן און פון זיין שטרעבן צו גערעכטיקייט, פרייהייט און ליכט. און דאָס איז די אייגנאַרטיקייט און אָריגינעלקייט פון די דאָזיקע שיינע פאָלקסטימלעכע שאַפונגען".

די עלטערע ווערק פון דער נייער יידישער ליטעראַטור פירן אויך אַן אומגלייכן און פאַרביטערטן קאַמף מיט דעם חסידיזם, וואָס האָט סוף 18־טן אָנהויב 19־טן י. ה. זיך ראַש אַנטוויקלט אין די אָפּגעשטאַנענע ערטער פון דער יידישער באַזעסנקייט. דער חסידיזם איז געווען באַזונדערס געפערלעך צוליב זיין אַגרעסיוון און גלייכצייטיק „פאָלקסטימלעכן" כאַראַקטער. דער חסידיזם, וואָס האָט דערגרייכט די שפּיצן פון זיין „לערע" ביי שניאור זלמן פון ליאַדי און נחמן בראַצלאַווער, ווערט דער שטאַרקסטער שונא פון דער אויפקלערונג, שטעלט זיך אַנטקעגן דעם שטראָם פון ראַציאָנאַליזם און נוצט געשיקט אויס די יידישע שפּראַך אַלס אַגיטאַציע־מיטל. דער דאָזיקער פאַקט האָט געשטויסן אַפילו קעגנער פון דער יידישער שפּראַך צו שרייבן סאַטירישע ווערק גראָד אין יידיש.

די נויטן פון לעבן פון איין זייט און די אויפקומענדיקע דעמאָקראַטישע ריכטונגען אין דער השכּלה פון דער צווייטער, האָבן אַזוי אַרום אַרויסגערופן צום לעבן די וועלטלעכע ליטעראַטור אין דער נייער יידישער שפּראַך, וועלכע האָט אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור.

די משכּילים אויף די געביטן פון אַמאָליקן גאַליציע (עסטרייכישן) און רוסלאַנד האָט אויך באַווירקט דער פאַקט, וואָס די געביטן, אויף וועלכע זיי זיינען געווען טעטיק, האָבן זיך געפונען אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דער פאָלקס־מאַסע. אירע באַדערפענישן און נויטן, איר אויסדרוק־אופן און איר שעפערישקייט האָט נישט איינמאָל טראָץ דער אידעאָלאָגישער פרעמדקייט פון די בורזשואַזע אויפקלערער באַווירקט דאָס שאַפן פון אַ ריי אָנגעזעענע משכּילים.

אויף דער אַנטוויקלונג פון אַ ליטעראַטור אין יידיש האָט אויך געווירקט דער פאַקט, וואָס דער קאָנצענטריר־פונקט פון די אויפקלערער פון רוס־לאַנד און ליטע זיינען געוואָרן די אַמאָליקע עסטרייכישע געביטן (בראָד, טאַרנאָפּאָל, לוואָוו).

די שטאָט טאַרנאָפּאָל איז סוף 18־טן י. ה. געווען אַ גאָר וויכטיקער האַנדלס־צענטער, אַ דאַנק זיין געאָגראַפישער לאַגע און דער דעמלטיקער קאָניונקטור. אָדעס, ווי אַ האַפן און האַנדלס־שטאָט, איז ערשט געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1794 און דער וויכטיקסטער שליאַך פון און קיין רוסלאַנד האָט געפירט דורך בראָד און דורך טאַרנאָפּאָל. דאָ האָט זיך קאָנצענטרירט דער עקספּאָרט און אימפּאָרט פון די מערב־מלוכות אין דער רוסישער אימ־פּעריע, וואָס האָט געגרייכט ביז טיף אַזיע.

אויך די שטאָט בראָד האָט געשפּילט אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל אין דעם לעבן פון די גאַליצישע יידן. געבויט געוואָרן איז די דאָזיקע שטאָט דורך די פּאָטאָצקיס, וואָס האָבן פאַרמאָגט ריזיקע ערד־שטחים אין אוקראַ־אינע. בכדי צו פאַרגרעסערן די שטאָט און פאַרשטאַרקן דעם האַנדל אין זייערע מאַיאָנטקעס, האָבן די פּאָטאָצקיס געגעבן די איינוווינער פון דער נייער שטאָט אָן אונטערשיד פון רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט אַלע מעגלעכע האַנדלס־פּריווילעגיעס. עס האָבן זיך דעריבער דאָ גערן באַזעצט אַרמענער און יידן. אין יאָר 1765, ס'הייסט האַרט פאַר דעם, ווי בראָד איז דורך די צעטיילונגען פון פּוילן אַריבער צו עסטרייך, האָט די שטאָט געציילט 7191 יידן אין לעמבערג איז דאַן — ווי עס גיט אָן פּראָפ. באַלאַבאַן — געווען בלויז 6,195 יידן). די גרעסטע יידישע סוחרים האָבן דאָ געעפנט זייערע געשעפטן און בענק.

נאָכן איבערגיין פון דער שטאָט בראָד צו עסטרייך איז איר באַדייטונג און אָנזען נאָכמער געשטיגן. אין 1797 איז זי געוואָרן באַשטימט אַלס אַ פרייע שטאָט. אַלע אימפּאָרטירטע און עקספּאָרטירטע סחורות זיינען געווען פריי פון וועלכע עס איז אָפּצאָלן. די כוונה פון דער עסטרייכישער רעגירונג איז געווען צו שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַרן האַנדל מיט רוסלאַנד. רוסישע סוחרים פלעגן טאַקע גערן קומען קיין בראָד, און די שטאָט איז אין קורצן געוואָרן דער וויכטיקסטער האַנדלס־צענטער צווישן מערב און מזרח. פון גאַנץ אוקראַינע האָט מען דאָ איינגעקויפט די אויסלענדישע סחורות און אַהער האָט מען געבראַכט די פאַרשידענע רוי־שטאָפן און פּראָ־דוקטן פון דער רייכער, פרוכפּערדיקער רוסישער מלוכה.

די בראָדער יידישע סוחרים האָבן דעריבער געהאַט פאַרבינדונגען מיט לייפּציג, מאַנטשעסטער, קיעוו, כערסאָן, כאַרקאָוו און מיט דער יונגער רוסישער פּאָרט־שטאָט אָדעס. די ברייטע האַנדל־קאָנטאַקטן פון די גרויס־הענדלער און די גרויסע געלט־אָפּעראַציעס פון די יידישע באַנקירן האָבן געפאָדערט אַ היפשע צאָל מענטשן מיט ידיעות פון פרעמדע שפּראַכן, בוכהאַלטעריע וכדומה. דערפאַר האָט זיך דאָ קאָנצענטרירט אַ קרייז משכילים און לומדים.

דערפון איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס אַזעלכע אָנגעזעענע משכילים ווי מענדל לעפין, יעקב שמואל ביק, יוסף פערל, נחמן קראָכמאַל זיינען ס׳רוב אָפּשטאַמיקע פון די דאָזיקע געביטן און פאַרוואָס גראָד דאָ האָט דער אַנאָנימער אויטאָר פון „די געגנאַרטע וועלט״, י. ב. לעווינזאָן, אָקסענפעלד, עטינגער און אַנדערע באַקומען די אָנרעגונג צו שרייבן יידיש. זיי האָבן געקענט, געפינענדיק זיך אין דער פאַרהעלטנישמעסיק פרייער אַטמאָספער, זיך פאַרפולקאָמען און פון דאַנען אַרויסשיקן זייערע שאַרפע פיילן אין דעם אָפּגעשטאַנענעם, קאָנסערוואַטיוון און פאַרחסידישטן דרום־אוקראַינע און פוילן.

קאַפּיטל 4

די ערשטע צוויי משכּילישע ווערק אין יידיש

צוויי פאָנגענטרעגער פון דער בערלינער השכלה, דער גרינדער פון משכּילישן זשורנאַל „המאסף״ איציק אייכל, און איינער פון זיינע טיכטיקסטע מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָרן אהרן האַללע וואָלפזאָן, זיינען געווען די מחברים פון די ערשטע קאָמעדיעס אויף דעם „גמאוסן זשאַרגאָן״. דווקא די, וואָס האָבן זיך אַלס הויפּט־ציל פון זייער לעבן געשטעלט דאָס „אַנטפּלעקן פאַר די פעלקער די שיינקייט פון דער ביבל־שפּראַך״ — האָבן געלייגט די ערשטע פונדאַמענטן פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור.

איציק אייכל

געבוירן אין קאָפּענהאַגען (דענעמאַרק) אין 1765 יאָר. צו אַכט יאָר איבערגעפאָרן קיין קעניגסבערג, וואָס האָט דאַן געגאָלטן אַלס אַ קולטור־צענטער. אַלס לערער פון העברעיש ווערט ער אַן אָפּטער באַזוכער פון דער רייכער און אויפגעקלערטער באַנקירן־פאַמיליע פרידלענדער, וועלכע העלפט אים צו באַקומען אייראָפּעישע בילדונג. אייכל באַזוכט דעם אוניווערזיטעט, ווו ער הערט קאַנטס פאָרלעזונגען איבער פילאָזאָפיע. ער שליסט זיך גלייך אָן אין לינקן פליגל פון די משכּילים און פרוווט אויפן שטייגער פון בערלין צו עפענען אַ „פריישול״, נאָר די אָרטאָדאָקסן מאַכן זיינע באַמיאונגען צונישט. ער גרינדעט אַ געזעלשאַפט צו פאָרשן די העברעישע שפּראַך „חברת דורשי לשון עבר״. אין סעפּטעמבער 1783 דערשיינט דער ערשטער נומער פון „המאסף״ אונטער אייכלס רעדאַקציע.

אין 1786 לעבט אייכל איבער אַ שווערע אַנטוישונג. דער גלויבן, אַז

עס איז גענוג צו זיין געבילדעט בכדי צו געניסן פֿון אכטונג און פֿולער גלייכבאַרעכטיקונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פֿאַרבלענדעניש. אייכל, וואָס האָט פֿינף יאָר שטודירט אין קעניגסבערגער אוניווערזיטעט, האָט אָנגעגעבן אַן אָפּערטע מען זאָל אים אָננעמען אַלס דאָצענט פֿון העברעיִש. קאַנט האָט די ביטע פֿון אייכלען שטאַרק אונטערגעשטיצט, און דאָך איז זי אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן מיטן מאָטיוו, אַז אַ דאָצענט קען מען זיין נאָר ווען מען געהערט צום עוואַנגעלישן גלויבן.

אין 1787 פֿאָרט אייכל אַריבער קיין בערלין און ווערט פֿאַרוואַלטער פֿון דער דרוקעריי „חנוך נערים" און מיט אים צוזאַמען וואַנדערט איבער דער „המאסף", וווּ ער פֿאַרעפֿנטלעכט פֿיל קריטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען, אַ מאָנאָגראַפֿיע וועגן משה מענדעלסאָן און פֿאַרשידענע ביאורים. אָבער דאָ גרייכט אים די צווייטע אַנטוישונג; ער דערזעט, אַז די אויפֿקלערונג האָט אָפּגעפֿרעמדט די געבילדעטע פֿון העברעיִש, די צאָל אַבאָנענטן פֿון „המאסף" פֿאַלט מיט יעדן יאָר, און לסוף ווערט די צייטשריפֿט געשלאָסן. אייכל האָט באַמערקט, אַז די אויפֿקלערונג האָט אָנגענומען ביי די רייכע זין און טעכטער אַן אויבערפֿלעכלעכן כאַראַקטער. אויפֿגעקלערטע טעכטער ווערן באַגייסטערט פֿאַר שליפֿעס און פֿאַר אַ ליאַדע אַדעליק־מאַנירלעכן לומפּ; די זאָרגלאָזע יוגנט, וואָס האָט נישט קיין דאגות פּרנסה, דערגייט צו פּוסטקייט און פּשוטער אויסגעלאַסנקייט. ער זעט אויך אין דעם די סיבה פֿון דער שמד־מגיפֿה, וואָס האָט צו יענער צייט באַהערשט די יידישע בורזשואַזיע אין דייטשלאַנד. בכדי אָנצווייזן אויף די פֿעלערן פֿון דער דערציִונג, באַשליסט אייכל אָנצושרייבן אַ פּיעסע אין דער שפּראַך פֿון ווייבער־דייטש. ער קלייבט אויס די דאָזיקע שפּראַך, כדי די אַנטיסעמיטן זאָלן נישט קענען מאַכן קיין געברויך פֿון די, אָדער יענע פֿאַקטן. יעטוועדער העלד רעדט ביי אים מיט זיין שפּראַך. דער אַלטפֿרענקישער ר' הענאָך אין זיין טיפּיש־יידישן דיאַלעקט, דער אויפֿגעקלערטער מאַרקוס — אַ רייַנעם דייטש, דער ענגלענדער — ענגליש, אָדער אַ פֿאַרקריפּלטן דייטש, און דער פֿראַנצויזישער עמיגראַנט — אַ געמיש פֿון דייטש מיט פֿראַנצויזיש.

היות אָבער אַמבולטסטן האָבן זיך באַקומען די אַלטפֿרענקישע געשטאַלטן, וועלכע זיינען געווען דער אָביעקט פֿון אייכלס סאַטירישע פֿיילן, און וועלכע ער באַמיט זיך אַרויסצוברענגען מיט יעטוועדער תנועה, מיט יעטוועדער ניואַנס פֿון דעם אויסגעחוזקטן „זשאַרגאָן", האָט זיך דעריבער באַקומען קעגן די כוונות פֿון מחבר אַ וויכטיקער דאָקומענט פֿון מאָדערנער

וועלטלעכער ליטעראַטור אין יידיש, וועלכער האָט באַווירקט פיל קאָמע־דיעס פון די משכילים אין גאַליציע און אין רוסלאַנד.

די פּיעסע „ר׳ הענאָך אודר וואש טוט מע דר מיט״, אָדער ווי זי הייסט אין אונטערטיטל „איין פאַמיליען־געמעלדע״, איז געשריבן געוואָרן אין לעצטן יאָרצענטליק פון 18־טן יאָרהונדערט און איר אינהאַלט איז אין קורצן אַזאַ: ר׳ הענאָך, אַ פּראָצענטניק, איז אַן אַלטפּרענקישער ייד. זיין הילוך, זיין באַנעמונג, זיין ווערטל, „וואָס טוט מען דערמיט״, ווי אויך זיין פאַרקויפטקייט צום גראָשן, ווייזן, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ בעגאַטיוון טיפּ. ר׳ הענאָך איז פאַרפרומט, רעדט מיט העברעישע פּסוקים און וויל קיין שום נייעס נישט אָנערקענען. ער איז קעגן יעטוועדער רעפאָרם פון יידיש־קייט, ווייל עס וועט צעשטערן דעם אַלטן לעבנס־שטייגער. דאָס לעבן איז אָבער שטאַרקער פאַר אים, און פונקט ווי אַלע אַנדערע סוחרים און גרויס־הענדלער האָט אויך ר׳ הענאָך קאַצענעלבויגן נישט דערקענט, אַז זיינע טעכטער זאָלן באַקומען אַ ביסל אייראָפּעישע בילדונג — לערנען תורה דאַרף קיין מיידל נישט און די קענטעניש פון דער לאַנדשפּראַך איז אַ סגולה צום געשעפט. אַלס „געבילדעטע״ בייטן גלייך ביידע טעכטער זייערע נעמען פון עלקע און הדס אויף עליזאַבעט און עדוויג. הענאָך צווינגט אָבער זיין עלקע־עליזאַבעט חתונה צו האָבן פאַר אַ נישטיקן הענדלער, מאָדעל, וואָס איז פונקט אַזוי פאַרקויפט צום „רייכסטאַלער״ ווי דער שווער. צווישן יונגן פאָרל קומט צו קריגערייען, און דאָס ווייב — אַ מוטער פון קינדער — הייבט אָן פאַרבערענגען מיט איר אידעאַל — מיטן פּרייסישן אָפיציר פאָן האַרן מיט די קלינגענדיקע שפּאָרן און רייך־פאַרפּוצטן מונדיר.

נאָך ערגער זעט אויס די עדוקאַציע פון הענאָכס זון הערצקע (האַרט־וויג). הענאָכס דערציאונגס־פּראָגראַם איז אַ פּשוטער: „הערצקע זאָל אָבענד און מאָרגען שולע גיין, הערצקע זאָל אַ שיעור לערנען, זאָל שני וחמישי ושני פאַסטען, און זאָל אַ בעל משא ומתן ווערדען״. הערצקע־האַרטוויג דער־ציילט זעלבסט, ווי ער האָט ביז 16 יאָר געלערנט ביי אַ „פּאָלנישן רבי״ זאַכן, וועגן וועלכער ער אַליין האָט קיין באַגריף נישט געהאַט. האָט זיך אויף דעם בחור מרחם געווען די שוועסטער עלקע־עליזאַבעט און אים בסוד געלערנט דייטש און פראַנצויזיש און אים אויך געגעבן ביכער צו לייענען. די „קראָ־מאָלע״ ווערט אויפגעדעקט און ר׳ הענאָך הייבט אָן רודפן דעם זון, ער לאָזט אים ממש נישט אָפּאָטעמען. בעט זיך ביי אים דער זון, אַז ער וויל זיך „איין האַנטווערק לעהרען לאַססן״. „וואָס ווילסטו ווערן?״ פרעגט דער פאָטער, — און ווען דער זון ענטפערט, אַז ער וויל זיך די בוי־קונסט לערנען, רופט

ר׳ הענאַך אויס: „אַ בוי־מאַשטער? און ווי ווילסט דואס אן שבת מאַכן? מחלל שבת זיין?”. די דאָזיקע דערציאונג ענדיקט זיך טרויעריק. הערצקע באַקענט זיך ביי דער שוועסטער מיט קריסטלעכע לעביונגען און אויסוורפן, הייבט אָן שפילן אין קאָרטן, פאַרלאָזט די שטוב, רייסט איבער מיט אַלץ און לסוף פאַלט ער אַריין פאַר פעלשן קאָרטן אַ טויט־צעשלאָגענער אין טורמע.

אָבער נישט בלויז אין די אָבסקוראַנטן זעט אייכל אַלדאָס בייז. דער משכיל ברענגט אויך אַרויס קאָמישע טיפן פון „אויפגעקלערטע”. אַזוי לאַכט ער אויס באַנאַנד מיט הענאָכן, זיין ווייב ייטל, זייער יונגסטן זון, דעם געוויסנלאָזן צבועק שמואל, די כלומרשט געבילדעטע טאָכטער און דעם סטודענט ברייטענבויך, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געווען לייבקע באַהעלפער און איצט איז ער שוין אַ גאַנצער „קאַנטיאַנער”, אַ „קריטישער פילאָזאָף”.

אַלס מוסטער פון מעשים טובים און אמתער אויפגעקלערטקייט טרעט אַרויס מאַרקוס, וואָס רעדט, פאַרשטייט זיך, אַ ליטעראַריש דייטש און איז די פאַרקערפערונג פון וויסן און ריינעם כאַראַקטער. וואָס ער טוט שטאַמט פון הוילער מענטשן־ליבע. באַקומען זיך טאַקע ביי אייכלען די פאָזיטיווע געשטאַלטן אויסגעטראַכטע, אָן פלייש און בלוט, און די נעגאַטיווע שפרוד־לען מיט לעבן און זיינען ווי פאָטאָגראַפיעס פון דער דעמאָלטיקער ווירק־לעכקייט. און עס באַקומט זיך: אַלע העלדן, וואָס אייכל האָט אַרויסגעהויבן, אַלע ערגסטע מוסטערהאַפטע געשטאַלטן, ווירקן אויף אונדז היינט ווי קאָ־מיש־אויפגעבלאָזענע קרעאַטורן, די געשטאַלטן, וואָס פאַרמאָגן גראָד פיל אַנטיפאַטישע שטריכן, זיינען ווינציקער קאָמיש, ווייל זיי זיינען געגעבן אָן פאָזע און רעדן אַ נאָרמאַל מענטשלעך לשון...

פולשטענדיק אידענטיש איז דער צוגאַנג און אַפילו איניקע נעמען אין וואָלפזאָהנס „לייכטזין און פרעמעלייא, איין פאַמיליען־געמעלדע איז דריי אויפציגע” (ברעסלוי, 1796).

וואָלפזאָהן האַללע אהרן

געבוירן געוואָרן אין 1754 אין האַללע (פרייסן). זיין פאָטער וואָלף איז געווען אַ דאָקטאָר און אויך זיין מוטער האָט געהערט צו דעם קרייז פון אויפגעקלערטע. עס איז דעריבער קלאָר, אַז שוין פון שטוב האָט ער אַרויס־געטראָגן דעם גייסט פון דער אויפקומענדיקער השכלה־באַוועגונג. געקו־מען קיין בערלין אין 1785, האָט ער זיך אויפגעחברט מיטן השכלה־קעמפער בריל (לעווע), מיט אייכלען און אַנדערע אויפקלערער פון „המאסף” און

איז אין גיכן געוואָרן דער „געוואַגטער שטורמער" פון דער מענדעלסאָני־שער השכלה, ווי עס באַצייכנט אים דער היסטאָריקער גרעץ.

זינט 1788 באַטייליקט ער זיך אַקטיוו אין „המאסף", ווו ער פאַרעפנט־לעכט אונטער די איניציאַלן א. ה. וו—ן, באַטורוויסנשאַפטלעכע פּאָפּולאַ־ריזאַציעס, פילאָלאָגיש־עקזעגעטישע אָפּהאַנדלונגען, שירים און אַנד.

וואָלפזאָהן איז געווען איינער פון די עקסטרעמסטע קעגנער פון דער אָרטאָדאָקסיע, און מיט דעם איז צו דערקלערן דעם 10־יאָריקן קאַמף, וואָס וואָלפזאָהן האָט געפירט אַלס אינספעקטאָר און אָבערלערער אין דער רע־פאָרמירטער קעניגלעכער „ווילהעלם־שולע" אין ברעסלוי (וווראָצלאַוו) מיט די אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן דורכויס נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז דער לימוד פון תלמוד זאָל אין דער „שולע" אָפּגעשאַפן ווערן. די באַציאונג פון וואָלפזאָהנען צו יידיש איז געווען אַ דורכויס נעגאַטיווע און פיינטלעכע. אָבער דער פאַרלאַנג אין „לעבהאַפטן פאַרבן אַנשוילעך פאָרצושטעלן דער נאַציאָן", „וועלכע איבלע פאָלגען דער שטרענגער פאַנאַטיזמוס אונד די אייכלייא אונטער דעם דעקמאַנטל דער רעליגיאָן איינזייטס, אונד די פאַלשע, אָדער אונעכטע אויפקלערונג אונזערער יעצטיגן מאָדישן יוגנט בעבסט דער פעלערהאַפטן ערציונג דער קינדער אַנדערר זייטס" האָט אים גע־שטויסן אָנצושרייבן אַ קאָמעדיע אויף יידיש.

אַלזאָ דער זעלבער ציל פון קאָמפּראָמיטירן דעם שטרענגן פאַנאַטיזם און די פעלערהאַפטע און אויבערפלעכלעכע אויפקלערונג ליגט אין יסוד פון וואָלפזאָהנס קאָמעדיעס.

די פּיעסע פון וואָלפזאָהן איז אָבער אָן אָן ערך סצענישער און טראָגט אַ קאָמעראַלן כאַראַקטער, אין דער צייט, ווען די גרויסע צאָל פּערזאָנען און דער אָפטער בייט פון אָרט און אַקציע אין אייכלס פּיעסע לאָזט זיך משער זיין, אַז זי איז לכתחילה געשריבן געוואָרן ווי אַ פּיעסע צום לייענען און נישט צום שפּילן, האָט וואָלפזאָהן זיין פּיעסע געשריבן ווי אַ „שטיק", וואָס דאַרף פאַרבייטן די פּוסטע און זינלאָזע פּורים־ארלעקינאַדע. די פּיעסע איז אַ דריי־אַקטיקע און עס באַטייליקן זיך אין איר פאָלגנדיקע פּערזאָנען: ר' חנוך — איין רייכער הויזפאַטער, טעלצע — זיין פרוי, יעטכען — זיין טאָכ־טער, מאַרקוס — זיין שוואָגער און ברודער פון טעלצען, ר' יוספקע — אַ הויז־רבי, שיינדל — קעכין ביי ר' חנוך, איין פריזירער, פרוי לעמגין — איינע קופּלערין (אייגנטימערין פון אַ שאַנד־הויז).

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ גרויסער שטאָט פון צפון־געגנט אין דייטשלאַנד אין דעם לעצטן יאָרצענטליק פון 18־טן יאָרהונדערט.

דער אינהאַלט פון דער פּיעסע איז אין קורצן אַזאַ:

ר׳ חנוך, אַ ייד אַ גביר, וואָס איז שטאַרק צוגעבונדן צו דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, נעמט צו זיך אין שטוב אַריין אַ בעל־תורה, ר׳ יוספקען. יוספקע דאַרף אים דערציִען דעם זון שמואלן. היות ר׳ יוספקע געווינט אויף אַ כיטרע אופן ר׳ חנוכס צוטרוי, באַשליסט ר׳ חנוך אויסצוגעבן זיין אויפגעקלערטע טאָכטער יעטכען פאַר יוספקען. יעטכען וויל פון דעם שידוך נישט וויסן און באַשליסט חתונה צו האָבן מיט דעם „הער פאָן שנאַפּפּס״, אַ דייטש וואָס איז אויסערלעך זייער גאַלאַנט און איידל אָבער אין תוך אַן אויסוואורף. ער פאַרפירט די לייכטזיניקע און לייכטגלויביקע יעטכען אין שאַנד־הויז פון דער פרוי לעמגין...

דער אמת אויפגעקלערטער מאַרקוס, וואָס האָט זיך ביז איצט אַן דערפאָלג געשדכנט צו זיין קוזינע יעטכען, געפינט זי אָפּ אין שאַנד־הויז. עס קומט אַהין אויך ר׳ חנוך און איבערצייגט זיך, אַז דער פרומער ר׳ יוספקע איז דאָ אַ שטענדיקער קונד. עס ווערט אויך קלאָר, אַז דער צבועק יוספקע פלעגט אויך צושטיין צו זייער דינסט שיינדל...

ווען ר׳ חנוך דערוווסט זיך, אַז יוספקע האָט ביי דער לעמגין אַפילו די תפילין פאַרזעצט, רופט ער אויס: „גאָ איך וויל פון נו אַן (פון איצט אָן) בלי נדר קיינע זעלכע מענשן נישט מער גלייבן, זי זין לויטער רמאים! דאָ מיר די גיימאַדישע נאָך טויזנט מאָל ליבער, די וויזן דאָך לכל הפחות וואָס זי טאָן, און זענען גונב דעת המקום ודעת הבריות!״.

מאַרקוס ווערט דער חתן פון יעטכען.

אין דער פּיעסע זיינען פאַראַן פּרעכטיקע סצענעס, און פיין געשניצטע געשטאַלטן. די געשטאַלט פון יוספקען איז אַרויסגעבראַכט שיין און קינסטלעריש דיסקרעט. בלויז ביים סוף איז דער דעמאַסקירונגס־מיטל שוין אַ ביסל צו טענדענציעז. יעדנפאַלס איז דער ציל אַראָפּצורייסן דעם שלייער פון די צבועקעס דערגרייכט געוואָרן און עס ווערן אויך טרעפלעך אויסגעהוזקט די עלטערן, וואָס באַגנוגנען זיך מיט אויבערפלעכלעכער אויפקלערונג פון זייערע קינדער.

קאַפּיטל 5.

דער „קעניגסבערגער דאָקטאָר" משה מאַרקוזי

וואָלפזאָהנס פּאָטער איז געווען אַ דאָקטאָר, דאָס פּאָפּולער־וויסנשאַפט־לעך בוך אין יידיש, וואָס מיר וועלן איצט באַהאַנדלען האָט אָנגעשריבן אַ דאָקטאָר, וואָס האָט זיך באַזעצט אין וואָלין. זיין נאָמען איז געווען משה מאַרקוזי. דאָס באַווייזט, אַז שוין ביז דעם אויפקומען פון דער השכלה, זיינען געווען יידן מיט העכערער בילדונג. עס איז באַוווסט, אַז שוין אין 16־טן י. ה. האָבן יידישע קינדער באַזוכט קריסטלעכע שולן אין דייטשלאַנד. דער קאַטוילישער פּרימאַס האָט אויף דעם פּאַקט באַזונדערס אָנגעוויזן מיט גרויס אומצופרידנקייט אין יאָר 1542. עס זיינען אויך באַוווסט פאַקטן, אַז אין פראַנקפורט ביים מיין האָבן אין 1640 יאָר יידישע קינדער באַזוכט קריסט־לעכע גימנאַזיעס.

גליקל האַמעלן, וואָס איר'ע מעמוּאַרן נעמען ארום די צייט פון 1645—1715, דערציילט וועגן רייכע האַמבורגער יידן, וואָס פלעגן געבן זייערע קינדער אַ וועלטלעכע בילדונג. הערש קיידאַנאָווער אין שוין דערמאָנטן רעאַקציאָנערן „קב הישר" (געשריבן אין 1690) באַקלאָגט זיך, אַז ס'איז פאַרשפרייט ביי די יידן דאָס בייז פון לערנען די קינדער פראַנצויזיש און אַנדערע שפּראַכן. דאָס לערנען תורה — שטעלט קיידאַנאָווער פעסט מיט פאַרביטערונג — איז אָפּגערוקט געוואָרן אויפן צווייטן פּלאַן.

פאַרשטייט זיך, אַז די פאַראַלגעמיינערונג פון קיידאַנאָווערן איז אַ גוזמא. דאָס איז נוגע געווען קינדער פון פאַרמעגלעכע און האַנדלס־לייט, וואָס זיינען געשטאַנען אין געשעפטלעכע באַציאונגען מיט אויסלאַנד. זיי

איז די בילדונג נויטיק געווען צוליב דעם געשעפט. בלויז באַזונדערס באַגאַבטע יחידים פון צווישן דער פאָלקס־מאַסע האָבן אין יענער צייט דעראָבערט וועלטלעכע בילדונג. איבעריקנס איז אין 16־טן י. ה. די בילדונג בכלל געווען אַ מאָנאָפּאָל־אַרטיקל פון די הערשנדיקע פעאָדאַלע שיכטן און פון האַנדלס־קאַפּיטאַל.

דעם פאַקט איז וויכטיק אָפּצומערקן, כדי צו באַגרייפן, אַז בישט מיט דער השכלה הייבט זיך אָן די וועלטלעכע עדוקאַציע פון דער יידישער יוגנט. די השכלה האָט בלויז טעאָרעטיש באַגרינדעט די נויטיקייט צו שאַפן שולן פון אַ וועלטלעכן טיפּ, אָנגעהויבן קעמפן מיט די כוחות, וואָס האָבן געפלעגט די מיטלאַלטערלעכע טראַדיציאָנעלע דערציונג. די השכלה האָט די ערשטע אָנגעהויבן צו גרינדן שולן פאַר די יידישע קינדער, ווו מען האָט אויך געלערנט נאַטור, שפּראַכן, לימודים, וואָס דערמעגלעכן מיטצולעבן מיט דעם לעבן פון לאַנד. אין דעם איז באַשטאַנען איר פּראָגרעסיווער ווערט.

וועגן משה מאַרקוזי „דעם קעניגסבערגער דאָקטאָר", ווי מען האָט אים גערופן, איז בלויז באַוווסט אַזוי פיל וויפל ער דערציילט אין זיין מע־

דער יידישער רופא יששכר בער בן יהודה טעלער, מחבר פון אַ פאָלקס־מעדיציניש ביכל „באר מים חיים", (פּראָג, פאַר 1687)

דיציניש-פּראָפילאַקטיש בוך א. ק. „ספר רפואות הנקרא עוזר ישראל", וואָס איז דערשינען אין 1790 יאָר.

מאַרקוזי האָט געשטאַמט פון פּרייסן (געבוירן געוואָרן אין די פערציקער יאָרן פון 18־טן י. ה.). זיין פאָטער, אַ ייד אַ למדן, האָט אים געגעבן אַ רעליגיעזע דערציאונג. מעדיצין האָט מאַרקוזי שטודירט אין קעניגסבערגער אוניווערזיטעט. אַ צייט לאַנג געוואַנדערט איבער איירָאָפּע. ער האָט באַזוכט האָלאַנד, ענגלאַנד „ושאר ארצות במדינת הים". אין יאָר 1773 געקומען קיין פּוילן. די ערשטע צייט פאַרבראַכט אין קאָפּושט, פיר מייל אונטער שקלאָוו, נאָכהער אַ שטיקל צייט געלעבט אין גרויס־פּוילן, און איז די 80־ער יאָרן זיך באַזעצט אין דער שטאָט טריסק (וואָלין). אַלס גוטער דאָקטאָר האָט ער אַ שטיק צייט פאַרנומען אַ מלוכה־שטעלע (געווען „סקאַרבקאָראָני דאָקטאָר"), געווען באַפריינדעט מיטן גראַף מיכאל באַבראָווסקי. ער איז אויך געווען שטאַרק פּאָפּולער ביי דער יידישער באַפעלקערונג. „איך ווייס — שרייבט מאַרקוזי — וואָ מיין ספר וועט קומען וועלין זיי שוין וויסן דאָס איך, ברוך השם, האָב פולע אַלפים מענטשן געהאָלפן; מיין נאָמען מאַרקוזי, דער קעניגסבערגער דאָקטאָר איז באַקאַנט און זיי וועלין מיך געוויס מיט גאָט הילף פאָלגין".

נאָך אויף דער אוניווערזיטעט־באַנק האָט ער געטרוימט וועגן אַרויסגעבן אַ בוך, וואָס זאָל דינען די מאַסן, וואָס זאָל פאַרהיטן דאָס פאָלק פון פּריצייטיקן טויט. מען דאַרף זיך משער זיין, אַז דאָס באַזעצן זיך פון דעם באַוווסטן דאָקטאָר דווקא אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליין שטעטל איז אַרויסגעפלאָסן פון דעם באַגער צו זיין נאָענט צו דעם פּראָסטן אָרעמען פאָלק, צו וועלכן ער ווענדט זיך טאַקע אָפט מיט זייער פיל האַרץ און ליבע.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז איינע פון די סיבות, צוליב וועלכע די גאַליצישע און רוסישע משכילים האָבן אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט דער יידישער שפּראַך, איז געווען דער פאַרלאַנג צוצוקומען צו די סאַמע געדיכטעניש פון פאָלק, וואָס האָט גערעדט און זיך אויסגעלעבט אין יידיש. די אינטענץ איז דאָ געווען נישט קיין יידישיסטישע, ווי אייניקע יידישיסטן ווילן האָבן, נאָר זי איז דיקטירט געוואָרן פון דער וואַרעמער באַציאונג צו די פאָלקס־מאַסן, פון דעם ווילן זיי קומען צו הילף. און דעריבער האָט דאָקטאָר מאַרקוזי באַשלאָסן זיך „קאַליע מאַכן" די שפּראַך, ספּעציעל אויסלערנען דעם „יידעש־טייטש" פון די וואָלינער פאָלקס־מאַסן און אָנשרייבן אויף איר אַ פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעך בוך, וואָס זאָל פאַרטרייבן פון פאַרפינצטערטן יידישן שטעטל די פאַרשידענע „עין־הרע־אָפּשפּרעכערינס,

בעל־דרשנים, וואַקס־גיסערס, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל פון דאָקטוירים״, טאָטערס און אַנדערע.

מאַרקוזי האָט נאָך געוויסנביסן צוליב זיין שרייבן אין דער פאָלקס־שפּראַך און ער פּרוווט זיך פאַרענטפערן. מיר ווילן דאָ ציטירן אַ גרעסערע שטעל:

„ווי בלייבט אָבער מיט זייער פראַגע, וואָס גאַנצע חברות וועלן פרעגן: פאַרוואָס האָב איך מיין ספר געשריבן אויף פּויליש־טייטש און נישט אויף לשון־קודש: איך ווייס עס וועלן זיך ווייניק געפינען: וואָס מיר פאַרענטפערן וועלן קענען. בין איך געניייגט אַליין מיר צו פאַרענטפערן: איך זאָג איך האָב געמוזט שרייבן אויף טייטש: וואָרים איך וויל מיט מיין ספר מציל זיין כמה אלפים מענטשן: אַלע יאָר פון זעלכע בעלי חסרונות: למשל פון אַלטע ווייבער: פון שלעכטע באָבעס: פון עין־הרע־אָפּשפּרעכערינס: פון בייזע איבערגאַנג: פאַר גוטע לופט: פאַר שלעכטע איינגעטרעטענע זאַכן: פון בעלי שמות עמי הארצים: און פאַר גרויסע רשעים: פון וואַקס־גיסערס: פון טרע־פערס וואָס טרעפן אַלע קראַנקהייטן: פון שלעכטע בעלי דרשנים וואָס פירן סגולות צו פאַרקויפן: פאַר איין גוטער וויעטשערע: פאַר איינע קליינע נדבה וועגן: און פאַר די דאָקטאָרלעך: וואָס זיך אַליין: אָדער אַלטע נאַרישע ווייבער האָבן זיי געמאַכט פאַר דאָקטערס: זאָגט מיר ליבער עולם די אַלע קע־נען זיי לשון קודש: געוויס ניט: אַפילו פּויליש־טייטש קענען זיי אויך ניט: זאָל זיך איינער וועלן אָנזעען אין אַ שפּיגל: ווערט ער דעם שפּיגל איבערדעקן: ווי וועט ער קענען זיך שפּיגלען: ער וועט זיך געוויס ניט קענען זעען: און מיין כוונה איז: די אַלע נאַרן זאָלן זיך אין מיין ספר אַריינזעען: און זאָלן זען וואָס פאַר איין פנים זיי האָבן״ (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — ש. ל.) ווי קען איך שרייבן אויף לשון קודש: זיי העטין (וואָלטן) דאָך ניט געקענט אַריינזען: און פאַר אונדזערע לומדים דאַרף איך קיין תירוץ ניט: מי לנו גדול ממשה בר׳ מיימון ז״ל רוב ספריו בחכמת הפילוסופי׳ ובחכמת הטבע כולם בלשון ערבי נכתבים כדי שיבינו ויכירו וידעו כל בני דורו: גם הגאון רבני בחיי׳ ז״ל שחיבר ספר חובות הלבבות ושאר ספריו גם כן בלשון ערב כתבם: גם אני דרכתי בעקבותם: מאַרקוזי אסיי׳ החונה פה טורסק״.

אין מאַרקוזיס „ספר רפואות״ האָבן מיר אַ באַדייטנדיקן דאָקומענט וועגן דעם צושטאַנד און כמעט שוין אויספאַרמירונג פון דער יידישער שפּראַך אַ דאַנק איר פולן אָפּרייסן זיך פון דייטשן מקור און אַריינזאַפּן אין זיך אַ צאָל סלאַוויזמען. נישט געקוקט דערויף, וואָלט דאָס בוך נישט געהאַט פאַר אונדז אַזאַ באַדייט, ווען עס זאָל נישט זיין אָנגעפּיקעוועט מיט שטייגער־

עלעמענטן און נישט אַרויסרוקן אַ גאַנצע ריי געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע מאָמענטן.

מאַרקוזיס בוך „ספר רפואות" קומט אויף אין דער צייט, ווען אין דער פּוילישער פּובליציסטיק זיינען אָנטשטאַנען ווערק וועגן געזונטמאַכן דאָס פּוילישע מלוכה־לעבן, וואָס האָט זיך מיט אַ האַסטיקן טעמפּאָ דערקייקלט צום אָפּגרונט צוליב דער פּאַרקויפּטקייט, אייגננוצערישקייט פון די פּריצים און דער שליאַכטע. דער קריזיס אין פּוילישן לעבן האָט נישט געקענט אַדורכגיין אומבאַמערקט און שפּורלאָז אינעם יידישן לעבן. דער „ספר רפואות" איז געשריבן געוואָרן מער ווייניקער אין די יאָרן 1772—1783, ס'הייסט אין דער צייט פון צעטיילונג פון דער פּוילישער רעפּובליק צווישן רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך.

די פּאַטריאָטישע עלעמענטן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט הויבן אָן זוכן וועגן און מיטלען ווי צו ראַטעווען די מלוכה, די נאַציאָנאַלע זעלבּ־שטענדיקייט, און עס באַווייזן זיך פּראָיעקטן און פּאַרשלאָגן פון רעפאָרמען. די סאמע פּראָגרעסיווע פון זיי האָבן געפאָדערט די גלייכבארעכטיקונג פון די שטעט, די באַפרייאונג פון די פּויערים פון פּאַנשטשיזנע (לייבאייגנטום) און צו רעגולירן די יידן־פּראַגע.

ווי עס איז באַוווסט פון דער געשיכטע, איז דער „וועד ארבע ארצות" ליקווידירט געוואָרן אין 1764 צוליב דער גרויסער אומצופרידנקייט דער־מיט, וואָס אָט־די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמישע אינסטיטוציע, האָט, פּונקט ווי די פּוילישע פּריצים און גייסטלעכע, אויף אַ נידערטרעכטיקן אופן עקספּלאָ־אַטירט די פּאָלקס־מאַסן און אַרויפגעלייגט אויף זייערע פּלייצעס די שטייער־ערן־לאַסט. נישט זעלטן זיינען אויפגעשוווּמען סקאַנדאַלן צוליב דעם פּשוטן צעגנבענען די געלטער, וואָס זיינען אַרויסגעפּרעסט געוואָרן ביי דעם יידישן פאָלקס־מענטש פאַר דער מלוכה און קהילה.

דאָס צעפאַלן פון „וועד אַרבע ארצות" האָט אָבער די סאָציאַלע סטרוק־טור פון דער יידישער באַפעלקערונג נישט געענדערט. זי איז אויך אויף ווייטער געבליבן פולשטענדיק אָפּגעזונדערט פון דעם אַרומיקן פּאָליטישן לעבן אין לאַנד, הגם מיט דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד איז דער מיליאָן יידן געווען ענג־צונויפגעקניפּט. די פּוילישע סביבה האָט געוווּסט מיט וואָס יידן באַשעפטיקן זיך, פון וואָס זיי ציען אין משך פון דורות זייער חיונה. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט די מינדסטע פּאָרשטעלונג וועגן אי־נערלעכן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט שוין לאַנגע

יאָרהונדערטער געלעבט אין פּוילן. פֿאַר דער פּוילישער שליאַכטע איז דער ייד געווען אַ מיטגליד פֿון עפּעס אַן אָפּגעשטאַנענעם שבט, וואָס האָט פֿליכטן פֿאַר דער מלוכה, מוז דעקן אַ באַשטימטן סכום שטייערן. אָבער די שווערע לאַגע פֿון דער יידישער מאַסע, וועלכע איז געווען רואינירט פֿון די קאָזאַקישע פּאָגראָמען, האָט געמוזט סוף־כּל־סוף צוציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון סקאַרב און פֿון די די דעמאָלטיקע מלוכה־פֿירער. אויסער דעם, האָט אויך די פֿראַנקיסטישע באַוועגונג אין יענער צייט צום ערשטן מאָל געלענקט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער פּוילישער געזעלשאַפֿט אויף די אידעאָלאָגישע שטרייטן אין דער יידישער סביבה, באַוויזן, אַז די יידן זוכן אויף זייערע אופֿנים אַן אויסוועג און דערלייזונג... דעריבער ווען עס איז אַנטשטאַנען די „קאָמיסיאַ עדוקאַציינאַ", וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו דערציען אַלע איינוווינער פֿון לאַנד פֿאַר נוצלעכע בירגער, ווען עס האָט זיך פֿאַר דעם פֿיר־יאָריקן סיים געשטעלט די פֿראַגע פֿון רעפֿאָרמען, האָט אויך די יידן־פֿראַגע פֿיגורירט ווי איינע פֿון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען.

אין באַצוג צו דער יידן־פֿראַגע זיינען דאַן אויפֿגעקומען צוויי גרונט־אויסיק קעגנזעצלעכע שטעלונגען: דער פּראָיעקט פֿון עקסקאַנצלער זאַמאָיסקי, וואָס איז — ווי עס שטעלט פֿעסט דער באַרימטער היסטאָריקער סמאָלענסקי — מער אויסן געווען פּטור צו ווערן פֿון די יידן אײדער צו „פֿאַרשמעלצן זיי ביגוואַלד מיטן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם פֿון פּוילישן פֿאָלק", און דער סיים־פּראָיעקט פֿון בוטרימאָוויטש און טשאַצקי, וואָס האָט שוין געטראָגן אַ מער ליבעראַלן כאַראַקטער און איז געווען באַהויכט מיט די אויפֿקלערערישע אידעען פֿון די ענציקלאָפּעדיסטן און פֿון דער בורזשואַזיע ערב דער רעוואָלוציע פֿון 1789 יאָר. אין דעם פּראָיעקט ווערט שוין גערעדט וועגן דערלויבן די יידן זיך צו פֿאַרנעמען מיט ערלעכן האַנדל, מלאכות, און ערד־אַרבעט, וועגן פֿאַרווערן די יידן צו פֿאַרנעמען זיך מיט שענקעריי, קרעטשמעס, און עס קומט צום אויסדרוק דער פֿאַרלאַנג פֿון צונויפֿשמעלצן די יידן מיט דעם פּוילישן פֿאָלק דורך אויפֿצווינגען זיי צו דערלערנען די פּוילישע שפּראַך און אָפּשאַפֿן דעם זשאַרגאָן".

וועגן דעם, אַז יידן, וואָס פֿאַרמאָגן נישט קיין טויזנט זלאָטעס מזומנים, טאָרן קיין סוחרים נישט זיין, אָדער, אַז די אַלע, וואָס זיינען נישט קיין בעלי־מלאכות, אַרענדאַרן צי ערדאַרבעטער, דאַרפֿן אַרויסגעשיקט ווערן אין משך פֿון אַ יאָר צייט, אָדער וועגן שאַפֿן געטאָס אין די שטעט, ווי אין פּראָיעקט פֿון זאַמאָיסקין — איז אין דעם פּראָיעקט פֿון טשאַצקי נישט פֿאַראַן קיין זכר.

דאָס אַלץ האָט, פאַרשטענדלעך, נישט געקענט פאַרבייגיין אומבאַמערקט פאַר דעם קעניגסבערגער דאָקטאָר משה מאַרקוזי. מאַרקוזי, וואָס איז געשטאַנען אין באַציאונגען מיטן „סקאַרב קאַראַני״, וועמען דער פריץ באַבראַווסקי האָט מיטגעהאָלפן פינאַנסיעל ביים אַרויסגעבן זיין „ספר רפואות״, איז, פאַרשטענדלעך, געווען גוט באַהאַוונט אין די שטימונגען און ריכטונגען פון דער פוילישער הערשנדיקער סביבה בנוגע דער יידן־פראַגע.

אין מאַרקוזיס בוך איז טאַקע אָנצוטרעפן אַ גאַנצע ריי עצות און אָנווייזונגען, וואָס פאַלן צונויף מיט די ליבעראַלע רעפאָרם־פּראָיעקטן פון יענער צייט און וואָס אַנטשפּרעכן פולשטענדיק די אידעאַלן פון דעם מער דעמאָקראַטישן פליגל פון דער השכלה. אַ גאַנצע ריי טעמען, וועלכע עס האָבן שפּעטער באַרירט מענדל לעפין, אַקסענפעלד און אַנדערע, ווערן שוין אין דעם מעדיציניש בוך גאַנץ זאַכלעך באַהאַנדלט.

אין משה מאַרקוזיס בוך איז אָנצוטרעפן אָפטע דיגרעסיעס, וואָס זייער ציל איז פון „פּראָפילאַקטישן״ שטאַנדפּונקט געזונט צו מאַכן נישט נאָר די היגיעניש־סאַניטאַרע באַדינגונגען, נאָר טאַקע אויך ריין עקאָנאָמישע, — געזונטמאַכן דאָס יידישע לעבן. מאַרקוזי רעדט וועגן דעם, אַז עס קען נאָך קומען דערצו מען זאָל גאָר אָנהייבן „אַרויסטרייבן״ און גיט אויף אַזאַ אופן אַן אָנצוהערעניש אויף זאַמאָיסקיס פּראָיעקט. ער ראָט דעריבער ביי יעטוועדער געלעגנהייט זיך צו פאַרנעמען מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט.

מיר וולן ציטירן אַ גרעסערע שטעל פון קאַפּיטל, וו ער רעדט „וועגן ליידיגגייערס״:

...„איך מיין, אין איטלעכער שטאָט אָדער שטעטל, זיינען פאַראַן, בעה״ר, פיל ליידיקגייערס, לויטער שלום־עליכם־געבערס, פיל אביונים, נאָך מער עניים. וואָרים היינטיקע צייטן האָבן אָפּגענומען, בעה״ר, אַלע שררות די יידישע פרנסות, — זיינען געוואָרן פון עשירים אביונים און פון אביונים גאָר עניים, און פון די אַלטע עניים גאָר גנבים און גזלנים בעה״ר. און דער סוף וועט ח״ו זיין, מען וועט אָדער פון אונדזער מדינה אויך מאַכן זעלנער, אָדער, נאָך ערגער, מען וועט אָנפאַנגען גאָר אַרויסטרייבן. דערנאָך ליבע ברידער, וועט צו שפּעט זיי עצות צו האַלטן. ועפ״כ זייט איך מישב בכל עיר ועיר: פילייכט קאָנט איר נאָך אַלץ פאַרריכטן. למשל אין איין שטאָט וועלן זיך פינדן (געפינען) צוואַנציק אָרימעלייט געזונטע, שטאַרקע, — איך רעד פון קיין קאַליקעס ניט (אפשר וועלן קאַליקעס אויך ניט נייטיק האָבן מקבל צדקה צו זיין) צען אָרימעלייט — מאַכט, דאָס זיי זאָלן האָבן פערד, אָקסן, האָבן זיי נאָך צו פאַרקויפן אָדער צו פאַרזעצן — זאָלן זיי בפקודת

הקהל זיך איינשאַפן. די ניט האָבן זאָל מען לייען. זיי זאָלן האָלץ ברענגען אין שטאָט צו פאַרקויפן. אַנדערע שטאַרקע, זאָלן האָלץ האַקן, וואַסער ברענגען. פילע מענטשן זאָלן ניט ליידיקגיין — לאָזן זיי אַרבעטן, למשל: מלאָצעו, בראָנעווען, אַקערן".

ד"ר מאַרקוזי פרעגט דאָרטן: „וואָרום זאָלן ניט, הן אנשים והן נשים, אַרבעטן? ווי שעמען מיר זיך ניט פאַר אומות אחרים„ דאָס ביי אונדז זאָל זאַ פיל עניים, גנבים און גזלנים זיין בעה"רז?".

מאַרקוזי ווייזט אָן אויף דעם מיסט, וואָס ליגט פאַר די הייזער און ראָט די פלעצער פאַרוואַנדלען אין גערטנדלעך און זייען „ציבעלעס, בוראַקעס, רעטעך, פּיעטרישקע" און מען וועט אַזוי אַרום „צוויי מאָל רווחים האָבן": אי מען וועט האָבן „שיינע, ריינע לופט וואָס זייער געזונט איז" און מען וועט ניט באַדאַרפן „דעם פּויער רייך מאַכן".

מאַרקוזי פאַרגעסט אויך ניט אין זאַמאָיסקיס פּראָיעקט און דער עיקר אין טשאַצקיס, ווען ער רעדט וועגן „די ביין און ניינציק קרעטשמעס, וואָס פּוסטע שטייען אין איטלעכן שטעטל" און לייגט פאָר אויף זייער אָרט פלאַנצן אַ גאָרטן. דאָן וועט ער ניט דאַרפן צאָלן דעם „סכום פּודגלאָוונע" — און וועט אין משך פון איין יאָר פאַרדינען מער ווי די קרעטשמע זאָל שטיין צען יאָר. ער טרעט אַרויס גלייכצייטיק זייער שאַרף קעגן די פּריאָיקע חתונות (אַ טעמע, וואָס וועט אין דעם משכילישן שאַפן פון רוסלאַנד און פּוילן פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט).

אין דעם קאַפּיטל „די הנהגה פאַר קינדער" גיט ער אמת־פּראָגרעסיווע אָנווייזונגען וועגן די אופנים פון נאָרמאַלער קינדער־דערציאונג. דער אַלטער דאָקטאָר רעכנט זיך אָפּ מיט די ווייבער פאַרוואָס זיי לאָדן איבער דעם שוואַכן מאָגן פון זייערע קינדער, שטאָפּן אין די עופהלעך פאַרשידענע שווערע שפּייזן. און צו די טאַטעס זאָגט ער:

„אויך מיר, מאַנסלייט, טאַטעס, האָבן אויך אייגע שייגע געוווינהייט מיט אונדזערע ליבע בחורימלעך: ווען זיי פיר יאָר אַלט ווערן, שיקט מען זיי שוין אין דער תפיסה אַריין (אונטערגעשטראָכן — ש. ל.) צום דרדיקן מלמד. ער מוז איין גאַנצן טאָג איבער דעם אַלף בית תפוס זיצן". ד"ר מאַרקוזי דערציילט, ווי אַזוי דאָס קינד ווערט פאַרטאָג אַראָפּגעשלעפּט פון בעט און ווערט פאַרבלייכט, אויסגעדאַרט, זיצנדיק דאָס ערשטע יאָר אין דער תפיסה פון דרדקין מלמד און אין די ווייטערדיקע יאָרן איבער דער גמרא. פון אַזאַ דערציאונג באַקומען די קינדער בלאַסע, געלע פּנימער פון קרענק־

לעבע מענטשן. וויסן פאַרמאָגן זיי גאָר קנאַפּ, זיי פאַרמאָגן אָבער אַן אויס־געאיידלט דאַר פּנים, און דאָס איז געַנוג.

און מאַרקוזי פרעגט: „וואָלט ניט ליבער מאַנכער פאָטער געלאָזט זײַן קינד שלאָפן לענגער, און שפּעטער איין למדן צו ווערן. וויניקסטן, — וואָלט ער קיין למדן געוואָרן, — בין איך זיי גוט דערפאַר, דאָס זיי שטאַרקע מענטשן וואָלטן זײַן, און ערלעכערהייט געקאָנט ווייב און קינדער מחי' זײַן".

אויף אַזאַ אופן פאַרשפּרייט דער קלוגער משכיל זײַנע אויפקלערערי־שע אידעאַלן. מאַרקוזי האָט נישט נאָר בלויז גוט דערלערנט די שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, נאָר אויך דעם נוסח פון יידישן, פאָלקסטימ־לעכן אַרט רעדן. אין זײַן מעדיציניש־פּראָפילאַקטיש בוך זײַנען פאַראַן אויסגעצייכנטע ערטער פון יידישן דערציילן־אופן, וועלכע טראָגן דעם כאַ־ראַקטער פון אַ געמיטלעכן שמועס. ווען ער רעדט אָבער וועגן יידישער נויט איז ער פול מיט אויפרעגונג און מיטגעפיל און שמייסט בייסיק די אַלע, וואָס פּרווון די פינצטערקייט פון די פאָלקס־מאַסן אויסנוצן פאַר זייערע באַטריגערישע צילן.

אין זײַן בוך ווייזט זיך מאַרקוזי אַרויס אַלס אמתער הומאַניסט, וואָס זײַן ציל איז צו קומען צוהילף מיט ראַט און טאַט דער יידישער פאָלקס־מאַסע, דערביי איז דאָס דאָזיקע פאָלקסטימלעך געשריבענע בוך אַ באַדייטנ־דיקער דאָקומענט פון דעם אויספאָרמירטן יידישן לשון אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן י. ה. אַ דאָקומענט, וואָס גיט אַ שלל עטנאָגראַפישן און קולטור־היסטאָרישן שטאָף.

קאַפּיטל 6.

מענדל לעפין (1749 —1823)

צווישן די פירער פון דער השכלה־באַוועגונג אין פוילן און רוסלאַנד פאַרנעמט איינע פון די חשובסטע ערטער אַלס פּיאָנער און שענסטער פאָר־שטייער פון דור משכּילים מענדל לעפין. לעפין איז דער ערשטער, וואָס האָט באַמערקט די דראָענדיקע געפאַר, וואָס עס טראָגט מיט זיך די פינצ־טערע כּמאַרע פון חסידיזם פאַרן אויפקלערערישן וואָרט. דער ערשטער, וואָס האָט געוואַגט, נישט געקוקט אויף דעם „רבינס", מענדעלסאָנס, קעג־נערשאַפט צום „פאַרדאָרבענעם לשון", צו שרייבן זיינע פּרעכטיקע, זאַפטיקע איבערזעצונגען פון די תנ"ך־טעקסטן אין יידיש.

געבוירן געוואָרן איז מענדל לעפין אין קליינעם פּאָדאָליער שטעטל סאַטאַנאָוו, דערפאַר האָט מען אים גערופן סאַטאַנאָווער, צוליב זיין פאַר־ברענגען אַ לענגערע צייט אין מיקאָלאַיעוו, האָט מען אים אויך גערופן מענדל מיקאָלאַיעווער.

מענדל לעפין איז, ווי ס'איז געווען דער שטייגער אין יענע צייטן, דער־צויגן געוואָרן אין טראַדיציאָנעלן, רעליגיעזן גייסט און האָט שוין אין די גאָר יונגע יאָרן זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע גרויסע קענטענישן פון תלמוד און פּוסקים. זייער פיל האָבן אין אָט דעם עלוי געזעען אַ קומענדיקן גאון הדור. צופעליק איז אין מענדל לעפינס הענט אַריינגעפאַלן דאָס בוך „אילם", וואָס ס'האָט אָנגעשריבן גאַלילעאָ גאַליליס שילער יוסף דעלמעדיגאָ. און אָט דאָס מאַטעמאַטיש־פילאָזאָפישע בוך האָט דערוועקט ביי לעפינען דעם חשק שטודירן וועלטלעכע וויסנשאַפט. ער הויבט אָן מיט פלייס שטודירן

דעם רמב״מס „מורה נבוכים“ און פֿאַרשידענע וועלטלעכע ביכער. מיטן לייענען גאַנצע נעכט פֿירט ער איבער זיין ראיה. ער פֿאָרט דאַן קיין בערלין (1780) זיך היילן. דאָרטן באַקענט ער זיך מיט משה מענדעלסאָן און ווערט אַ שטענדיקער אַריינגייער אין זיין שטוב. ער באַקענט זיך דאָרט אויך מיט די אָנגעזעענע פֿאָרשטייער פֿון דער דייטשער ליטעראַטור (מיט לעסינגן, ענגעלן, ריימארוסן, טעלערן) און מיט דעם יידיש־דייטשן פֿילאָזאָף שלמה מיימון. מיט דער הילף פֿון די בערלינער משכילים דערלערנט ער גרינטלעך די דייטשע און פֿראַנצויזישע שפּראַך. אַ דאַנק דער קענטעניש פֿון די דאָזיקע שפּראַכן שטודירט לעפֿין די לעצטע דערגרייכונגען אויפֿן געביט פֿון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור און וויסנשאַפֿט. אין 1784 יאָר פֿאַרלאָזט מענדל לעפֿין בערלין, און ווי אַ סך אַנדערע משכילים, פֿירט ער לאַנגע יאָרן אַ נע־ונד לעבן. אַ לענגערע צייט פֿאַרברענגט ער אין שטעטעלע מיקאָלאַיעוו, וואָס האָט געהערט צום פֿירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי. ווי ס׳גיט איבער אין זיינע זכרונות גאָטלאָבער, איז לעפֿינס באַקאַנטשאַפֿט און פֿריינטשאַפֿט מיט דעם באַוווסטן פֿירשט פֿאָרגעקומען אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן: דער פֿירשט טשאַרטאָריסקי, וואָס האָט געוווינט אין מעזשיבאָזש, פֿלעגט אָפֿט אַראָפּקומען באַזוכן זיינע גיטער און צווישן זיי אויך מיקאָלאַיעוו. איינמאָל איז טשאַרטאָריסקי אַריינגעקומען אין אַ געפֿעס־קראָם, וואָס האָט געהערט צו לעפֿינס ווייב, — דער פּרנסה־געבערין, און האָט אויפֿן טיש באַמערקט אַ דיק דייטש בוך, — וואָלפֿס „מאַטעמאַטיק“. ווען מען האָט אים דערקלערט, אַז דאָס בוך שטודירט דער קרעמעריגס מאַן, האָט ער אויסגעדריקט זיין ווונטש זיך מיט אים צו באַקענען. טשאַרטאָריסקי איז געפּלעפֿט געוואָרן פֿון דעם שכל אייראָפּעיש וויסן, וואָס דער קליינשטעטלדיקער קרעמער לעפֿין האָט פֿאַרמאָגט, נאָך גרעסער איז געווען זיין פֿאַרוווּנדערונג, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער האָט צו טאָן מיט מענדעלסאָנס אַ פֿריינט און מיט אַ גרינטלעכן קענער פֿון קאַנטס פֿילאָזאָפֿיע. מענדל לעפֿין איז געוואָרן אַ שטענדיקער אַריינגייער צו טשאַרטאָריסקין. דער פֿירשט האָט אים מאַטעריעל אונטערשטיצט און אויך געהאָלפֿן אַרויסגעבן זיינע ווערק. לעפֿין פֿלעגט דעם פֿירשט באַקענען מיט דעם אַלעם, וואָס ער האָט דערלערנט אין בערלין און אויך שפּעטער זיך דערוווּסט דורך לעקטור. לעטעריס דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט געזען ביי נחמן קראָכמאַלן לעפֿינס אַ האַנטשריפֿטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן קאַנטס פֿילאָזאָפֿיע אין פֿראַנצויזיש, וואָס לעפֿין האָט ספּעציעל געשריבן פֿאַרן פֿירשט. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן איז אויך די פֿראַנצויזישע בראָשור אין צוזאַמענהאַנג מיטן

„פּיריאָריקן סיים”, אויף וועלכן עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די יידן־פּראַגע, געשריבן געוואָרן לויטן אויפטראַג פון פּירשט טשאַרטאָריסקי. דער פּראָ־יעקט איז קודם־כל אויסן די רעפאָרם פון יידישן קולטורעלן לעבן. ער ווייזט דאָרטן אָן, אַז מיימוני (רמב״ם) איז געווען דער גרעסטער לערער און פירער פון יידישן פאָלק, אָבער דער מיסטיציזם האָט פאַרווילדעוועט דאָס פאָלק און עס אָפּגעפירט פון גלייכן וועג. אין דער צייט, ווייזט לעפין אָן, ווען מענדעלסאָן און זיינע תלמידים אין בערלין רופן דאָס פאָלק זיך אומצוקערן צו די ריינע קוואַלן פון מיימוניס ראַציאָנאַליסטישער לערע, האָט זיך ביי דעם פּויליש־יידישן קיבוץ געשטאַרקט אַ נייע מיסטישע באַוועגונג, וואָס איז פיינטלעך געשטימט צו בילדונג און אויפקלערונג, — דער חסידיזם. דער ראַדיקאַלסטער מיטל וועט דעריבער זיין די רעפאָרם פון יידישן דערציאונגס־וועזן. ער האָט פאַרגעלייגט צו גרינדן נאָרמאַל־שולן און איז געווען דערפאַר, אַז די לימודים זאָלן געפירט ווערן אין דער פּוילישער און נישט דווקא אין דער דייטשער שפּראַך.

מענדל לעפין איז געווען דער פאַרבינד־רינג צווישן די ערשטע אָנזאָגער פון דער השכלה־באַוועגונג אין גאַליציע און ליטע. אין זיינע עלטערע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין בראָד, זייענדיק אין דער זעלבער צייט פאַרבונדן מיט שקלאָוו.

אין סוף פון 18־טן י. ה. האָט שקלאָוו אין ווייסרוסלאַנד געשפּילט נישט קיין קלענערע ראָל ווי בראָד אין גאַליציע. אין שקלאָוו פלעגן פאָרקומען גרויסע יאַרידן, און די שקלאָווער יידישע סוחרים האָבן געפירט אַ פאַרצווייגטן האַנדל. דער אַקאַדעמיקער וואַסילי סעווערין, וואָס האָט אין יענער צייט באַזוכט שקלאָוו, האָט אין זיינע מעמואַרן דערציילט, אַז „די שקלאָווער באַפעלקערונג באַשטייט הויפּטזעכלעך פון יידן, און זייער צאָל דערגרייכט 1.200 נפשות. זייער באַשעפטיקונג באַשטייט הויפּטזעכלעך פון מסחר; זיי האַנדלען מיט זיידנשטאָפן, שפּיצן, לייוונט און פאַרשידענע גאַלאַנטעריי־זאַכן”. די שקלאָווער יידן זיינען געשטאַנען אין געשעפטלעכע באַציאונגען מיט פיל אייראָפּעישע צענטערס און זייער דירעקטער קאָנטאַקט מיט די בערלינער משכילים, האָט מיטגעווירקט דערצו, אַז די שטאָט זאָל אויסוואַקסן צו אַ קולטור־צענטער. די שקלאָווער סוחרים זיינען געשטאַנען אין קאָנטאַקט נישט בלויז מיט אויסלאַנד, נאָר אויך זיך פאַרנומען מיט צושטעלעריי (פּאָדריאַדטשיקעס) ביי רוסישע שררות. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי זיי די באַדערפעניש צו דערלערנען די לאַנד־שפּראַך. פון שקלאָוו שטאַמען טאַקע די ערשטע קענער פון דער רוסישער שפּראַך.

אַ גרויסע ראָל אין קולטור־לעבן פון שקלאָוו האָט געשפּילט דער גרוי־סער גביר און קולטור־מעצענאַס ישוע צייטלין. צייטלין, דער הורט־פּאָד־ריאַטשיק, וואָס האָט געהאַט אַ צוטריט צום פּירשט פּאָטיאָמקין, איז געווען דער הויפּט־ליפעראַנט פון פוראַזש און פּראָוויאַנט פאַר דעם רוסישן מילי־טער בעת דער רוסיש־טערקישער מלחמה. אַ דאַנק דעם פּאָדריאַד האָט צייטלין דערוואָרבן אַ גאַר גרויס פאַרמעגן און איז געוואָרן אייגער פון די רייכסטע יידן אין רוסלאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין זיין אייגן גוט אוסטיע, זיך איינגעשאַפן אַ פּרעכטיקע ביבליאָטעק, געשטיצט מענטשן, וואָס ווילן לערנען און אויף אַזאַ אופן איז אוסטיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַ פרייער אַקאַדעמיע", ווו יעדער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן אויף דעם געביט, וואָס האָט אים אינטערעסירט. אין די אַכציקער יאָרן פון 18־טן יאָר־הונדערט איז אויך אין שקלאָוו אַנטשטאַנען אַ דרוקעריי און דאָס האָט נאָך שטאַרקער באַגינסטיקט דעם וווקס פון שקלאָוו אַלס וויכטיקן קולטור־צענטער.

אָהער איז טאַקע געקומען מענדל לעפין שרייבן זיין „חשבון הנפש".

אָבער מענדל לעפין באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט שרייבן העברעישע ווערק. ער באַשליסט אויך אָפּצורייסן די פאָלקס־מאַסע פון דער פּילפּוליס־טישער ליטעראַטור און פון די חסידישע וווּנדער־מעשיות מיט דער הילף פון איבערזעצן דעם תנ"ך אויף דער שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן, — אויף יידיש. אָט די דעמאָקראַטישע איינשטעלונג פון לעפינען איז געקומען נישט בלויז צום אויסדרוק אין דעם פאַקט פון איבערזעצן אויף יידיש, נאָר אויך אין דעם אופן פון פאַרטייטשן דעם ביבלישן טעקסט. לעפין האָט איבער־זעצט משלי, קהלת, שיר השירים און תהלים.

דאָ איז וויכטיק עטוואָס זיך אָפּצושטעלן אויף דער כאַראַקטעריסטישער פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צווישן די משכילים גופא אין צוזאַ־מענהאַנג מיט דעם דערוועגן זיך אַרויסצוגעבן „משלי" אין יידיש.

ווען ס'איז אין 1812 יאָר דערשינען די משלי־איבערזעצונג, האָט דער באַוווּסטער קעמפער פאַר השכלה אין גאַליציע און וואָלין טוביה פעדער אָנגעשריבן אַ פּאַשקוויל אין העברעיש, ווו ער האָט באַוויזן ווי אַזוי משה מענדעלסאָן, וויזל, אייכל נעמען אויף אויף יענער וועלט מיט שטויבונג די אומגלויבלעכע ידיעה, אַז דער גרויסער געלערנטער משכיל מענדל לעפין האָט געוואָגט צו פאַרשוועכן די העברעישע שפּראַך. בכדי אים פולשטענ־דיק קאָמפּראָמיטירן, הייסט ער מענדעלסאָנען בעטן בן־זאבן אים איבער־צולייענען עטלעכע פּסוקים. עס ווערן איבערגעלייענט פאַר מענדעלסאָנען

עטלעכע פסוקים אויפן סמך פון וועלכע די פירער פון דער בערלינער השכלה (אין... הימל) באַפעלן די איבערזעצונג צו פאַרברענען און דאָס אַש צעשפּרייטן „איבער די בית־הכבודס"...

א) ברוב עם הדרת מלך ובאפס לאום מחתת רזון.

א) אַ סך פאָלק איז שיין פאַר אַ מלך, ווינציק פאָלק איז אַ שלימזל אויף דעם פּריצל.

ב) חכמות נשים בנתה ביתה ואולת בידיה תהרסנו.

ב) אַ קלוגע אשה בויט אַ הויז, אַ שלימעזאַלניצע ספּיסטאַשעט דאָס הויז.

ג) וגבון תחבולות יקנה.

ג) אַ קלוגער קויפט זיך ספּאַסאָבים.

און ווי האָט רעאַגירט דער דעמאָקראַטישער שטראָם אין דער השׂ־כלה? ווי גאָר עס איז באַוווּסט געוואָרן אין בראָד, אַז טוביה פעדער האָט געלאָזט דרוקן דעם פאַמפלעט קעגן לעפינען, זײַנען זיך צונויפגעקומען אַלע פריינט פון לעפינען און האָבן באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן דער פאַמפלעט זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן: דער באַרימטער און אָנגעזעענער טוער פון דער השכלה אין גאַליציע יעקב־שמואל ביק האָט צו פעדערן אָנגעשריבן אַ בריוו, וואָס האָט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג אַ באַשטימטן קולטור־אינטערעס. מיר וועלן אַרויסנעמען בלויז אייניקע כאַראַקטעריסטישע שטעלן פון אָט־דעם מערקווירדיקן בריוו:

י"ט טבת תקע"ה (1815), לר' טוביה פעדער.

„וועגן דעם, וואָס ער האָט איבערזעצט ספר משלי פאַרדריסט דיך, דו גלייכסט עס צום קוויטשען פון פייגל און צום קול פון בהמות און חיות. דערמאָן זיך נאָר, פרײַנד! ווי אַזוי האָבן גערעדט אונזערע טאַטעס און זיי־דעס, זייט 400 יאָר? יידיש האָבן גערעדט, געדענקט און געדרשנט די גאו־נים, דער ב"ה, דער רמ"א, דער סמ"ע, דער ש"ך ז"ל, אין דעם לשון האָט גערעדט דער ווילנער גאון ז"ל".

ווייטער ווייזט ביק אָן דערויף, אַז דער געלערנטער פאַבראַ גיט אָן יידיש אַלס אַ שפּראַך, וואָס שטאַמט אָפּ פון דייטש, אַז אין תוך גענומען זײַנען דאָך שוין פאַראַן איבערזעצונגען און ווערק אין דער יידישער שפּראַך פון די פריערדיקע צײַטן, וואָס שטייען פיל פיל נידעריקער פון סאַטאַנאַ־ווערס איבערזעצונג, ווייל עס איז בײַ זיי נישטאָ דאָס, „וואָס וועקט דאָס גע־פיל און מאַכט אַן אײַנדרוק אויף יעדן מענטש, וואָס האָט געשמאַק" און

פעדער פאַלט גאָר אַן אויף מענדל לעפינס איבערזעצונג, וואָס איז גע־שמאַקפול, הגם די שפּראַך איז נאָך ליטעראַריש רוי. דער געבילדעטער מענטש טאָר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער דאַרף דינען דעם פאָלק. לעפין האָט דעריבער, פונקט ווי אַנדערע חכמים ביי פאַרשידענע נאַציעס, גע־שריבן אין דער שפּראַך, וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַרן פאָלק. אַזוי דאַרף טאָן יעטוועדער, וואָס וויל דינען דעם „פּראָסטן נאַראָד", וואָס אַרבעט „שווער און ביטער", בכדי „אַנגרייטן פאַר די חכמים שפּייז און לעבנס־מיטל".

אינטערעסאַנט איז אויך די ריין פילאָלאָגישע אַרגומענטאַציע פון ביקן. ער ווייזט אָן, אַז אויך פראַנצויזיש און ענגליש זיינען אַ געמיש פון „דייטש, גאַליש, לאַטיין און גריכיש" און דאָך, אַ דאַנק דעם אָנשטרענג פון די בעסטע גייסטער אין משך פון 300 יאָר איז געלונגען פון זיי „אַ לייט מאַכן", און הגם זיי האָבן אין זיך נאָך דאָס געמישעכץ, פונדעסטוועגן נוצן זיי צו די ערהאַבנסטע געדיכטן און צו די בוצלעכסטע מליצות". פונקט אַזאַ זאַכלאַגע איז געווען מיט דייטש פון פאַר 100 יאָרן און מיט דער רוסישער שפּראַך פון צוריק מיט 80 יאָר, וואָס זיינען נאָך געווען רוי, אומגעשליפן, אַ „פּויע־רים־שפּראַך".

דער אויספיר פון בריוו איז קלאָר. פעדער איז נישט גערעכט און ער דאַרף נישט נאָר נישט פאַרעפנטלעכן דאָס „זידלעכץ", ווי ס'שרייבט ביק, נאָר שיקן צו לעפינען אַן אַנטשולדיקונגס־בריוו.

ווי עס איז צו זען פון ביקס אַרגומענטאַציע, ווערט שוין אין יענער צייט רייף דער געדאַנק וועגן דעם ווערט פון יידיש אַלס פאָלקס־שפּראַך. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז ביק האָט אין דעם בריוו פון 1815 יאָר נישט אויסגעדריקט בלויז זיין פּערזענלעכע מיינונג, דאַן איז קלאָר, סאַראַ גרויסע ראָל לעפינס איבערזעצונגען האָבן אין דער אַנטוויקלונג פון דער וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור.

וואָס פאַראַ צילן האָט זיך לעפין געשטעלט מיט די איבערזעצונגען? פון די ביכער, וואָס ער האָט איבערזעצט אין צו זען, אַז ער איז אויסן גע־ווען די פאַרוועלטלעכונג פון דער פאָלקס־מאַסע, אָפּרייסן זי פון די נישט־געשטויגענע וווּנדער און ניסים־מעשיות און אַנשטאָט זיי, איר געבן, אין אַ פאָלקסטימלעכן יידיש, איבערזעצונגען פון די קלוגע משלי־סענטענצן, שטימונגספולע, סקעפּטישע אַרויסזאָגונגען פון „קהלת" און דאָס וועלטלעכע לעבן־ און ליבע־פולע „שיר השירים", וואָס אָטעמט מיט פּאָעזיע און עקס־טאַטישקייט. לעפינס איבערזעצונגען זיינען געווען „אַן אַפּיקורסישער פּרווו צו „אַנטגעטלעכן" די געדיכטעניש פון דער רעליגיע" (מ. ווינער).

און נישט בלויז דאָס: מענדל לעפין דערלויבט זיך אפילו אַפּווייכן פון דעם ווערטלעך־פּינקטלעכן איבערזעצן. עס מערקט זיך ביי אים דער ווילן אויך „איינהאַלטלעך" צו „דעמאָקראַטיזירן" די ביבלישע ביכער. אַזוי, ווען ער רעדט וועגן די אַרבעטער, שטעלט ער אַריין דעם אויסדרוק „נעבעך". לעפין באַמיט זיך צו דערנענטערן די שפּראַך צום ריידנסאַרט פון דער פאָלקס־מאַסע דורך דעם אַריינפירן סלאַוויזמען, וועלכע דער פאַנאַטישער שונא פון יידיש האָט געהאַלטן פאַר אַ פאַרקריפּלען און אַנטווערטיקן די שיינע ביבלישע טעקסטן. אָביעקטיוו גענומען איז דאָס דווקא דער גרויסער פאַרדינסט פון לעפינען, און דער בעסטער באַווייז פאַר זיין געזונטן חוש. מיר וועלן ברענגען בלויז אַ פּאָר פּסוקים פון „קהלת" אַלס ביישפּיל, ווי אַזוי לעפין רעכנט זיך נישט מיט די אַנגענומענע קאַנאָנען ביים איבערזעצן דעם ביבלישן טעקסט און עס באַקומט זיך דער איינדרוק, ווי אַ סקעפּטיש־קלוגער פאָלקס־מענטש וואָלט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן.

„וואָרים אַמאָהל מאַכט זיך מיט אַ מענטש, וואָס האָריוועט מיט חכמה, מיט געניטקייט, און מיט ערינסטקייט — קומט דער נאָך, זאָל ער עס איין אַנדערן מענשין, וואָס האָט זיך גאָרנישט געמוטשעט דריבער, זיין פּראַציע אוועקגעבן. אָט דאָס איז אויך הבל און אַ גרויס צושפּריגעניש (קאַפּ. ב).

וואָרים וויא דער געהט עס דעם בידני מענשין מיט אַלע זיינע האָרי־וואַניע און מיט זיין קאָפּ דרעהעניש וויא ער האָריוועט אונטער דער זון (כב, קאַפּ ב).

„טאַ! אַוודאי ווער זאָל דען עסין און ווער זאָל דען געניסען אַז ניט איך (כה, קאַפּ ב).

„אויך דאָס האָב איך צו גיזען אונטער דער זון דאָרטין וויא עס האָט גיקערט זיין אַ רעכט, גראָד דאָרטין זשע איז גאָר די עוולה, און דאָרטין וויא עס זאָל זיין די עהרליכקייט, דווקא דאָרטין איז הולטייסטווע (טו, קאַפּ. ג).

„אַזוי האָב איך מיר ווידער גינומען און באַקוקט די גזילות, וואָס גי־שעהן גאָר אונטער דער זון, וויא די טרערין פון דיא באַראַביוועטע וואָס האָבין נישט אימעצין זאָל זיך זייערער אָן נעמין, און צו ראַטיווען פון זייערע באַרייסערס קוקט זיך אויף זייא קיינער נישט אַרום (א, קאַפּ. ד).

„אַזוי וויא דער חלום קומט אָן אויסגעמישט פון פיהל זאַכין, אַזוי דאָס קול פון אַ נאַר מיט אַ סך גירייידערייא (ב, קאַפּ. ה).

מיר האָבן אַרויסגענומען צופעליקע ציטאַטן פון פאַרשידענע קאַפּיט־לעך און נישט די סאַמע געלונגענע, דערפאַר, ווייל בהדרך כלל איז די אי־בערזעצונג אַ גלייכמעסיקע, אויסגעהאַלטענע און פאַרמאָגט אַלע עלעמענטן,

וואָס מאַכן דעם ביבלישן טעקסט פיל בעענטער צו דער רייד־שפּראַך. לעפּין איז דער ערשטער, וואָס האָט באַוויזן די גרויסע מעגלעכקייטן, די עלאַס־טישקייט, בייגעוודיקייט און בילדלעכקייט פון דעם יידישן לשון און האָט מיט זיין גרויסן אויטאָריטעט, ווי אויך מיט זיינע ווערק גורם געווען דאָס אַנטשטיין פון אַ גאַנצער ריי ליטעראַרישע ווערק אין יידיש. אַזעלכע אָנ־געזעענע שרייבער ווי יוסף פּערל, ד״ר שלמה עטינגער, אַקסענפעלד, א. ב. גאָטלאָבער, לעוויזאָן, גאָלדפאַדן און מענדעלע האָבן געשריבן אויף יידיש אַ דאַנק דער השפּעה פון לעפּינען.

לעפּין איז אויך דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ סאַטירישע ווערק קעגן חסידיזם אין העברעיש און אין יידיש, וועלכע זיינען צו אונדז נישט דערגאַנגען. עס איז אָבער פון אַ גאַנצער ריי רעלאַציעס באַוווסט, אַז לעפּינס סאַטירע „דער ערשטער חסיד״ איז געווען פאַרשפּרייט אין האַנט־שריפטן.

עס איז אויך געווען אַ סברה, אַז די אַנאָנימע „גענאַרטע וועלט״ שטאַמט פון לעפּינס פעדער. יעדנפאַלס איז אָן שום ספק אַ פאַקט, אַז אַזאַ דעמאָסקי־רנדיק ווערק האָט געקענט אַנטשטיין אין אַ סביבה, וו עס האָט געלעבט און געווירקט לעפּין — דער ערשטער משכיל מיט בולט דעמאָקראַטישע איינשטעלונגען, דער ערשטער קעמפער און סיגנאַליזירער פון די געפאַרן, וואָס עס טראָגט מיט זיך די מיטלאַלטערלעכע כוואַליע פון חסידיזם און וואָס האָט נאָך מיט אַ צייט פאַר „דעם מענדעלסאָן פון די רוסישע יידן״ יצחק־בער לעווינזאָן, געווירקט, אַז די אויפקלערונג זאָל אַריינדרינגען צווישן די פאָלקס־מאַסן פון די פוילישע און ליטווישע געביטן.

קאַפּיטל 7.

יוסף פּערל — דער בעסטער יידישער פּראָזאַיקער פון דער השכלה

יוסף פּערל

איינער פון די באַוואוסטסטע פרייַנט פון מענדל לעפין און מוטיקע קעמ־פער קעגן דעם חסידישן אַנגריף אויף דער משכילישער באַוועגונג איז גע־ווען יוסף פּערל.

יוסף פּערל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1773 אין טאַרנאָפּאָל. זיין פאָטער טאָדרעס איז געווען זייער אַ רייכער סוחר און פּאַדריאַטשיק, וואָס איז געשטאַנען אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן און רוסלאַנד.

יוסף פערל האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציאונג און האָט זיך אין די פריסטע יאָרן אויסגעצייכנט מיט זיינע פעיקייטן.

צו 14 יאָר האָט אים דער פאָטער חתונה געמאַכט, און ער איז געבליבן זיצן ביים פאָטער אויף קעסט. געלערנט האָט ער מיט גרויס פלייס ש"ס און פוסקים, ווייל די עלטערן האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ רב.

דער יונגער פערל איז אָבער געווען אַ זוכערישע נאַטור און האָט זיך נישט באַגנוגנט דערמיט, וואָס די רעליגיעזע ליטעראַטור האָט אים געגעבן. ווען עס באַווייזן זיך אין דער געגנט די חסידים, רעכנט ער זיך נישט מיט דער קעגנערשאַפט פון זיין פאָטער דעם מתנגד, באַהעפט זיך מיט די חסידים און פאָרט מיט זיי פון איין רבין צום אַנדערן. אָבער פאַר דעם דענקערקאָפּ האָט דער חסידיזם נישט געקענט זיין קיין פּאַסיקע שפּייז און אין קורצן איז ער פון די חסידים אָוועקגעגאַנגען.

דער פאָטער האָט אים דאַן אַריינגעצויגן אין זיינע שטאַרק פאַרצווייגטע געשעפטן. ווי שוין באַוווסט, איז טאַרנאָפּאָל אין יענער צייט געווען אַ גרויסער האַנדל־צענטער און דאָ פלעגט פאָרקומען דער עקספּאָרט און אימפּאָרט פון די מערב־מלוכות און פון דער רוסישער אימפּעריע.

פערלס פאָטער האָט פון לייפּציג געפירט מאַנופאַקטור, קיין דאַנציק פלעגט ער שיקן געהילץ, פון פּעשט (אונגאַרן) פלעגט ער ברענגען ווייגען און אַזוי ווייטער.

דער יונגער יוסף פערל פלעגט אָפט פאָרן אין פאָטערס שליחות און אַזוי אַרום געקומען אין באַרירונג מיט דער בערלינער השכלה, וואָס איז שוין געווען פּאָפּולער אין גאַנץ דייטשלאַנד און אויך אין די שכנישע לענדער: בעמען און אונגאַרן. דער אָפּהילך פון די היסטאָרישע רעוואָלוציעטעג אין פראַנקרייך, האָבן גאַנץ וואַרשיינלעך אויף דעם זוכנדיקן גייסט געהאָט אַ גרויסע השפּעה, און פערל באַשליסט צו דערווערבן וועלטלעך וויסן. אַלס עטלעכע און צוואַנציק יאָריקער יונגערמאַן נעמט ער צו זיך דעם באַקאַנטן בראָדער משכיל בער גינצבורג, וואָס איז געווען מיטאַרבעטער אין „המאסף", און אונטער זיין אויפזיכט לערנט זיך פערל דייטש, פראַנצויזיש, לאַטיין ווי אויך מאַטעמאַטיק, געשיכטע, באַטורוויסנשאַפט. ווי אַלע אַנדערע בירגערלעכע אויפקלערער פון זיין צייט האַלט פערל, אַז די סיבה פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער געפאַלנקייט פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע איז איר פאַרפרומטקייט, פינצטערקייט, נישט געבילדעטקייט. ער באַשליסט דאַן צו שאַפן אַ סינטעז צווישן תורה און חכמה, צווישן די דאָקטרינען פון דער יידישער רעליגיע און וועלטלעכע לימודים. אָט די פּאָסטולאַטן וועט

ער שפּעטער אײַנפֿירן און פֿלעגן אין דער נאָרמאַל־שול זײַנער, וואָס האָט געהאַט אַ שם פֿאַר אײנער פֿון די בעסטע יידישע לערן־אַנשטאַלטן אין גאַליציע און נישט בלויז אין גאַליציע.

אין דעם אָרט איז ער געווען אַ טרײַער תּלמיד פֿון מענדל לעפֿין, וואָס האָט בכלל געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף זײַן גאַנץ שאַפֿן און אויף זײַן נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער פֿאָלקס־מאַסע.

ווי ווײַט טאָלעראַנט ער האָט זיך באַצויגן צו דער שפּראַך פֿון דער פֿאָלקס־מאַסע איז שוין צו מערקן אין אַזאַ פֿאַקט, ווי דאָס אַרײַנשטעלן אין לערן־פּראָגראַם פֿון דעם ערשטן קלאַס אַלס לימוד „יידיש־דײַטש". באַנאַנד מיט דײַטש אַלס לערן־שפּראַך פֿיגורירט אין זײַן פּלאַן פֿון דריטן קלאַס דער לימוד פֿון פּויליש און פֿראַנצויזיש. ער האָט אויך געוואָלט אײַנפֿירן רוסיש. אַז די שול איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ און האָט געהאַט אַלס ציל אַרומצוכאַפּן נישט בלויז די גבֿירישע קינדער, איז צו זען דערפֿון, וואָס פּערל האָט אויסגעפּועלט בײַ דער עסטרײַכישער רעגירונג, אַז די שכנות־דיקע יידישע קהילות זײַנען מחויבֿ צו געבן אַן אָפּצאָל פֿון דער שחיטה פֿאַר דער טאַרנאָפּאָלער שול, אָדער אַ באַשטענדיקע סובווענץ. דער דײַטשער געלערנטער ד"ר מיכאָעל שטעגער שרײַבט אין זײַן אַרבעט „דאַרשטעלונג דער געזעצליכען פֿערפֿאַסונג דער גאַליצישן יודענשאַפֿט (לעמבערג, 1833) אין דער טײל, ווי ער רעדט וועגן דעם יידישן שול־וועזן אין גאַליציע, וועגן פּערלען און זײַן שול בזה הלשון: „...זינט 1813 עקזיסטירט דער טאַרנאָפּאָלער אַנשטאַלט ווי אַ שײנע דערשײנונג אַ דאַנק דער טעטיקײט פֿון אַן אָנגעזעענעם געבילדעטן מאַן פֿון דער טאַרנאָפּאָלער געמײנדע, דעם איצטיקן קהל־פֿאָרשטײער יוסף פּערל. לויט דער העכסטער באַשטימונג פֿון זײַן מאַיעסטעט דעם קיסר, פֿונעם 16־טן נאָוועמבער 1820 האָט די דאָזיקע שול באַקומען: די דעפֿיניטיווע באַשטעטיקונג ווי אַן עפֿנטלעכע איזראַעליטישע הויפּט־שול, וואָס אירע צײַגענישן ווערן אָנערקענט בײם אָננעמען אין די העכערע קלאַסן גימנאַזיע".

דער הויפּט־ציל פֿון פּערלס דערציאונגס־פּראָגראַם איז אין לעצטן סך־הכּל געווען אַרויסצולאָזן אינטעליגענטע סוחרים און באַלמעלאָכעס. דערבײַ געהערט פּערלען דער פֿאַרדינסט, וואָס ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן פּראָפּאַגירן, ברעכנדיק דעם ווידערשטאַנד פֿון די קריסטלעכע צעכן — צו לערנען די יידישע יוגנטלעכע שלאָסערײַ, שמידערײַ, בלעכערײַ און מעכאַניק — אַלץ נײַע פֿאַכן אין דער יידישער סבֿיבֿה, אין וועלכער מען האָט זיך ביז דאַן פֿאַרנומען מיט שנײַדערײַ, שוסטערײַ און טײלווײַז מיט סטאָלערײַ.

אין דער זעלבער צייט (1813) הייבט זיך אָן פּערלס ליטעראַרישע טעַ־
טיקייט. ער גיט צוערשט אַרויס דריי יאָר נאָכאַנאַנד לוחות, וואָס פאַרמאָגן
אויך אַ ליטעראַרישן טייל און אַן אַנעקדאָטישן. דער ציל: אַדורכשמוגלען
אַ ביסל וועלטלעך וויסן און פלעגן דעם געשמאַק פאַר שיינקייט. אין די
צענער יאָרן דערשיינט אויך זיין דייטשע בראָשור „געשיכטע דער סעקטען
אין יודענטום", ווו ער באַקעמפט די חסידים און דעם חסידיזם אַלס טרעַ־
גער פון דער ווילדסטער אָפּגעשטאַנענקייט אין יידישן לעבן, און ווייזט אויף
זיין שעדלעכקייט פאַר די פאָלקס־מאַסן.

געטריי די אָנווייזונגען פון לעפינען אין זיין פראַנצויזישער בראָשור
פון 1791 יאָר, אַז מיט די חסידים איז אַמבעסטן צו קעמפן מיט דער הילף
פון דער סאַטירע, וואָס זאָל אויפדעקן די לעכערלעכע זייטן פון דער באַ־
וועגונג, די נאַרישע און פאַרדאַרבענע פירונג פון זייערע רביים, נעמט זיך
פּערל, וואָס האָט בשעתו גוט דערלערנט די חסידים, צו זיין עפּיסטאָליאַרן
ראָמאַן „מגלה טמירין", וואָס ער שרייבט אין העברעיש און אין יידיש.

צו יענער צייט האָט שוין דער קאַמף צווישן די משכילים און חסידים
אָנגענומען זייער שאַרפע פאָרמען. די חסידים, זעענדיק אין דער השכלה
אַ טויט־געפאַר פאַר זייער באַוועגונג, הויבן זי אָן רודפן מיט אַלע מיטלען.
מען וואַרפט די משכילים אין חרם, מען שטעלט זיך אַפילו נישט אָפּ פאַר
בלוט־פאַרגיסונג, מען ווענדט אויך אָן דאָס אויסקויפן און פאַרניכטן די
טריף־פסולס, — די אויפקלערערישע ביכער. יוסף פּערלס סאַטיריש ווערק
„מגלה טמירין" איז געשריבן געוואָרן מיט אַזאַ דינעם פאַראַדיסטישן סטיל,
אַז אַ סך חסידים, און צוערשט דער צענזאָר זעלבסט, האָבן דאָס בוך אָנגעַ־
נומען ווי אַ חסידישן ספר...

לויט דער פאָרם איז דאָס בוך — ווי עס שטעלט פעסט די גאַנצע ליַ־
טעראַטור־פאָרשונג — אונטער דער דירעקטער השפעה פון דעם לאַטייניש
סאַטירישן ווערק פון ערשטן פערטל פון 16־טן יאָרהונדערט: „עפּיסטאָלי־
אָבסקוראָרום וויראָרום" („בריוו פון די אָבסקוראַנטן"), וואָס איז דערשינען
אַנאָנים אין 1517—1515 יאָר, און שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָלעקטיווע שאַ־
פונג פון די דייטשע הומאַניסטן בראש מיט אולריך פאָן הוטען, וועלכע איז
געצילט מיט איר שאַרף אין דעם ווילדן אַנטיסעמיטישן גיפט־מישער, דעם
פּראָוואָקאַטאָר און משומד יאָהאַן פעפערקאָרן, וועלכער האָט צוזאַמען מיט
אַ קליקע פאַנאַטישע גייסטלעכע אויף אַ פּראָוואָקאַטאָרישן אופן אָנגעגריפן
דעם באַוווּסטן הומאַניסט יאָהאַן רויכלין. די הומאַניסטן האָבן געענטפערט
מיט אַ סאַטירע, געשריבן אין אַ פאָרם פון אַ בריוו־אויסטויש צווישן די

אבסקוראַנטן גופא, וועלכע איז געווען אַ מעכטיקער קלאַפּ פאַר דער קאַ־טוילישער קירך — דעם שטיצפּונקט פון פעאָדאַליזם.

בכדי צו באַקומען אַ באַגריף וועגן דעם גרויסן קינסטלערישן חוש פון פערלען איז נויטיק אָנצוווייזן, אַז פערלס „מגלה טמירין" אין יידיש איז לחלוטין נישט קיין סתם איבערזעצונג פון העברעיש. אויב אין העברעישן טעקסט לאַכט ער אויס דעם עם־הארצישן שרייב־אופן פון די חסידים, איז אין דעם יידישן „מגלה טמירין" איבערגעגעבן אויף אַ קינסטלערישן אופן זייער „עכט לשון".

„מחמת שהדבר נחוץ מאד" זעצט איבער פערל: „וואָרין דער אינטערעס איז גאָר קיין קאַטאָוועס נישט".

„אגרת הידוע" — „דאָס רעכטע בריוועלע".

„שעזבו אותו על פאָריקי מהתפיסה" — מע האָט מיך אויף ערבות אויס דער תפיסה אַרויסגעלאָזט".

בכדי אַרויסצובאַקומען דעם קאָמישן עפעקט און אין דער פולער מאָס אויסצונוצן די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס עס גיט די יידישע שפּראַך, גייט ער אָפּט גאַנץ ווייט אַוועק פון העברעישן טעקסט:

„והיה ח"ו צרה גדולה" זעצט פערל איבער: „קען דערפון אַרויסקומען אַ גאַנץ שלימזל, ניט מיט מיין מויל גערעדט", „פּחד עת עצמו" — „האָט ער דאָס קדחת באַקומען", „יש לי חרטה גדולה" — „וואָס זאָל איך דיר זאָגן, איך עס מיר אַוודאי דאָס האַרץ אויס". אַזאַ אויסדרוק אין העברעישן טעקסט ווי: „וישתומם הוויצעגובערנאַטאָר" ווערט אויף יידיש פאַרוואַנדלט אין „ווי דער וויצעגובערנאַטאָר האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו צלמען אַא"וו אַא"וו.

שוין פון די פּאָרביישפּילן איז צו זען, אַז דאָס ווערק איז געשריבן געוואָרן פון אַן אמתן, עכטן קינסטלער, וואָס האָט פּרעכטיק אַסימילירט די השפּעות פון מערב, דער עיקר פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אין 18־טן יאָרהונדערט, און וואָס האָט אויפגעהויבן די יידישע פּראָזע אויף אַזאַ הויך, וואָס קיינער פון די משכילים נאָך אים האָט עס נישט דערגרייכט. עס איז קיין ספק נישט, אַז פּונקט ווי די משכילים מיטצייטלער פון פערלען, אַזוי האָט אויך מענדעלען באַווירקט פערלס פּראָזע: זיין דיגע און שאַרפע סאַטירע, זיין זאַפטיקע שפּראַך. „אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער קולטור, זאָגט מ. וויינער, זעען מיר אַמאָל אַן ענלעכע פאַרשוועכדערישקייט פון דער נאַטור, ווי אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון די אָרגאַנישע מינים. אָבער אין סך־הכל ווערט אין דער געשיכטע גאָרנישט פאַרלאָרן. אמתדיקע

אויפטוען פון קולטור גייען אַריין דורך די פאַרשידענע קאַנאַלן, אַזוי צי־
אַנדערש, אינעם מאַרך און אין די געבליטן פון דעם פאָלק און באַרייכערן
זיין שעפערישקייט, זיין דענקען און פילן. די שעפערישע אויפטוען פון דעם
גאַר טאַלאַנטפולן אויפקלערער יוסף פערל האָבן אויפגעלעבט אין אַ העכ־
כערער פאָרם אין די שאַפונגען פון אונדזערע קלאַסיקער מענדעלע, שלום־
עליכם און פּרץ".

אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן געבוי און אינהאַלט פון דעם „מגלה טמירין":

דער „מגלה טמירין" באַשטייט פון 151 בריוו און אַ „סיום". די בריוו
שרייבן 26 פּערזאָן. די בריוו שטאַמען פון צוויי גרופּעס חסידים, וואָס גע־
הערן צו צוויי קאָנקורירנדיקע רביים, דעם זאַלינער און דישפּאָלער.

דער הויפּט־סוזשעט פון דער זאַלינער גרופּע בריוו איז די ידיעה, אַז
עס איז דערשינען אַ בוך וועגן חסידות, געשריבן אין דייטש און וואָס האָט
„אויפגיבעריט אַלי פּריצים וואָס לייאַנין עס, און זיי ווילן עס אויף שלימזל
גאַר איבערזעצין אויף פּויליש". דער גבאי גיט אַן אינסטרוקציע זיינע קאָ־
רעספּאָנדענטן זיי זאָלן אומבאַדינגט אויפזוכן דאָס בוך, און ער וועט עס
צושטעלן דעם רבין ער זאָל זיך אָפּרעכענען סיי מיטן בוך און סיי מיט זיין
מחבר. אָבער דאָס בוך פּראָוועט מיט זיי „רוחישע" שפּיצלעך. אין איטלעכן
בריוו קומען אויף נייע און נייע פּלענער ווי אַזוי דאָס בוך צו קריגן, אַז
דער שרייבער איז פול מיט זיכערקייט, אַז ער וועט מיט דער הילף פון
הייליקן רבין זיין ציל דערגרייכן, אָבער עס לאָזט זיך אויס מיט אַ דורכ־
פאַל. עס קומט אויף אַ צווייטער פּלאַן, פאַר וועלכן מען נעמט זיך מיט ברען,
און עס לאָזט זיך ווידער אויס אַ טייך...

בכדי זיך צו באַקענען מיטן סטיל פון אָט דעם מערקווירדיקן ווערק,
וועל איך אַרויסנעמען אַ פּאָר קליינע פראַגמענטן, וואָס וועלן געבן שטיקער
ווירקלעכקייט פון יענער צייט. שוין אין דעם ערשטן בריוו פון ר׳ זעליק
לעטיטשעווער פון זאַלין צו ר׳ זיינוול ווערכיעווקער, וואָס האָט אים צו וויסן
געטאָן, אַז עס האָט זיך באַוויזן אַן אַנטיחסידיש בוך, לייגט דער אינטריגאַנ־
טישער גבאי אויס פאָלגנדיקן טעטיקייט־פּלאַן:

„קודם־כל מוזט דו צו טון וואָס מעגלעך איז, דאָס בוך צו באַקומען.
מיר זאָלן דערוויל וויסן, וואָס אין דעם שלימזל שטייט אַזוינס. און היינט־
זשע ווידער, זאָלן מיר וויסן ווי עס הייסט, כדי מען זאָל הייסן אונזערע לייט
זאָלן עס אויסקויפן, און עס פאַרברענען צו אַלדע שווארצע יאָר, עס זאָל זיין
באַמען נישט געדאַכט ווערן אויף דער וועלט. און חוץ דעם אַלעם מיר זאָלן
געוואָר ווערן, ווער דער הינטישער מחבר דערפון איז, מע זאָל אים אַנלער־

נען, ווען אַפילו אין בוך זאָל נישט שטיין ווער עס האָט עס געמאַכט, וואָרין ער האָט דאָך אַוודאי דאָס נײַן יאָריקע קדחת פאַר דעם רבין זאָל לעבן, קען דאָך זײַן, זײַן טריף פּרצוף וועט זײַן פאַרנט אָפּגעמאָלט, וואָרים אַזוי איז בײַ די רשעים דער שטייגער. נו, אַז דאָס איז וועט ער אויך פאַרשוואַרצט ווערן. אַפילו ער זאָל זײַן פון אַ פרעמדער מדינה״.

און דער „עיקר שכחתי״ גיט שוין חסידישן איבערלעכן שטייגער:

„פאַראַכטאָגן שבת איז בײַ אונז געווען אַן אורח פון דעם קאָרדאָן פון דעם לובלינערס לײַט. ער האָט דעם רבין פון דעם לובלינער אַ גרויס געבראַכט מיט עטלעכע ניגונימלעך, און ער זאָל לעבן האָט צו זיי צוגעמאַכט נאָך עטלעכע פעל, און האָט זיי ערשט געמאַכט פאַר רעכטע ניגונים, אַז דו וועסט אי״ה זײַן בײַ אונז, וועסט דו תענוג האָבן דערפון, וואָרים דו וועסט דערפון זען, אַז דער רבי זאָל מאריך ימים זײַן איז טאַקע דער מלך צווישן אַלע צדיקים״.

און אָט צוויי פראַגמענטן, וו פערל דעקט אויף אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן די מאָראַלישע צעפוילקייט פון די חסידים, וואָס זײַנען גרייט האָבן צו טאָן מיט אַ זונה, וועלכע איז אין זייערע אויגן כשרער פאַר דעם אויפקלערערישן בוך:

„דאָס בוך צו באַקומען — שרײַבט זײַנוול ווערכיעוקער — האָב איך שוין נישט איין המצאה געטון, און האָב עס נאָך נישט געקענט באַקומען. איינמאָל האָב איך מיר אומישנע (בײַ פערלען „אַמוסטני״ — ש. ל.) אַ שמועס דערפון געמאַכט מיט שלמה, מע רופט אים בײַ אונז שלמה אומאַנער, הגם ער איז זייער אַ גרויסער בעל־תאווה און האָט גאָר קיין יראת־שמים נישט, ער איז דאָך אָבער פאָרט בײַם רבין דעם צדיק אַ גרויסער מקורב, און גיט אים געלט דעם רבין, און דערצו איז ער אַ גוטער־ברודער, האָב איך פון דעם רבין אַ גרוס אָפּגעגעבן און האָב אים אַ בעט געטון מכח דעם בוך. האָט ער מיר צוגעזאָגט צו רעדן מיט זײַן קרובה פריידע ר׳ אייזיקס, זי איז אַ בריה נפלאה, און איז בײַ אונדזער פריץ גאָר דאָס אויג, זי זאָל באַקומען דאָס בוך, אַז זי וועט זײַן בײַם פריץ, און האָט אַוודאי וואָרט געהאַלטן. וואָס דאַרפסטו מער, אין צוויי טעג דערויף בין איך געווען בײַ פריידע, האָט זי מיר דאָס בוך געגעבן, וואָס זי האָט אַ נאַכט צופאָר, ווי זי איז געווען בײַם פריץ, בײַ אים געגנבעט״.

בכדי מיר זאָלן נישט האָבן קיין ספקות, וואָס פאַר אַ סאָרט פריידע דאָס איז, דערפירט פערל דערצו, אַז דאָס איידעמל, וואָס שטאַמט פון קאָרדאָן, און וואָס קאָן כלומרשט לייענען דײַטשע אותיות, זאָגט, אַז עס איז גאָר נישט

דאָס בוך, און מען מוז בעטן פריידען, זי זאָל עס צוריק אָפּטראָגן, ווייל אַנ־דעריש קען דער פּריץ נאָך פאַרשליסן די שאַפּע און מען וועט ערשט דאָס געזוכטע בוך נישט קענען ארויסגנבענען.

„בין איך געלאָפן צו פריידע, און האָב זי געבעטן, זי זאָל תיכף גיין צום פּריץ און שטילערהייט, ער זאָל זיך נישט שטויסן, דאָס בוך צוריקשטעלן, און כאָטש פריידע איז אויף דעם פּריץ בייז געווען, פאַרוואָס ער האָט זי שוין עטלעכע טעג נישט געלאָזט רופן, האָב איך איר געזאָגט, אַלעמאַי אסתר המלכהן האָט אַחשורוש אַ צייט נישט געלאָזט צו זיך רופן, פונדעסטוועגן, אַז יידן זייַנען אין אַ צרה געווען, איז זי פאַרט געגאַנגען, מוז זי איצט אויך גיין"...

אָבער פריידע דערוויסט זיך, אַז דאָס בוך, וואָס זי האָט צוריקגעבראַכט, איז טאַקע דאָס יקר המציאותל, וואָס די חסידים זוכן, און וואָס ער, דער פּריץ, היט ווי דאָס אויג אין קאָפּ...

און איצט אַ ביישפּיל, ווי דיסקרעט פּערל דעקט אויף דעם ווילדן גלויבן אין די צדיקים. אין בריוו פון ר׳ גדליהו באַלטער פון אקל צו משה פישלס אין ביגראַד, שרייבט גדליהו „עס איז נישטאָ אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט אַ קליינע זאַך אָדער אַ גרויסע, איידעלע אינטע־רעסן אָדער גראָבע, וואָס שטעקן נישט אין די שבחי הבעש״ט און אין דעם סיפּורי מעשיות (געמיינט נחמן בראַצלאַוועס מעשיות — ש. ל.) קוק נאָר אַריין אין זיי וועסטו ווונדערלעכע זאַכן זען. פּלוצלינג וועסטו זען מע־שיות, וואָס אין פלוג דאַכט זיך עפּעס אַ גאָרנישט, אַ פּראָסטע מעשה וואָס באַבעצעס דערציילן זיי זיך, און צום סוף שטעקט אין זיי אַזוינע סודות און אַזוינע הויכע זאַכן, אַז עס גייט דיך אַזשע אַ מורא הנפש אָן. אַז דו וועסט אָנהייבן אין די ספרים אַריינצוקוקן, וועסטו ערשט באַקומען אמונה אין די צדיקים (גלייבן אין צדיקים) וואָרים אָן אמונת־חכמים וועסטו אויף דער וועלט גאָרנישט פועלן, דייַן גאַנצע אַרבעט אויף דער וועלט, דיין תורה, דייַנע מעשים טובים זענען אָן אמונה אין צדיקים אַ גאָר נישט״.

פון די קנאַפּע אויסצוגן, וואָס מיר ברענגען אין מאָדערניזירטן אויס־לייג, איז קלאָר צו זען סיי דעם פּרעכטיקן פּאַראָדיסטישן סטיל פון די בריוו, סיי זייער דעמאַסקירנדיקן אינהאַלט, סיי די פּליסיקייט, לעבעדיקייט און קערנדיקייט פון דער פּראָזע אין פּערלס יידישן וואַריאַנט פון „מגלה טמירין״.

אין זיין צווייט גרעסער יידיש בוך שילדערט פּערל די אַנטשטייאונג פון אַ צדיק. דאָס בוך הייסט „גדולת ר׳ וואָלף מטשאַרני אסטרה״.

דער אינהאַלט פון ביכל איז פאָלגנדיקער:

איינער ר׳ וועלוול, אַ יונגער מלמד, „וואָס פאַר עטלעכע טאָלער קנעלט מיט קליינע קינדער ביי אַ נגיד״, האָט זיך געגומען זוכן אַ לייכטערע פרנסה. האָט ער זיך מישב געווען און באַשלאָסן „בעסער מיטן פאָלינער רב אַרומצופאָרן״. דער רב ווייטער האָט באַמערקט, אַז ר׳ וועלוול טויג זייער גוט צו די זאַכן, ער איז זייער אַ געשייטער, האָט ער אים „מקרב געווען״.

דער געשייטער ר׳ וועלוול האָט זיך גוט צוגעקוקט צום רבינס געגג און האָט צוביסלעך אַליין אָנגעהויבן פראַווען אַ טיש. ער האָט צו זיך געשלעפט יונגעלייט און זיי דערציילט „באַלשעמסקע מעשיות״... „דער ר׳ וועלוול איז אַלע מאָל ביסלעכווייז גרעסער געוואָרן. דעמלט איז נאָך די מאָדע געווען, גוטע יידן האָבן געדאַווגט מיט גרויסע כוחות, מיט געשרייען״. דער ר׳ וועלוול הויבט אויך אָן פאַרן עמוד דאַווענען „מיט אומגעהייערישע געשרייען״ און קולות, שפרינגט צו קדושה דריי מאָל אונטער דער סטעליע און בראָקט אַריין „אַמעראַצישע גרייזן. ס׳איז אָבער געווען הבל, וואָרים קען דען אַ מענטש, וואָס זיין נשמה איז נאָר אין די הימלעשי היכלות, דאָ אויף דעם עולם דערהיטן די צונג מיט דער עברי? און דאָס אַנדערע, ר׳איז טאַקע דערין קיין גרויסער יודע נישט געווען. דאַרף מען זשע דען פאַר השי״ת שיין רעדן״?...

בכלל געגומען איז די דערציילונג „גדולת ר׳ וואָלף מטשאַרני אָסטרה״ אויסן צו געבן אַ טיפיש בילד, וואָס זאָל ווייזן אַוועלכע פאַלשע געגג און ווילדע, נאַרישע קונץ־שטיק עס האָט פאַרשפרייט דער צדיקיזם אין דער יידישער סביבה. דעריבער טאַקע איז ביי פערלען אָנצוטרעפן אַזויפיל זשאַנד־בילדלעך פון דעם שטייגער לעבן אין די חסידישע הויפן.

ווי עס איז צו זען פון די ציטירטע פראַגמענטן, איז דאָ פאַראַן אַ רואיקע נאַראַציע, אַלץ ווערט דערציילט געלאַסן, שטיל, אָבער פון אונטער דער שטילקייט שרייט אַרויס דעם משכילס שטים: לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון די זשוליקעס, פון די גוטע יידן, וואָס פאַראַזיטירן אויף אייער פינצטערקייט און מאַכן אין די מוחות פון די מאַסן די פינצטערקייט נאָך געדיכטער.

יוסף פערל איז געווען אַ קרישטאָל ריינע פערזענלעכקייט. ער האָט נישט בלויז מיט וואָרט געקעמפט מיט פינצטערקייט און אָפגעשטאַנענקייט, נאָר אויך אין טאַט. ער האָט געגרינדעט און אָנגעפירט מיט דער שול, אָפגעשריבן אויף איר זיין גאַנצע ביבליאָטעק, וואָס האָט געציילט 6.000 בענדער און אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן. ער האָט אויך מיט זיינע מוטיקע אַרויסטרעטונגען באַוויזן זיין זאָרגפולע באַציאונג צו די אונטערדריקטע און פאַרפינצטערטע פאָלקס־מאַסן.

קאַפּיטל 8.

„די געגאַרטע וועלט“ — די ערשטע געדרוקטע וועלטלעכע ליטעראַריש־קינסטלערישע פּיעסע אין דער נייַער יידישער שפּראַך

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער השכלה־באַוועגונג און פאַר דער השכלה־ליטעראַטור אין יידיש, דאָס אָפטע באַנוצן זיך פאַר די צילן פון קאַמף און אויפקלערונג מיט דער דראַמאַטישער פאָרם. די דערשיינונג, וואָס אין דער ירושה פון דער השכלה־עפּאָכע געפינען מיר ס׳רוב דראַמאַטישע שאַפונגען זעט אויס חידושלעך צוליב דעם, וואָס די יידישע סביבה האָט דאָך אין יענער צייט קיין טעאַטער־טראַדיציעס נישט פאַרמאָגט. די אויפקלערער פון די מערב־לענדער (פראַנקרייך, דייטשלאַנד) האָבן זיך אַזוי גערן באַנוצט מיט דער דראַמאַטישער פאָרם, וועלכע האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו באַווירקן גרעסערע מאַסן מיט דער הילף פון לעבעדיקן וואָרט. ווייל וואָלטער און לעסינג, דידראָ און באָמאַרשע האָבן געהאַט אַ סצענע און דעריבער איז געווען נאַטירלעך פאַר זיי, דאָס אַרויסברענגען זייער קריטיק פון די פּעאָדאַלע פאַרהעלטענישן אין דיאַלאָגן־פאָרם.

ביי אונז, ווי באַוווסט, האָט דעם טעאַטער געשאַפן ערשט גאָלדפאַדן, איינער פון דעם שפּעטערן דור משכילים, אָבער פּיעסן האָבן געשריבן סיי אייכל, סיי וואָלפזאָהן, סיי דער אַנאָנים פון „דער געגאַרטער וועלט“, סיי אַלע שפּעטערדיקע משכילים, וואָס האָבן געשריבן אין דער יידישער שפּראַך

(לעווינסאָן, אַקסענפעלד, גאָטלאָבער, עטינגער ביז גאָלדפאַדן און מענדעלען אַריינגערעכנט).

די דערקלערונג פון דער דערשיינונג קען זיין אַ צוויייִקע: ערשטנס, האָט דאָ געווירקט דער מערבדיקער מוסטער; צווייטנס, האָט מסתמא נישט קיין קליינע ראָל געשפּילט די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען אין אַ „וויכוח־פאָרם" די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, די שוואַרצע און ווייסע געשטאַלטן פון דער יידישער ווירקלעכקייט, ווי אויך פאַר די השכלה־שאַפונגען, אייגנטימלעכע סאַטירע, וועלכע האָט אַראָפּגעריסן דעם שלייער פון אַ סך שטייגערישע און געזעלשאַפטלעכע פּאַרקריפּלטקייטן.

איינע פון די וועלטלעכע, קינסטלערישע ווערק אין דער נייער יידישער שפּראַך איז די אַנאָנימע „די געגנאַרטע וועלט".

שוין דער עצם נאָמען און רעקלאַמע פון דער קאָמעדיע איז ביז גאָר אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש. אין דער אויסגאַבע פון 1863 יאָר (די איינציקע, וואָס עס איז געלונגען אויפצוזוכן מ. ווינערן און צו פאַרעפנטלעכן לויטן פאַרקריפּלטן טעקסט, וועלכער איז ווייט פון דער ערשטער זשולקאָווער אויסגאַבע פון די צענער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט), לייענען מיר: „די געגנאַרטע וועלט" אַ וווּנדער־שיין טעאַטער־שטיק, עס איז דער בעסטער שפּיגל אין דער וועלט. אַז מען קוקט דערינען גוט אַריין, זעט מען זייער קלאָר און ריין, וואָס עס טוט זיך אין יענעמס האַרץ, און מען לערנט דערפון, אַז מען טאָר זיך נישט תמיד פאַרלאָזן אויף דעם פּנים, וואָרן אַמאָל איז דאָס עפּעלע זייער שיין, און אינעווייניק זיצט אַ בייזער וואָרעם".

די טענדענץ פון דער קאָמעדיע ווערט גאַנץ קלאָר פאָרמולירט אין דער „הקדמה": „דאָס ביכל לערנט אונדז מיר זאָלן זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם פרומען פּנימל, נאָר מען מוז גוט פּרוּוון מיטן שכל, איידער מען נעמט איינעם אָן פאַר אמת פרום. אויך לערנט עס אונדז, אַז דער סוף פון דעם שווינדלער איז שוואַרץ און פינצטער, און זיין פאַלשקייט מוז מיט דער צייט אַרויסקומען. אויך לערנט עס אונדז גרויס מוסר און חכמה, ווי אַזוי דער מענטש דאַרף זיך אויפפירן"... און דער מחבר פון דער „געגנאַרטער וועלט" גיט צו: „עס קען מעגלעך זיין, אַז מאַנכע מענטשן וועלן זיך בייזערן, ווען זיי וועלן דאָס ביכל לייענען. זיי וועל איך אָבער ענטפערן: ווער עס פילט זיך — דער מיינט זיך, וועמען עס בייסט, — דער זאָל זיך קראַצן, אַז מען עסט נישט קיין קנאָבל, שטינקט מען נישט. עטץ (פאַר)שטייט שוין וואָס איך מיין?".

דער אינהאַלט פון דער קאָמעדיע:

אַ רייכער סוחר פון פּאָדאָליע, דערציט ביי זיך אַ שוועסטערקינד, אַ יתומה. זיין צווייט ווייב, די „פיינע בעריעטע״, האָט אַ טאָכטער אָן עגונה, אַ מיאוסקייט. ווענדיק, אַז די ירושה, וואָס דער מאַן אירער קלייבט זיך אין דער צוואה איבערגעבן זיין איינציקן זון, זאָל אַרייגפאַלן צו איר און צו דער טאָכטער, טוט זי אַלץ, אַז ער און די יתומה, וועלכע ליבן זיך זאָלן זיך נישט בעמען. זי טוט דאָס מיט דער הילף פון דעם זונס מלמד. עס מישט זיך אריין דעם מאַנס אויפגעקלערטער געשעפטס־פירער און ער דעמאַסקירט די פאַלשקייט און די צביעות פון דעם מלמד ווי אויך די שלעכטע כוונה פון דער פיינער בעריעטע, און דער סוחר איז מסכים אויף דער חתונה פון זיין זון מיט דער יתומה. דערביי ווערט דעמאַסקירט דער מלמד, וואָס אין דער זעל־בער צייט ווען ער האָט זיך געשדכנט צו דער יתומה, איז ער געקראָכן צו דער דינסט (אינדעראמתן איז דאָס געווען דער קלוגער דינער, דער יידישער „פיגאַראָ״, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר דער דינסט).

עס איז דאָ דוכט מיר איבעריק אָנצווייזן אויף דער ענלעכקייט פון דער טעמאַטיק פון דער פיעסע צו דער מאָליערישער טאַרטיוף־טעמע, זי איז אָבער ווייט פון קאָפּירונג, פון אַנטלייונג און פאַרמאָגט סיי אין דער צייכענונג פון די געשטאַלטן, סיי אין דעם עצם־געבוי אַלע שטריכן פון אַ דורכויס זעלבשטענדיק ווערק. מען קאָן אָבער רעדן אין אַ געוויסער מאָס וועגן אנטלייונג פון וואָלפזאָהנס „לייכטזין און פראָממעליי״? דער שמועס צווישן דעם מלמד און דער יתומה דערמאָנט ביז גאָר שטאַרק אין דעם שמועס פון דעם צבועק ר׳ יוספכע מיט יעטכען, און דער מלמד, פונקט ווי ר׳ יוספכע, ווערט צום סוף דעמאַסקירט אַלס אוממאָראַלישער מענטש, וואָס פאַרזעצט אַלס משכון אַ רעליגיעזן חפץ.

ווי אַלע משכילישע ווערק איז אויך „די גענאַרטע וועלט״ אָן ערד שטאַרקער און פולבלוטיקער אין דער צייכענונג דאָן, ווען זי ברענגט ארויס די עלעמענטן פון קריטיק לגבי דער אָפּגעשטאַנענקייט און פארפיגצטערט־קייט פון יידישן לעבן, ווען זי צייכנט די פארשידענע צבועקעס, באַטרי־גער, פאַרדאָרבענע בריאות, וואָס מאכן א פרום פנימל, גלאָצן מיט די אויגן צום הימל און טראָגן זיך אַרום מיט פאַלשע גאָר נישט הימלישע פלענער. דאָס סאַמע ווערטיקע אין דער פיעסע איז טאַקע דער קאַמף קעגן די פאַר־קריפּלטע שטייגערישע און קולטורעלע דערשייגונגען אין יידישן לעבן פון יענער צייט.

פיל בלאַסער זעט אויס דער פּאָזיטיווער פראָגראַם, וואָס באַגרענעצט זיך מיט פריידיקן דאָס לערנען „לשונות און חכמות״, דערביי ווערט דאָ

שטאַרק גערימט די אָרנטלעכע סוחרישקייט „אַלס גרעסטע און ערלעכסטע פּרנסה", וואָס דאַרף פאַרשטייט זיך געפּירט ווערן אויף אַ מאָדערנעם אופן. פּאַר די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן ווערט רעקאָמענדירט זיך אויסצולערנען אַ מלאכה, העכערן די קוואַליפיקאַציעס פון די טעטיקע בעל־מלאכות, אַנט־שפּרעכנדיק צו די באַדערפעניש פון דער נייער צייט. דאָ, ביי דעם פּאָזי־טיוון פּראָגראַם פעלט שוין די קינסטלערישע געשטאַלטונג, דאָ טרעפן מיר שוין הוילע רייד און נישט קיין בילדער.

הגם דער פאַקט זאָגט עדות, אַז דער מחבר איז געווען פולשטענדיק באַ־הערשט פון דעם בירגערלעכן אויפקלערערישן אידעאַל, איז דאָך נישט שווער צו באַמערקן בולט דעמאָקראַטישע טענדענצן אין דעם אופן פון אַוועקשטעלן און שילדערן די פּערזאָנען פון דער אַקציע. דער איינציקער העלד פון דער קאָמעדיע, וואָס האָט אַן אייגן־נאָמען, איז דער משרת אורי, אַלע אַנדערע געשטאַלטן ווערן בלויז אָנגערופן לויט זייער באַשעפטיקונג אָדער קרובהשער צוגעהעריקייט (רייכער סוחר, זיין איינציקער זון, אַ מלמד, אַ בוכהאַלטער א. ד. גל.). דערביי איז דאָ דער הויז־דינער טראַקטירט ענ־לעך צו די דינערס אין דער פראַנצויזישער קאָמעדיע, ער איז די פאַרקערפּע־רונג פון דער פאָלקס־חכמה און איז באַנאַנד מיטן מלמד די סאַמע פול־בלוטיקסטע געשטאַלט אין דער פּיעסע. עס שפּרודלט מיט ווערטלעך און מיט וויץ פון אוריס יעטוועדער רעפּליקע און ער געהערט אומדירעקט צו די טרעגער פון דער אויפקלערונג נישט על פּי אידעאָלאָגיע, נאָר אַ דאַנק זיין געזונטן שכל. די פּיעסע ברענגט אויך אַרויס אַ פּרעכטיק געשטאַלט פון אַ „פיינער בעריעטע" וואָס פאַרקערפּערט מיט זיך צביעות, אומטריישאַפט צום מאַן און עקלהאַפטן עגאָיזם. אזא געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס רעדט גאָטפּאָרכטיקע רייד און איז גרייט צו טאָן די העסלעכסטע מעשים, איז נישט נאָר א ניס אין דער דעמלטיקער יידישער ליטעראַטור נאָר א זעלטנ־קייט אין דער שאַפונג פון די שפּעטערע יאָרן.

א באַזונדער קאַפּיטל איז די שפּראַך פון דער „געגנאַרטער וועלט". בלויז צוויי געשטאַלטן „דאָס בחורל", ס'הייסט דער אויפגעקלערטער, קרישטאָל־ריינער זון פון סוחר, און די אויפגעקלערטע, אין אים פאַרליבטע יתומה רעדן מחמת זייער באַלעזנקייט און אַלץ־וויסערישקייט עטוואָס „אינטעליגענט", ס'הייסט מיט א פאַרדייטשמערישט לשון, די רעשט העלדן רעדן מיט אַ זאַפּטיקן גאַליצישן יידיש. די גרענעץ־ליניע פון וואָלפזאָהנס „לייכטזין און פראָמעליי" איז שוין דאָ נישט אָפּגעהיט. דאָ רעדט שוין סיי דער אויפגעקלערטער סוחר, סיי זיין בוכהאַלטער, אָדער ווי מען רופט אים

אין דער פּיעסע „דער שרייבער", אַ ריינעם און שיינעם יידיש. „די שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן ווערט דאָ צום ערשטן מאָל אין א וועלטלעך־קינסטלע־ריש ווערק ערנסט גענומען. די שפּראַך איז דאָ בכיוון, באוווסטזיניק גע־שעפּט געוואָרן פון דער טיפער געדיכטעניש פונעם המון אָן שום רעזער־וואַציעס, לויט דעם זעלבן שטייגער ווי מענדל לעפין האָט איבערגעזעצט קהלת און משלי" ...„שפּראַכלעך געהערט די אגעווע צו די רייכסטע דענק־מעלער אין דער נייער יידישער ליטעראַטור" (מ. ווינער).

מיר וועלן ברענגען אַ קליינעם אויסצוג פון אַט דער אינטערעסאַנטער קאָמעדיע פון 140 יאָר צוריק: דער סוחר וואַרפט פאָר דעם מלמד דעם חסיד, אז זיינע לייט זיינען פאַלשע מענטשן. דעריבער זאָגט ער קאָן ער זיי נישט ליידן. אויף דעם ענטפערט דער מלמד: „איי גייט שוין! דאָס וואָרט ייד איז זייער שווער ביים אייבערשטן, נאָר איין מאָל שמע ישראל פאַרענט־פערט שוין אַלצדינג. ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך דערציילן? די האָרע־פּאַשניקעס מוזן איינבערענגען געלט אף אלערליי ספּאַסאָבעס, כדי זיי זאָלן האָבן גוטע יידן פדיונות צו געבן. דורך דעם באַשערט דער אייבערשטער דעם עולם שפע, פרנסה, מזל און ברכה. סייוויסיי, איטלעכער פאַרדינט זיך עולם הבא.

..סוחר: זאָגט נאָר, זיי גיבן דאָך מענטשן רפואות אויך?

מלמד: וואָס טייטש? סגולות און רפואות!

סוחר: גיט מיר צו פאַרשטייך, ווי קען מען קענען אומגעלערנט?

מלמד: זעט איר דאָך פאָרט, כ'וויים פיל.

סוחר: לאָמיר נאָר גערענדזשי שמועסן. וואָס איך גלייב נישט — דאָס גלייב איך, אַז קלוגע יונגען זיינען זיי אויף אַלע פעל (אין אַלע פאַלן — ש. ל.). וואָרן קודם ווינען זיי זיך אין שיינע דירות, עסן און טרינ־קען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, גייען אין ווייסע מאַטריקענע זשיפּעצעס מיט שפּאַניע באַלייגט, זייערע קינדער פירן (זיך) אויף פּינסע.

מלמד: (שמעלצט זיך) אויב זיי זיינען קלוג? חכמים, חכמים!

סוחר: גיט מיר צו פאַרשטייך, פאַרוואָס הערט מען איין כתה אף דער אַנדערער תמיד רעדן כל־בו?

מלמד: (לאַכנדיק) איר האָט רעכט, עס איז טאַקע אַזוי, איך שעם מיך גאָרנישט. למשל, די היגע וואָרפן די קאָרדאָנער פיר, אַז זיי קענען קיין קבלה ניט און זיי זיינען באַ השם־יתברך גאָר ניט חשוב. די קאָרדאָנער וואַרפן ווידער די היגע אויף, אַז זיי זענען גרויסע אַמעראַצים. מיר, פּראָס־טאַקעס, אָבער, מיר מוזן האָבן אמונת חכמים, וואָרן אלו ואלו דברי אלקים

חיים. מיר מוזןביידערליי ליב האָבן. איז דען אַ גאַנצע וועלט משוגע, האַ? מיר זע׳מיר דאָך פאַרט, אַז די וועלט גיט ביידע צדקות, און ביידע העלפן די וועלט.

סוחר: (לאַכט) זעט איר, איך האָב טאַקע אמונת חכמים, וואָרן איך גלייב ביידערליי וואָס זיי רעדן איינער אויפס אַנדערע.

(זיבעטער אויפטריט, זייט 70—71 פון „די געגנאַרטע וועלט", מלוכה־פאַרלאַג דער „עמעס", מאָסקווע 1940)

און אַ קורציגק בילד פון אַ טרעפונג צווישן אורי און דעם מלמד פון פינפטן אויפטריט, 1־טער אַקט: ווען דער מלמד גייט אַרויס, נישט וועלנדיק וויטער הערן די טרעפלעכע ווערטער פון אורי וועגן זיינע פאַלשע אָנ־שטעלן און זיין שאַרן זיך צו דער דינסט, וואָס איז אוריס געליבטע, זאָגט דאָן אורי אפארט:

„אָן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר נישט בלאָזן. איך וואָלט גערן עפּעס געזאָגט, נאָר ווי שמועסט עפּעס די וועלט: דאָרט, ווי דער ציגיינער שטייט איין, דאָרט רירט ער נישט. נו, אָט שלייכט שוין דער מחותן. נעכיי העט ער געוועזן טאַקע אַ רעכטער ייד, אַ היילקער און בענ־טשער, אַבי ער זאָל מיין כלה גיין לאָזן. איך וואָלט אים שוין לאַנג די ביינער צעבראָכן, נאָר איך האָב מורא מיט אַזוי (אַ) יראת־שמים־פּנימל צו אָנ־טשעפּן: איטלעכער וועט אָלץ אים נעבעך גערעכט געבן, ווי מיר. זיין שוואָר־צער סוף וועט אָבער פאַרט קומען (ווי ער וויל אויפהייבן די האַנט קומט אָן דער מלמד, און ער באַקומט אַ זעץ אין די ציין אַריין).

מלמד: (מאַכט הוויות, ווישט זיך אָפּ די הענט אין דער פּאָלע פון דעם קאַפטן און שרייט הייזעריקערהייט „אשר יצר"): נו, דו העסט דאָך מיר שיר אַלי ציין אויסגעשלאָגן!

אורי: וואָס מאַכט איר דאָס אַזוי חן? איך מיין עפּעס אַ באַסלאַניעץ איז אויף מיר געשיקט געוואָרן! פאַרוואָס? ווייל איך גיי מיר שיך, ריין געפּוצט און טו כל שרות אין שטוב, בין איך מבוזה־מבזה, און ווייל איר גייט לעפּיש, ווי כוואַליש אין ליילעך, און האָט אַ פּנים, ווי אַן אויסגעווייקטער הערינג, גייט אין ווייסע שיך מיטן טלית־קטן, זענט איר שוין חשוב און הויך? נו, וואָס זאָל מיר דאָס? זאָגט מיר בעסער, ווי קומט דאָס, אַז איר זענט היינט אַזוי פרי פון דעם שטיבל געקומען? תמיד מוז מען לאַנג וואַרטן איידער איר קומט פון דעם קלייזל היינט זענט איר אפשר הונגעריק? (די אַקציע קומט פאָר ערב פּורים — ש. ל.).

מלמד: (לאַכט) גיך, עס איז פֿאַר דיר אַ שטיקל סוד. זעסטו, אין יענעם קאַרדאָן האָט אַ גוטער ייד, אַ רבי, איין מנהג, — אַ תורה, וויל איך זאָגן,— אויפֿגעבראַכט, אַז מען מעג לייענען אין דער מגילה גאָר אָן דעם טראָפּ; מילא איבער דעם דויערט עס גאָרנישט.

אורי: אוודאי יוי, וואָס טויג אייערע לייט אַ טראָפּ? כ׳לעבן פֿאַר אייערס גלייכן איז (אַ) טראָפּ ווייניק. (ווייזט אויף דעם מויל און לויפֿט אַרויס).

ווי עס איז צו זען פֿון די פֿראַגמענטן, האָבן מיר אין דער ערשטער וועלטלעכער קינסטלערישער קאָמעדיע אַ רעאַליסטישע שילדערונג, וואָס ברענגט אַרויס אויף אַ ביז גאָר בולטן אופֿן שטייגער־שטריכן פֿון דער צייט; שטריכן פֿון דעמאַסקירנדיקן, און איינצייטיק, אויב מען קען זיך אַזוי אויס־דריקן, רעוואָלוציאָניזירנדיקן ווערט. ווייל זי רייסט אַראָפּ דעם פֿרומען שלייער, באַווייזט דעם עקספּלאָאַטאַרישן תוך פֿון דעם צדיקיזם, ווייזט די שנאה, וואָס אָט די צבועקעס רופֿן אַרויס (ריכטיקער — דאַרפֿן אַרויסרופֿן) ביי פֿאָלקס־מענטשן מיט אַ געזונטן פֿאַרשטאַנד, ווי אורי. שוין ביי די ערש־טע טריט איז די יידישע ליטעראַטור אַוועק מייל־ווייט פֿון דעם אַבסטראַקטן, פּאַטעטישן, מליצהדיקן און פּסעוודאָ־קלאַסיציסטישן מאַניר פֿון דער העב־רעישער ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך תיכּף געשטעלט מיטן פּנים צו דערווירקלעכקייט. די באַדערפֿעניש צו שילדערן און איבערצוגע־שטאַלטיקן די ווירקלעכקייט האָט זי געבוירן און דעם וועג געוויזן. אַ וועג, אויף וועלכן ס׳איז אַוועק אונדזער קלאַסיק, און אויף וועלכן עס שפּאַנט ביז היינט צו טאָג די פּראָגרעסיווע יידישע ליטעראַטור.

קאַפּיטל 9.

יצחק־בער לעווינזאָן (ריב״ל)

דער מענדעלסאָן פון די רוסישע יידן

יצחק־בער לעווינזאָן.

איינער פון די באַדייטנדיקסטע און וויכטיקסטע פאַרשפּרייטער פון אויפקלערונג אין די געביטן פון דרום־רוסלאַנד און פון ליטע איז אָן שום ספק געווען דער גלענצנדיקער ערודיט און קריסטאַל־ריינע פערזענלעכקייט יצחק־בער לעווינזאָן.

יצחק־בער לעווינזאָן איז געבוירן געוואָרן דעם 2־טן סעפּטעמבער 1788 אין דער וואָלינער פּראָווינץ־שטאָט קרעמעניץ אין אַ פאַרמעגלעכער יחסנישער פאַמיליע, וואָס האָט געשטאַמט פון שפּאַניע. זיין פאָטער יהודה לעווין, וואָס האָט געפירט גרויסע געשעפטן מיט פּוילישע פּריצים, האָט

גוט באַהערשט די פּוילישע שפּראַך. יצחק־בער האָט באַקומען אַ נישט געוויינלעכע דערציאונג פאַר יענער צייט: ער האָט אונטער דער אויפזיכט פון דעם פאָטער נישט נאָר געלערנט תנ"ך, נאָר אַפילו רוסיש.

לעווינזאָן האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין פענאָמענאַלן זכרון.

די סיבה, וואָס זיין פאָטער האָט אים דווקא געלערנט רוסיש און נישט פּויליש, איז אַ זאַך פון קולטור־היסטאָרישן אינטערעס און מיר וועלן זיך אויף דער פראַגע עטוואָס לענגער אָפּשטעלן. עס איז געווען פּונקט דאַן, ווען וואָלין איז איבערגעגאַנגען צו דער רוסישער מאַכט, אין דער משפחה לעווין האָט געהערשט אַ פאַרביטערונג קעגן די ווילקירלעכע מעשים און ווילדע גגישות מצד דער צעפּוילטער פּוילישער שליאַכטע. דער פאַקט, וואָס יהודה לעווינס ברודער, חיים, וואָס האָט געפירט גרויסע געשעפטן מיט פּריצים, איז דורך איינעם אַ פּריץ באַשולדיקט געוואָרן אין עלילת־דם און אַריינגע־זעצט געוואָרן אויף צוועלף יאָר אין תפיסה, ווי אויך די פּערזענלעכע איבער־לעבונג פון י. ב. לעווינזאָנס פאָטער, וועלכן אַ פּוילישער גראַף האָט געמאַכט פאַר אַ קאַליקע בלויז דערפאַר, וואָס זיין פאָטערס בריטשקע האָט אַ ראַק געטאָן די פּריצישע, האָט אין די אויגן פון דער משפחה לעווין אַרויס־גערופן אַ געפיל פון פרייד און גליק, וואָס קרעמעניץ איז אַריבער צו רוס־לאַנד ווי אַ טייל פון מערב־אוקראַינע. זיי האָבן דאַן געהאָפט, אַז די צאַרישע מאַכט וועט האַלטן אין צוים די דעגענערירטע פּוילישע פּריצים. די דאָזיקע פאַקטן דערקלערן, פאַרוואָס יצחק־בער לעווינזאָן האָט געלערנט די רוסישע שפּראַך, דערקלערן זיין רוסישן פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט געקראָגן אַזאַ דייט־לעכן אויסדרוק אין זיינע שאַפונגען.

וועגן לעווינזאָנס יוגנט־יאָרן איז פאַראַן זייער ווייניק ידיעות. עס איז בלויז באַוווסט, אַז ער האָט זייער יונג אָנגעהויבן שרייבן לידער, און אַז עס האָט זיך אויפגעהיט זיינס אַ ליבע־ליד, וואָס ער האָט געשריבן אין 1804 יאָר, ווו דער 16־יאָריקער דיכטער ווענדט זיך צו זיין געליבטער מיט אַזעלכע שורות פון ליבע־ווי: „ווען אייגער טוט דעם אַנדערן פאַרווונדן, טוט דאַך יענער אים פאַרהאַסן און זעט אין אים אַ שונא, אָבער דו, מיין שיינע! דו האָסט פאַרווונדעט מיין האַרץ, נאָר ווי קאָן איך דיך האַסן? און ווען דו וועסט אַפילו פאַרדאָפּלען די ווונדן — וועט אַלץ מיין ליבע צו דיר וואַקסן („אל אהובתי תמתי").

צו 18 יאָר האָבן אים די עלטערן חתונה געמאַכט און ער איז אַריבער קיין ראַדזיוויל, וואָס געפינט זיך בסך־הכל 8 קילאָמעטער ווייט פון דעם

עסטרייכישן בראָד. מיט זיין פרוי האָט לעווינזאָן געהאַט אַ שלעכט לעבן. נאָך דעם ווי זייער איינציק קינד איז געשטאָרבן, איז ער זיך מיט איר פאַנאַנדערגעגאַנגען און פון דעמלט אָן זיך פולשטענדיק אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור. היות צו יענער צייט זיינען זיינע עלטערן פאַראָרעמט געוואָרן, פאַרנעמט זיך לעווינזאָן מיט געבן „שטונדן", מיט פריוואַט־לערעריי.

אין 1812 יאָר, נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה הינטער מאָסקווע, שרייבט לעווינזאָן אַ פּאַטריאָטישן שיר א. ק. „קול ענות גבורה" און דער קאָמענדאַנט פון ראַדזיוויל, גענעראַל גירס, וואָס ביי אים איז לעווינזאָן געווען רוסישער דאָלמעטשער בשעת דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה, שיקט איבער דעם שיר צום אינערן־מיניסטער אַלס באַווייז פון יידישן פּאַטריאָטיזם.

אין דער צייט איז לעווינזאָן פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און איז אַוועק אין דער שכנישער גאַליצישער שטאָט בראָד. דאָרט, אין דעם באַרימטן משכילישן צענטער, באַקענט ער זיך מיט די אָנגעזעענע משכילישע שרייבער: מענדל לעפין, שמואל יעקב ביק, יצחק ערטער און בעריש בלומענפעלד. שפּעטער, פאַרנעמענדיק זיך מיט אַרויסגעבן זיין לוח אין יידיש, באַקענט ער זיך אין זשולקיעוו מיט דעם גרויסן משכילישן ערודיט נחמן קראָכמאַל. אין בראָד האָט ער צוערשט געדינט אַלס בוכהאַלטער אין אַ האַנדלסגעשעפט, דערנאָך האָט ער אויסגעהאַלטן דעם לערער־עקזאַמען ביי דער טאַרנאָפּאָלער שול. דאָרט באַקענט ער זיך מיט יוסף פּערלען, און אַ דאַנק פּערלס פּראָטעקציע באַקומט ער אַ שטעלע אין דער ניי־געגרינדעטער בראָדער רעאַל־שול.

פילנדיק די מאָראַלישע פליכט אָפּצוגעבן זיינע ידיעות און קרעפטן דער אויפקלערונג פון רוסישן יידנטום, קערט זיך לעווינזאָן אום אין 1820 אין זיין געבוירן־שטאָט קרעמעניץ און הייבט אָן זיין השכלה־אַרבעט פון פאַרפאַסן אין לשון־קודש אַ רוסישע גראַמאַטיק („יסוד לשון רוסיא"). צוליב די רדיפות פון די פאַנאַטיקער, וואָס דערשמעקן אין לעווינזאָנען אַ שרעקלעכן אפיקורס, באַשליסט לעווינזאָן אָנצונעמען די איינלאַדונג פון אַ רייכן בערדיטשעווער סוחר און פאָרט אַהין אַלס לערער פון זיינע קינדער.

אין 1823 באַנייט זיך ווידער זיין שווערע נערוון־קראַנקהייט און ער קערט זיך אום קיין קרעמעניץ, באַזעצט זיך אין עק־שטאָט אין אַ בוידעם־שטיבל, וואָס ער פאַרלאָזט שוין נישט אין משך פון זיין גאַנץ לעבן. אין דער צייט האָט לעווינזאָן פאַרענדיקט זיין לעבנס־ווערק „תעודה בישראל". נישט פאַרמאָגנדיק קיין מיטלען אָפּצודרוקן עס, באַמיט ער זיך צו שאַפן פאַר דעם בוך די נויטיקע צאָל פּרענומעראַטאָרן, אָבער דאָס גיט זיך אים נישט איין.

ער ווענדט זיך דעריבער אין 1827 יאָר מיט אַ קיצור פון כתב־יד און אַ ברייטער אויפקלערונג אין דער דייטשער שפּראַך צום רוסישן בילדונגס־מיניסטער שישקאָוו, בעטנדיק ביים צאַר אַ סובסידיע. לויט אַן אַלערהעכסטן באַפעל איז לעווינזאָנען סוף 1828 יאָר אויסגעצאָלט געוואָרן 1.000 רובל „פאַר אַ ווערק אין דער העברעישער שפּראַך, וואָס זיין קעגנשטאַנד איז מאָראַליש צו רעפאָרמירן דאָס יידישע פאָלק”. דאָס בוך איז וואָס אַן אמת דערשינען מיט עטלעכע חדשים פאַר דעם קיניגלעכן געשאַנק, אַ דאַנק דער הילף פון עטלעכע רייכע יידן. דער פאַקט אָבער, וואָס דער קייסער זעלבסט האָט באַוויליקט סובסידירן דאָס בוך, און וואָס לעווינזאָן האָט עס געשיקט אויסגענוצט אינעם שער־בלאַט דורך אַ דאַנק־זאָגונג דעם צאַר, דער דאָזיקער פאַקט האָט פאַרהיט דאָס בוך פון דעם גורל, וואָס האָבן געהאַט פיל מילדערע אויפקלער־ביכער פון מנשה איליער און אַנדערע. די חסידים האָבן געקריצט מיט די ציין און האָבן דאָך נישט געוואַגט עפנטלעך אַרויסצוטרעטן סיי קעגן בוך, סיי קעגן זיין מחבר. מען האָט געשאָלטן „דעם תעודקע ימח שמו וזכרו” נאָך פיל יאָרן נאָך זיין טויט, אָבער אָנרירן דאָס בוך האָט מען נישט געוואַגט. וועגן דער באַדייטונג און געוואַגטקייט פון דעם בוך איז גענוג צו זאָגן, אַז לעווינזאָן איז דורך דעם געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „דער מענדעלסאָן פון די רוסישע יידן”. ווי גרויס עס זאָלן נישט זיין די פאַרדינסטן פון דעסויער פילאָזאָף, מוז מען אויפן סמך פון לעווינזאָנס קאַמף אין העברעאיש און יידיש פעסטשטעלן, אַז ער איז געווען אָן אַן ערך געוואַגטער און דעמאָקראַטישער, ווי דער בערלינער פאָרגייער, און אַז אין זיינע שאַפונגען זיינען געקומען נישט בלויז צום אויסדרוק די אַספּיראַציעס פון דער יידישער בורזשואַזיע, נאָר אין אַ גאָר באַדייטנדיקער מאָס אויך די ליידן און דער פּראָטעסט פון די פאָלקס־מאַסן.

פאַרשטייט זיך, אַז זיין ווערק, ווי בכלל זיין שאַפן, האָט געליטן פון דעם גרונט־חסרון, פון דעם בורזשואַזן ליבעראַליזם פון די משכילים, וועלכע האָבן געגלויבט אין דער אַלמעכטיקייט פון וויסן און אין דער ווילנבייגזאַמקייט פון די „אויפגעקלערטע מאָנאַרכן”. אַפילו דער פאַרבאָט צו וווינען 50 קילאָמעטער פון דער גרענעץ, אַפילו דאָס באַזייטיקן די יידן פון די דערפער איז פאַרשטאַנען געוואָרן דורך די משכילים אַלס רעזולטאַט בלויז דערפון, וואָס פיל יידן זיך נישט מיט קיין פּראָדוקטיווע אַרבעטן. אפילו דער רעקרוטן־געזעץ, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1827 און לויט וועלכן יידישע קינדער, דערעיקר פון דער אָרעמקייט, האָבן אין עלטער פון 12 יאָר און העכער באַדאַרפט קאַנטינגענטווייז צו־

געשטעלט ווערן אין מיליטער און אויך פאַר „ניעדאָימקעס", ס'הייסט פאַר נישט באַצאָלן דורך אַ שטעטל דעם פולן שטייער, האָט מען געדאַרפט צאָלן מיט רעקרוטן, וואָס זיינען אַוועק אויף גאַנצע 25 יאָר און געצוווּנגען געוואָרן צו שמד, — איז פאַרשטאַנען געוואָרן ביי פיל משכילים און טייל־ווייז דורך לעווינזאָנען גופא אַלס ערשטער שריט צו עמאַנסיפּאַציע.

אין זיין יידיש ווערק „די הפקר־וועלט", וואָס איז געשריבן געוואָרן אַרום 1830—1831 יאָר, טרעט טאַקע לעווינזאָן אַרויס זייער שאַרף קעגן די מיסברויכן פון די רעדל־פירער, קעגן די שווידערלעכע עוולות, וואָס ווערן געטאָן דעם יידישן פאָלקס־מענטש. ער טרעט אָבער נישט אַרויס קעגן געזעץ גופא. אין זיין שפּעטערדיקן מעמאָראַנדום צום קייסער בעט ער בלויז העכערן דעם עלטער פון די רעקרוטן, מען זאָל נישט נעמען אַזעלכע יונגע קינדער.

און דאָך, נישט געקוקט אויף דער באַגרענעצטקייט פון אָנשויונגען, איז פאַראַן אין לעווינזאָנס שאַפן אַזעלכע אַקצענטן, וואָס שטעלן עס אויף אַ באַזונדער חשוב אָרט אין דער השכלה־ליטעראַטור. אין זיין פּראָגראַם־ווערק „תעודת בישראל", באַגרינדעט ער נישט בלויז די נויטיקייט פון בילדונג, נאָר די קאָלאָסאַלע וויכטיקייט פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. ער באַקעמפט די חסידים נישט בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען קעגנער פון וויסן, וואָס זיי פאַרפירן מיט פאַרשידענע ליגנס דאָס פּשוטע פאָלק, נאָר דער עיקר דערפאַר, ווייל זיי פּאַראַליזירן דעם ווילן פון פאָלק, אַנטוויקלען אין זייערע אָנהענגער דעם פאַנטאַסטישן און קרענקלעכן בטחון, טויטן אָפּ דעם חשק צו נוצלעכער אַרבעט און לערנען זיי זיך צו פאַרלאָזן אויף די רביים, באשר זיי וועלן פאַר אַ גוטן פדיון אויף זיי משפיע זיין כל טוב אָן מי און פּראָצע...

„דערוואַכט, מיינע ברידער! — רופט אויס לעווינזאָן — דערוואַכט פון אייער פאַנטאַסטישן דרימל! גענוג צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און פאַר־לאָזן זיך אויף נסים! גענוג צו זיין לופט־מענטשן, לעבן פון שאַכער, פון שענקען און קליין־האַנדל! מען דאַרף זיך נעמען צו פּראָדוקטיווער, נוצלע־כער אַרבעט, צו מלאכות און ערד־אַרבעט. מען דאַרף גרינדן ספּעציעלע געווערב־שולן, בכדי גוט צו לערנען די מלאכה".

וועגן באַדייט פון דעם פּראָגראַם־בוך פון דער רוסישער השכלה זאָגן עדות די אָפּרופן פון די מיטצייטלער:

„בלויז אייער בוך — שרייבט מתתיהו שטראַשון אין 1834 יאָר — האָט מיר געעפנט די אויגן און איך בין אַן אַנדערער מענטש געוואָרן. איך האָב דאָס בוך געלייענט צוויי מאָל און דריי מאָל, און אַלץ נישט געקאָנט

זיך אַנזעטן. אַ ווונדערבאַר ליכט האָט מיטאַמאָל פאַרטריבן פון מיינע אויגן די שאָטנס פון פינצטערניש, אַ הייליק פייער האָט אין מיין האַרצן אַ פייער אָנגעצונדן און דאָס פייער וועט שוין מער נישט פאַרלאָשן ווערן".

דער געלערנטער שניאור זאַקס (זאַק"ש) שרייבט אין 1841 יאָר:

„אין מיין פריער יוגנט, בעת איך בין געווען ליידיק פון וויסן און האָב געטאַפּט אין דער שטאָק־פינצטערער נאַכט, האָט פאַר מיר פלוצלינג ווי אַ ליכט־זייל דיין „תעודה" אויפגעשיינט. ער האָט אין מיר דערוועקט דעם דורשט נאָך ליכט און וויסן, ער האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט דעם וועג, איבער וועלכן איך וועל וואַנדערן מיין גאַנץ לעבן".

דער באַדייט פון „תעודת בישראל" באַשטייט אויך דעריך, וואָס ער האָט אויפגעמונטערט, דערמוטיקט די קליינע גרופּקעלעך משכילים, וועלכע האָבן מורא געהאַט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן, און געווירקט אויף זיי, ווי אַ סיגנאַל, צונויפצונעמען די כוחות און אַוועק אין אַנגריף קעגן די פינצטערע כוחות אויף דער יידישער גאַס.

„אָן אַ שיעור יידישע יונגע לייט האָבן דעמאָלט (נאָך דעם דערשיינען פון „תעודה בישראל") געעפנט די אויגן און האָבן זיך גענומען לערנען לשון־קודש און די לאַנד־שפּראַך (ס'הייסט רוסיש). זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט שטאַרקן מוט און האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר די פאַנאַטיקער, וואָס זיינען זיי געשטאַנען אין וועג. אין יעדער שטאָט האָבן זיך געגרינדעט פאַר־באַנדן, און די איינצלנע משכילים, וואָס זיינען שוין פון פריער געווען צע־שפּרייט דאָ און דאָרטן, האָבן זיי דערביי מיטגעהאָלפן. זיי האָבן זיך אָפּגע־טיילט פון חסידישן כלל און האָבן זיך געווענדעט צו בילדונג און וויסן" — אַזוי דערציילט גאָטלאָבער.

ליווינזאָנס ליטעראַרישע טעטיקייט אין העברעיש איז געווען זייער אַ רייכע און פאַרצווייגטע: אין 1829 יאָר האָט ער פאַרענדיקט זיין ווערק „בית יהודה", וווּ ער האָט געפּרווט געבן די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון יהדות אין אַ פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער פאָרם, אין 1830 יאָר דריקט ער אָפּ אַ גלענצנדיקע אַנטיחסידישע סאַטירע „דברי צדיקים" און אַנדערע. נישט געקוקט אויף זיין נעגאַטיווער באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט געזען בלויז אַ פאַרדאַרבענעם לשון „וואָס זי איז אויסגעמישט מיט פאַרדאַרבענע ווערטער, גענומענע פון העברעיש, רוסיש, פראַנצויזיש, פּויליש וכדומה, אויך די דייטשע ווערטער זיינען צעצויגן און פאַרקריפּלט, ביטאָ אין זיי קיין גאַנץ גליד, דערצו נאָך קלעקט אונדז די דאָזיקע שפּראַך נאָר פאַר פּראָסטע זאַכן און פּשוטן שמועס, און אַז מיר ווילן

אויסדריקן אַ העכערן באַגריף, האָבן מיר ניִשט קיין לשון"; ניִשט געקוקט אויף זיין אידעע וועגן איבערנעמען די הערשנדיקע לאַנד־שפּראַך, פּונקט ווי עס האָבן אַמאָל געטאָן די תּנאים לגבי אַראַביש און גריכיש; ניִשט געקוקט אויף זיין טעזע, אַז מען דאַרף ניִשט אין לאַנד קיין יידיש־דייטש; אַז עס איז נויטיק — אָדער די ריינע דייטשע שפּראַך, אָדער די רוסישע שפּראַך, וואָרעם זי איז די שפּראַך פון דער מדינה, ובפרט אַז זי איז אַ שפּראַך זייער אַ רייכע און אַ ריינע, עס פעלט אין איר ניִשט קיין שום ליבלעכקייט און שיינקייט און אַלע הויכע מעלות, וואָס קערן זיך אָן צו דער פולקאָמקייט פון אַ שפּראַך"; ניִשט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט ער געשריבן אַ ווערק אויף יידיש. דאָס איז די שוין דערמאָנטע „הפקר־וועלט". דער פאַקט, וואָס דאָס בוך איז פאַר זיין לעבן ניִשט געדרוקט געוואָרן און איז בלויז פאַר־שפּרייט געוואָרן אין אָפּשריפטן, שוואַכט לחלוטין ניִשט אָפּ דעם באַדייט פון ווערק. ווייל ווי שוין געזאָגט, איז לעווינזאָנען בכלל ניִשט לייכט אָנ־געקומען אָפּצודרוקן אַפילו זיינע העברעאישע ווערק סיי צוליב מאַנגל אין מיטלען — ער האָט געלעבט אין שוידערלעכער נויט און איינזאַמקייט, דער־צו אַ שווער קראַנקער — סיי צוליב דעם פעלן פון אַ דרוקעריי, וואָס זאָל וואַגן זיינע „אַפּיקורסישקייטן" דרוקן. איבריקנס קאָן געמאָלט זיין, אַז אויך צענזור־טעמים, ווי אויך דער שאַרפער טאָן פון דעם ווערק האָט אים אָפּ־געהאַלטן פון באַמיען זיך אָפּצודריקן עס.

א. ב. גאָטלאָבער דערציילט, אַז „די הפקר־וועלט" האָט צירקולירט איבער גאַנץ וואָלין און נאָך ווייטער, און, פון איין זייט, אַרויסגערופן דעם גרימצאָרן פון די דעמאַסקירטע עלעמענטן און, פון דער צווייטער זייט, אַ ווילן צו שרייבן אין יידיש ביי אַ גאַנצער ריי משכּילים. אויך דער צוויי־טער טייל „וואָס סיאַ טוט זיך אויף יענער וועלט" איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר ליִנעצקין, פאַר גאָטלאָבערן, אַקסענפעלדן און אַנדערע אין זייערע אַנטי־חסידישע אַרויסטרעטונגען.

מיר וועלן זיך קודם־כּל באַקענען מיט דעם ווערק אין וויכּוח־פאָרם „די הפקר־וועלט", וואָס פאַרמאָגט פאָלגנדיקן מאָטאָ: „באָך וויסאָקע, פאַן דאַלעקע (אַ גויעש ווערטל)".

עס קומט דאָ פאָר אַ גאַנץ געמיטלעכער שמועס צווישן צוויי אָרטיקע (קרעמעניצער) יידן און אַן אורח, וועלכן זיי דערציילן וועגן די פּאָראַנדקעס אין שטאָט. דער אורח איז פון דער ליטע, וווּ דער חסידיזם איז אָן אַן ערך שוואַכער און במילא איז ער נשתּומם פון דעם גרויסן אומרעכט, וואָס עס געשעט דער פאָלקס־מאַסע. אויב עס גייט אַ רייד וועגן דעם ליטעראַרישן

ווערט פון פערסאָנאַזש, איז ער נישט קיין גרויסער, ווייל די שפּראַך זייערע איז איינע און די זעלביקע, די כאַראַקטערן זיינען איינגאַנצן נישט אינדיווי־דואַליזירט און באַנוצן זיך מיט דעם שמועס־שאַבלאָן, מיט דעם אָנגענומע־נעם רייד־אופן אַזוי, ווי ער האָט אויסגעזוכן אין דער יידישער פאָלקס־מאַסע. במילא האָבן מיר דאָ בלויז פיקסירונג, פּינקטלעכע פיקסירונג פון דעם זאַפטיקן וואָלינער לשון אָן דער מינדסטער השגה אים קינסטלעריש צו לייטערן. אַ זאַך, וואָס האָט אַזוי פּינקטלעך און זאַרגעווודיק געטאָן עטינגער, מענדעלע און בכלל די קלאַסיקער.

מיר וועלן אַלס ביישפּיל ברענגען דעם אָנהייב:

ר׳ זרח: גוט מאָרגן, ר׳ פּייטל!

ר׳ פּייטל: גוט מאָרגן, גוט יאָר! — אוי, ביטער, ביטער, נישטאָ קיין כוחות, נישטאָ — נישטאָ — אוי!

ר׳ זרח: זעצט איך, ר׳ פּייטל, לעבן מיר, אויף דער פּריזבע, רוט אייך אַ ביסל אָפּ, זעצט אייך לעבן דעם יידן, נישט קשה — נישט קשה!

ר׳ פּייטל: ווער איז דער ייד? אַפּנים אַן אורח עפּעס? שלום עליכם! פון וואַנען איז אַ ייד?

אורח: פון רייסן.

ר׳ פּייטל: אַ סקלאָווער? אַ מאָהילעווער? אַ וויטיפּסקער? האָ! איך הער נישט, פון וואַנען?

אורח: אַ מאָהילעווער! דאָס הייסט נישט אין גאַנצן אַ מאָהילעווער, און פאַרט אַ מאָהילעווער, אַ וויטיפּסקער אויך אַביסל, און אַ שטיקל דובראָוונער און הייגט בין איך גאָר אַ קורלענדער.

ר׳ זרח: ווי אַ ליטוואַק, פון עלף שטעט, אַ שטייגער ווי אַ פּידקאַמענער—בראָסלאָווער—ירושלמי!

אורח: כאַ, כאַ, כאַ, אַ געלעכטער כ׳לעבן! אוי, מאריך ימים זאָלט איר זיין זיידעניאַ! ס׳איז גאָר אַ פּורים־שפּיל מיט דעם אַלטיטשקן, לעבן זאָלט איר הונדערט און צוואַנציק יאָר! זעצט אייך דאָ, איר האָט גאָר קיין כוח נישט, זעצט אייך, נישט קשה!

ר׳ זרח: פון וואַנען גייט איר עס דאָ? עפּעס גייט איר מיר אַנגעזאָטלט, ר׳ פּייטל! גייט איר ניט פון אַ באַדעקנסל, פון אַ בריתל, עפּעס פון אַ שמ־חהלע, — האָ?

און דאָ הויבט זיך אָן די אייגנטלעכע „אַקציע״. ר׳ פּייטל הויבט אָן שילטן די קהלסלייט פאַר דעם, וואָס זיי צווינגען צו שווערן פאַלש, נישט ווויסנדיק אַפילו פאַרוואָס מען האָט געשווירן און עס הייבט זיך אָן אַ סדרה

„הפקר־וועלט״. מע מוז זאָגן אַלץ וואָס די תקיפים הייסן, ווייל אַנדערש איז מען אויסגעשטעלט אויף רדיפות. ווייל דאָ פירן חסידישע רביים דאָס רעדל, זיי קוקן נישט אין תכלית אַריין, זיי זאָגן: זיי קוקן אין הימל אַריין און זייערע קינדער אַליין האָבן אָפּט „שטעקן געלט אין פּעקל״ (אין שמוגל, קאָנטראַבאַנדע — ש. ל.). „ס׳טייטש אַ פּעקל־מאַכער איז דאָך גאָר ביי די רביים דאָס אויבערשטע פון דעם שטייסל. ווער גיט מער געלט דעם רבין, ווי אַ פּעקל־מאַכער? ווער איז מער חשוב ביי זיי, ווי אַ פּעקל־מאַכער?״.

ביי אַזאַ מאָראַל מצד די רביים איז זיך, פאַרשטייט זיך, נישט צו וווּנדערן, וואָס די „פּרנס־חדשים זיינען גנבים, רוצחים, לייגן זיך נאָר — זיי זאָלן רייך ווערן פון אָרעמע לייט״ און דאָס אַלץ צוליב דעם, וואָס עס איז נישט פאַראַן קיין אָרנטלעכע רביים, קהלס לייט״. און ווען דער אורח פרעגט תמעוואַטע, פאַרוואָס מען מאַכט אַזעלכע לייט פאַר קהל, ענטפערט ר׳ פייטל: „ס׳טייטש, זיי מאַכן זיך אַליין!״.

אורח: ווי הייסט? מען מוז דאָך זיי באַלאָטירן (באַלאָטירן, וויילן — ש. ל.) דורך אַ „וויבאָר״? און דאָ קומט אַ געטרײַ בילד פון די „וויבאָרעס״. עס זיינען פאַראַן „עטלעכע נגידים אין שטאָט״, וואָס זיינען „בלאָט — מסתם נישט אומזיסט״ און זיי מוז שוין דער עולם, די אָרעמקייט „נאָכזאָגן״ אָמן. „ווייל אַנדערש איז מען אויסגעשטעלט אויף אַן אַ שיעור רדיפות: אָט שטעלט מען אים שוין אַריין צען זעלנער צו האָדעווען, אָט מאָנט מען אים קאַשע־געלט איין קערבל (וואָרום די נגידים זיינען דאָך איינס מיט קהל), אָט נעמט מען אים גאָר זיין קינד, אַ בן־יחיד, אַוועק פאַר אַ רעקרוט. די מוזן שוין אַלץ טאָן, וואָס דער נגיד, אָדער קהל הייסט״. ווען דער אורח רופט אויס, אַז דאָס איז דאָך סדום און ראַט צו שרייבן אין דער גובערניע, אָדער קיין פּעטערבורג אַליין, ענטפערט אים ר׳ זרח: באָך וויסאָקע, אַ פאַן דאַ־לעקע!... און אָט ווערט דערציילט וועגן די רעקרוטן: ר׳ זרח זאָגט וועגן דעם: „זינט מען נעמט רעקרוטן, האָט מען נאָך נישט אָוועקגעגעבן קיין עושרס קינד, קיין שום תקיפס קינד, קיין שום פאַקטערס קינד, קיין שום בית־המדרש־בחור, נאָר אָרעמע לייטס קינדער נעבעך, ערלעכע בעלי־מלאָ־כות קינדער, וואָס העלפן זייערע עלטערן אַרבעטן, ערלעכע משרתים, ערלעכע בעלפערס״. און פייטל גיט צו:

„איר זאָלט זען מיין פריינט, ווי מען שלעפּט פיצלעך קינדערלעך ווי די חזרים, פון דער מוטערס שויס! דאָס רחמנות צעברעכט דאָס האַרץ!״ און ווייטער: „ווי קען מען עס אויסהאַלטן, אַז מען זעט קליינע קינדערלעך בעטן, די פאָטער און מוטער זאָלן זיי בלינד מאַכן, אָדער עפּעס אַן אַנדער

מום מאַכן, כדי זיי זאָלן פּטור ווערן פון שרעקן״... און צו וואָס כאַפּן די „לאָווצעס״ אַזעלכע פּיצלעך? בכדי אַרויסצופּרעסן ביי דער אָרעמקייט דעם לעצטן גראָשן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַלץ צוליב דעם, וואָס די אויסוורפן געניסן פון דער ברכה פון די רביים, ווייל דאָס פאָלק איז פינצטער. און ווייל דער עושר איז עגאָיסטיש און רעכנט זיך איינגאַנצן נישט מיט קיינעם ווייטיקן. דאָס עטישע נאָרמען, און דעריבער טאַקע איז די לאַגע אַזאַ, אַז „ווער ס׳איז נעבעך אַן ערלעכער מאַן ליגט אין דער אַדמה. וויפל מיינט איר, זיינען דען דאָ גאָר דאָ אָט די, וואָס בלישטשען אין שטאָט? דרייסיק אָדער פערציק פאַרשוין. דאָס איז דער פּער. דער כלל, ווער עס קען זיין עפּעס אַ טוער אין שטאָט, דער לעבט דערפון, דער איבעריקער עולם האָרעוועט, רייסן קריעה, פאַרדינען נעבעך מיט דעם ביטערן שווייס זייער גראָשן, וואָס העלפט עס. זיי מוזן האָרעווען אויף פרעמדע ווייב־און־קינדער, זייער גאַנץ דאָברע מזל נעבעך גייט אַריין אין די פאַרשמאָדערטע בגדים: זיי זייגן זיי אויס טאָג־און נאַכט מיט נתינות, מיט די טאַקסעלעך, מיט רעקרוטן־געלט, מיט אַקסן־געלט״.

פון דעם ציטירטן איז קלאָר, ווי בולט לעווינזאָן דעקט אויף די קלאַסן־קעגנזאַצן אין יידישן שטעטל און די עקספּלאָאַטאַציע פון דער האָרעפּאַשנער יידישער מאַסע דורך דעם הייפּל קהלס־לייט, בגידים און כלי־קודש.

די סאָציאַלע קאָנפליקטן, וואָס האָבן נאָך ביי לעווינזאָנען אַ קנאַפּע קינסטלערישע פיקסירונג, וועלן נאָך באַרירט ווערן דורך אַ גאַנצער ריי יידיש־רוסישע משכילים ביז מענדעלען, וועלכער ווידמעט זיי אויך „דער פריזיוו״ און „די טאַקסע״, — סאַטירישע ווערק אין דראַמאַטיזירטער פאָרם. עס איז אָבער שווער צו זאָגן, צי זיין סאָציאַלע פאַרשפּיצטקייט איז ווער איבערגעשטיגן סיי אין דער פריאיקער השכלה, סיי אין דער שפּעטערער השכלה. און דאָס איז דאָך נישט קיין אויסנאַם־ווערק. איר ווענט די זעלביקע דעמאַסקירנדיקע באַשולדיקונגס־רייד אָנטרעפן אין אַלע זיינע וויכטיקערע ווערק. אָבער אין זיין שנאה צו די קהלס־לייט שטעלט ער זיך אַפילו נישט אָפּ צו שרייבן הלצהלעך אין יידיש. די סאַטירישע גראַמען א. ק. „פּורים־שפּיל אויסגערופן אין שול״ קומט צום סוף פון זיין סאַטיריש ווערק אין העברעיש „תולדות פלוני אלמוני הכזבי״, ווו עס ווערט געשילדערט אַ טיפּ פון אַן אויפגעקומענעם קהלסמאַן, וואָס איז פאַרשטייט זיך אַ מענטש מיט אַלע בויטיקע קוואַליפיקאַציעס פאַר דעם „פּאַך״: ער איז אַן עם־הארץ, אַ צבועק און אַ מענטש מיט אַ שטיינערן האַרץ, און האַסט דעם אָרעמען מענטש, ווי דעם טויט. און ווען ער וויל פּטור ווערן פון די אָרעמעלייט,

באפעלט ער, אַז זיי זאָלן נישט וואַגן איבערטרעטן פורים־צייט די שוועל פון אַ באַלעבאַטישער שטוב. דער עולם בלייבט אָבער טריי דער טראַדיציע מיר וועלן ברענגען דריי סטראָפּקעס פון דעם יידישן ליד, וואָס קומט צום סוף פון דער העברעישער סאַטירע:

עס לאָזן זיך אויס די גוטע צייטן,
וואָס איך פלעג אויף קהל רייטן,
זיי האָבן געגעסן מיטן לעפל,
און איך מיטן שעפל.

אַז ביי מיר פלעגט זיין די אסיפה
האָב איך געהאַט פרנסה בשפע,
פאַרביי די גוטע צייטן,
וואָס איך פלעג אויף קהל רייטן.

קהל וועט אויך באַלד אויס ווערן,
וועט שוין מיין פרנסה גאַנץ אויפהערן:
איך וועל בלייבן אָן געלט,
אַ פּנים ווי חוזק ביי דער וועלט.

קיין שום פּאָעטישן ווערט האָט, פאַרשטייט זיך, די גראַמענגמאַכעריי נישט, אָבער די בייסיקע שאַרפע סאַטירע, וואָס קוקט אַרויס פון יעדער שורה, האָט אַ וויכטיקן באַדייט נישט נאָר בכדי נעענטער זיך באַקענען מיט דער פּערזענלעכקייט פון לעווינזאָן דעם משכיל, נאָר אויך צו באַמערקן, אַז ווו נאָר דער מחבר וויל „מאָלן" שטייגער־בילדער, שטייגער־טיפּן, ווו ער פילט נישט די נויטווענדיקייט זיך אַריינצולאָזן אין אַבסטראַקטע פילאָזאָפישע חקירות ווענדט ער זיך צו יידיש, ווייל אין די יידישע ווערטלעך און ווענדונגען, וויצן און שילטערייען, עפּיטעטן און פאַרגלייכן איז שוין פאַראַן שטייגער און סאָציאַלע דיפערענצירטקייט, — אַ זאַך, וואָס העברעיש האָט עס בשום אופן נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן.

און איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן דער צווייטער טייל „הפקר־וועלט". אין אמתן איז די צווייטע טייל, וועגן וועלכער עס איז בכלל באַוווסט געוואָרן שפּעטער, אין גאַנצן נישט ענלעך צו דער ערשטער און פאַרמאָגט אַ גאָר באַזונדערן סוזשעט. דאָס איז אַ שאַרפע סאַטירע קעגן די „גוטע יידן",

ווי „גדולת ר' וואָלף מטשאַרני אסטרה" און „מגלה טמירין" פון יוסף פּערל 1). אין דעם ווערק האָט לעווינזאָן אויסגענוצט די נייע אין אייראָפּע דערשיינונג, ווי „מאַגנעטיזם" (היפּנאָטיזם). אָט די נייעס, אַז מען קען פאַר־שלעפערן אַ מענטשן און אים הייסן טאָן זאַכן נאָרמאַל אוממעגלעכע, נוצט לעווינזאָן אויס אין זיין צווייטער טייל פון „הפקר־וועלט" אויף אַזאַ אופן, אַז ער הייסט אַ בעל־מופת אַ „מאַגנעטיזירער" פאַרשלעפערן אַ קראַנקן און איבערציילן דערציילן, וואָס ער זעט אויף יענער וועלט. און אָט דערזעט ער אַ פאַר־קערטע וועלט. „דער רבי, וואָס איז געווען באַקאַנט אין זיין קהילה פאַר אַ צדיק, אַ חסיד, אַ בעל־מופת, ווערט געמשפּט אין דעם גיהנום התחתון"..
מיר ווילן ברענגען איין פראַגמענט פון דעם רבינס צוואה צו זיין זון:

„זע־זשע, מיין קינד, דו ביסט דאָך קיין נאַר נישט, און פאַרשטיי, אַז מען וויל זיך מאַכן אַ שיינעם נאָמען און אַז מען וויל אויך געלט פאַרדינען און שיין לעבן, מוז מען זיך מאַסקירן פאַר דעם פּראָסטן פאָלק, דאָס הייסט, מען מוז שווינדלען און זיי פאַרדילן די קעפּ, זיי זאָלן נישט וויסן קיין אונ־טערשיד פון רעכטס צו לינקס"...

ער זאָגט ווייטער זיין זון אָן, ער זאָל נישט זאָגן מוסר ווי די רבנים און מגידים, וואָס באַקעמפן די פאַלשע וואָג און מאָס, די באַטריגעריי, מען זאָל זיך קליידן באַשיידן, אָן לוקסוס, מען זאָל נישט פּראַווען קיין קאָנטראַ־באַנדע־האַנדל און ראַטן זיך פאַרנעמען מיט אַרבעטלעכער מלאכה. זיי „טו־ען אויך זייער נאַריש, וואָס זיי מאַכן אויפמערקזאַם דעם עולם וועגן לערנען מיט די קינדער", טוען נאַריש דערמיט, וואָס זיי „שטראָפן די סבאַרשטשי־קעס מיט די ראַטמענער וכדומה די אַנדערע בעלי־התמנות (אַמטלייט) און נגידים, אַז זיי זאָלן נישט ראַבעווען, זאָלן נישט אַרויפוואַרפן פאַרשידענע ניעדאָימקעס". דער צדיק זאָגט אָן דעם זון:

„זאָלסט נאָר תמיד נאָכגעבן און האַלטן מיט די תקיפים פון דער שטאָט, די נגידים זאָלסטו פאַטשעטאַיען, די ראַטמענעס מיט די ראשי־הקהל, אָט־דאַטשיקעס, וועלכע געבן אָפּ (רעקרוטן), בעלי־טאַקסעס, אָטקופּטשיקעס, צעכמייסטערס וכדומה, זאָלסטו תמיד אַ דורש בשלום זיין און זאָלסט פאַר־לאַנגען נאָר זייער טובה. אויך פון די פאַקטוירים זאָלסטו נישט זיין פון ווייטן, זאָלסט זיי מקרב זיין, דען דורך זיי וועסטו באַפעסטיקן דיין באַ־שטאַנד, וועסט צונויפנעמען פיל געלט און וועסט האָבן גרויס כבוד, וועסט

---

1) זע דעם קאַפּיטל 8.

אַלע מאָל גרעסער וואַקסן. ווי ווייט דו ווערסט קענען זאָלסטו אונטערדריקן די לומדים און די משכילים, וועלכע פאַרשטייען עפּעס א חכמה, זאָלסטו זיי פאַרפאָלגן און מאַכן אויף זיי פאַרשידענע בלבולים. ווען איינער וועט דיר פרעגן אַן עצה, זאָלסטו זען, אַז ער זאָל פאַר דיר מתוודה זיין אַלע זיינע זינד, דורך דעם וועט ער שוין פאַר דיר תמיד מורא האָבן און וועט דיר זיין תמיד נכנע".

פון די אויסצוגן איז צו זען לעווינזאָנס פּאָזיטיווע באַציונג צו די דרשנים, וואָס פּריידיקן אָרנטלעכע פירונג, האַנדל, מלאכה און באַשיידנקייט אין קליידונג, און זיין אויפריכטיקן דעמאָקראַטיזם. לעווינזאָנס לעבן און שאַפן, ווי אויך זיין קאַמף מיט דער פינצטערקייט האָבן אים אַוועקגעשטעלט אַלס איינעם פון די וויכטיקסטע פירער פון דער השכלה אין רוסלאַנד. און אויב אַפילו אין ליטעראַרישן הינזיכט האָבן די יידישע ווערק זיינע נישט קיין גרויסן ווערט, זיינען זיי אָבער וויכטיקע ציגל פאַר דעם בנין פון דער מאָדערנער, וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור.

קאַפּיטל 10.

ישראל אַקסענפעלד

„מיין ציל איז נישט געווען אַרויסצושטעלן זיך אַלס פאַרפאַ־סער (וואָרים איך וואָלט דאָך געקאָנט שרייבן אויף אַן אייראָ־פּעישער שפּראַך), נאָר בלויז צו ברענגען נוצן מיינע ברידער, וואָס ליידן אונטערן יאָך פון אַבערגלויבן".

אַקסענפעלד

איינער פון די משכילים וואָס האָבן כמעט זייער גאַנץ שאַפן געשריבן אין יידיש, וואָס האָבן זייער גאַנצע באַגאַבונג אָן רעשט אָפּגעגעבן דער אידעע פון דינען דער פאָלקס ־ מאַסע אין איר גאַנג צו העכערע לעבנס־פאָרמען, איז געווען א נאָענטער באַקאַנטער פון י. ב. לעווינזאָנען, דער טעמפּעראַמענטפולער שרייבער און קעמפער ישראל אַקסענפעלד.

ישראל אַקסענפעלד איז געבוירן געוואָרן אין 1787 יאָר אין נעמיראָוו אין אַ יחסנישער פאַמיליע. אין די יונגע יאָרן געלערנט גמרא און פוסקים און געקראָגן א שטרענג־פרומע דערציאונג. מען האָט אים זייער יונג חתונה געמאַכט. ער האָט אָבער זייער שלעכט געלעבט מיט דער ווייב און נאָך לאַנגע מאַטערנישן זיך מיט איר ענדלעך צעשיידט. צוערשט איז ער געווען אַ פאַרברענטער בראַצלאַווער חסיד, זיך געחברט מיט דעם בראַצלאַ־ווערס הויפּט־גבאי נתן, אָבער זיין חסידות האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. זיין זוכנדיקער גייסט האָט אים געשטויסן אַריבערצוקוקן אויסער דער אָנ־געצייכנטער גרענעץ. ער האָט מיט גרויס פלייס זיך גענומען דערלערנען שפּראַכן (דייטש, פּויליש און רוסיש). ווען ס'איז אויסגעבראָכן די נאַפּאָ־

לעֲנישע מלחמה, געלינגט אים צו ווערן א פֿאַדריאַטשיק פֿאַר דער רוסישער אַרמיי, מיט וועלכער ער וואַנדערט דורך פּוילן, קומט קיין דייטשלאַנד און פֿאַרברענגט אַ שטיק צייט אין וראַצלאַוו (ברעסלוי). די רייזע איבער פֿאַרשידענע שטעט און געגנטן, די באַקאַנטשאַפֿט מיט פֿאַרשידענע מענטשן האָבן אקסענפֿעלדן באַרייכערט אין וויסן און דערפֿאַרונגען. אקסענפֿעלד האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט אַ שאַרפֿן אָבסערוואַציע־חוש און א גוטן זכרון, און דעריבער איז ער טאַקע באַקאַנט געווען מיט זיינע אינטערעסאַנטע מעשיות, וואָס ער פֿלעגט שטענדיק דערציילן זיינע געסט.

נאָך דער מלחמה האָט זיך אקסענפֿעלד אויף א לענגערער צייט אָפּגעשטעלט אין בראָד, דאָרט האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ משכּילס א טאָכטער און באַקענט זיך מיט די באַדייטנדיקסטע פֿאָרשטייער פֿון דער גאַליציאַנער השכּלה. עס איז גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז אין בראָד האָט ער זיך אויך באַקענט מיט יצחק בער לעווינזאָן, מיט וועלכן ער איז שפּעטער געשטאַנען אין בריוולעכע באַציאונגען און צו וועלכן ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן ווי „אַ תּלמיד צו דעם אָנערקענטן און אָנספּקדיקן אויטאָריטעט פֿון א לערער און פֿירער“ (מ. ווינער). אַקסענפֿעלדס ליטעראַרישע טעטיקייט דאַטירט זיך פֿון די 30־יאָרן, — פֿון דער צייט, זינט ער האָט זיך באַזעצט אין אָדעס און זיך באַשעפֿטיקט אלס געשוווירענער אדוואָקאַט, נאָטאַריוס און איבערזעצער.

עס אונטערליגט נישט קיין ספֿק, אַז אַרויסגערופֿן דעם חשק ביי אַקסענפֿעלדן צו פּרוּוון די אייגענע כּוחות האָט לעווינזאָנס צאָרנדיקע סאַטירע קעגן דער רעקרוטשינע, די „הפֿקר וועלט“ און זיינע אַנטי־חסידישע סאַטירעס. אַלס באַווייז דערצו קאָן דינען דער פֿאַקט, וואָס די ערשטע ווערק פֿון אַקסענפֿעלדן זיינען זיין „ספֿר חסידים“ און „דער ערשטער יידישער רעקרוט“.

אַקסענפֿעלד האָט אָנגעשריבן צענדליקער דערציילונגען און זייער פֿיל פּיעסן. אַריבער דריי הונדערט דרוק־בויגן. אָבער נישט געקוקט אויף זיינע אַלע באַמיאונגען, אַז זיינע ווערק זאָלן נישט בלויז קורסירן אין אָפּשריפֿטן, נייערט ווערן דאָס אייגנטום פֿון די ברייטסטע פֿאָלקס־מאַסן, איז אים דאָך נישט געלונגען אָפּצודרוקן זיי. פֿאַר זיין לעבן זיינען בלויז דערשינען (אין 1862 יאָרן!) צוויי פֿון זיינע קלענסטע ווערק. דער שוין דערמאָנטע „ערשטער יידישער רעקרוט“ און „דאָס שטערנטיכל“, און דאָס אויך געדרוקט נישט אין רוסלאַנד נאָר אין לייפּציק.

זיין גאַנץ שעפעריש לעבן קעמפט אַקסענפעלד פאַר דער מעגלעכקייט אָפּצודרוקן די אייגענע ווערק.

נאָך אין די דרייסיקער יאָרן פון פאָריקן י. ה., ווי נאָר ער האָט אָנגע־שריבן זיין ערשט סאַטיריש בוך „ספר החסידים", האָט ער עס געפּרוווט אָפּדרוקן אין ווילנע. ער האָט באַקומען די דערלויבעניש פון דער צענזור, נאָר דער ווילנער דרוקער האָט נישט געוואָלט דאָס בוך דרוקן צוליב זיין אַנטיחסידישן, קעמפערישן אינהאַלט. ער האָט ליבערשט איבערגעדרוקט די איבעראַרבעטונג פון „בבא־בוך" אין אַ „ בבא־מעשה", וועלכע ווערט אין 19־טן י. ה. אַן אמת פאָלקס־בוך, אַ נייע געגראַמטע אויסגאַבע פון „משלי שועלים" 1) אַזאַ מעשה ווי „מרדכי און אסתר", „איין שיין וואונדערלעכע היסטאָריע פון איין חתן און איין כלה" און מעשיות פון גמרא און מדרש, ווי „ספר מעשיות נחמדים", וואָס זייער טענדענץ — ווי עס ווערט אָנגעגעבן אויף דער שער־בלאַט — איז צו ווירקן, אַז יעדער מענטש זאָל „זיך דערוויטערן פון לשון־הרע" און „זיך באַהעפטן מיט צדיקים וחסידים און בזכות זה וועט קומען דער גואל צדק במהרה בימינו אמן". און ווען דער בילדונגס־מיניסטער האָט , לויט אַקסענפעלדס בקשה, אָנגעפרעגט דעם ווילנער צענזור־קאָמיטעט פאַרוואָס מען דרוקט נישט אַקסענפעלדן, איז געקומען דער ענטפער, אַז די ווילנער דרוקער זאָגן זיך אָפּ צו דרוקן דאָס בוך, ווייל „דאָס ווערק איז פאַרפאַסט נישט אויף אַ וואָסערן ס'איז רייניקעם לשון, נאָר אויף דער שפּראַך, וואָס ווערט געברויכט צווישן דעם יידישן פּשוטן עולם און פאַרמאָגט בלויז זלזולים קעגן דער חסידישער סעקטע, קעגן אירע רבים און אומאָנשטענדיקע, אויסגעלאַסענע לצנישע אויסדריקן קעגן זייערע דבורים און אויפפירונג"... „די אייגנטימער מעלדן, אַז זיי וועלן דרוקן דאָס בוך בלויז, ווען די מלוכה וועט באַפעלן, ווייל דאַן וועלן זיי האָבן אַ פאַרענטפערונג פאַר דעם חסידישן עולם"... אַזאַ באַפעל איז נישט געקומען און פון אַקסענפעלדס באַמיאונגען איז גאָרנישט געוואָרן. ער רעזיגנירט נישט און קריגט ארויס א דערלויבעניש צו ליטאָגראַפירן זיינע ווערק. די קאָסטן זיינען אָבער געווען אַזעלכע גרויסע, אַז אַ ליטאָגראַפיש בוך וואָלט געקאָסט זייער טייער. און ער מוז אויך דערפון רעזיגנירן. ווען עס ווערט אין 1847 י. געשאַפן די צווייטע דרוקעריי אין זשיטאָמיר, שיקט ער אהין זיינע כתבים צום דרוקן, אָבער אויך אָן רעזולטאַט. די דרוקעריי־אייגנטימער זיינען כשרע חסידים און ווילן בשום אופן נישט פאַרשוועכן

*) זע ערשטע טייל קאַפּיטל 3 און קאַפּיטל 8

זייער דרוק־װאָרשטאַט מיט אַנטיחסידישע, אויפקלערערישע ביכלעך. אין יאָר 1852, װי אויך אין יאָר 1859, נאָך דעם קומען אויף דעם טראָן פון אַלעקסאַנדער דעם צװייטן, װאָס פאַר דער צייט פון זיין הערשאַפט האָט צעדעבוים באַקומען א דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אין אָדעס א העברעיש בלאַט, װענדעט זיך אקסענפעלד צום גראַדאַנאַטשאַלניק מיט א בקשה, אַז היות „די איינציקע עקזיסטירנדע דרוקערייען אין רוסלאַנד זיינען אין די הענט פון פאַנאַטיקער, װאָס דרוקן נישט דאָס, װאָס ס׳איז לויט זייער מיינונג שעדלעך", בעט ער מען זאָל אים דערלויבן עפענען אַן אייגענע דרוקעריי. פוןביידע פּרוּװן לאָזט זיך גאָרנישט אויס. ערשט אַלס 75־יאָריקער זקן האָט אַקסענפעלד אָפּגעדרוקט אין לייפּציק (1862) „דאָס שטערנטיכל" און „דער ערשטער יידישער רעקרוט". פון דרוקן זיינע אַנדערע װערק אין אויס־לאַנד האָט ער געמוזט רעזיגנירן, װייל דאָס פלעגט אים אריינטרייבן אין זייער פיל קאָסטן און ס׳האָט נאָכהער געדויערט זייער א סך צייט, ביז די רוסישע צענזור האָט דערלויבט דאָס בוך אין רוסלאַנד צו פאַרשפּרייטן. ער װענדעט זיך צו גאַטלאָבערן, ער זאָל אים געפינען א פאַרלעגער. אין 1863 װענדעט ער זיך צום באַרימטן רוסישן כירורג פּיראָגאָװ מיט דער בקשה אים באַהילפיק צו זיין, אָבער פּיראָגאָװ איז פּונקט דאַן אין אויסלאַנד און זיין בריװ בלייבט אָן ענטפער. שפּעטער װענדן זיך זיינע פריינט (1864) צו דער „חברה מפיצי השכלה" זיי זאָלן אָפּקויפן זיינע װערק, אָבער אויך דער פּרוּװ געלינגט נישט, װייל די חברה האָט אין איר סטאַטוט נישט פאָרויס־געזען קיין פאַרלעגערישע טעטיקייט אין יידיש. אין דעם זעלבן יאָר, א צע־בראָכענער, פאַרלאָזט אַקסענפעלד אָדעס און פאָרט אַריבער קיין פאַריז, װו עס האָבן געלעבט און געאַרבעט זיינע זין אַלס אָנגעזעענע ספּעציאַ־ליסטן... אין יאָר 1866 איז אַקסענפעלד געשטאָרבן.

נאָך אַקסענפעלדס טויט איז זיינע פריינט געלונגען אַרויסצוגעבן בלויז דריי פּיעסן: „מאַן און װייב", „די געניאַרטע װעלט", און „קבצן־עושר־שפּיל". די רעשט װערק זיינען פאַרלוירן געגאַנגען און עס איז בלויז פאַרבליבן די אייגנהענטיקע רשימה און די צאָל זייטן פון די װערק, װאָס אַקסענפעלד האָט אין משך פון זיין לעבן געשאַפן.

אַקסענפעלדס באַדייטונג פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז אומגעי־הויער גרויס. ער איז געװען א מענטש מיט א װאַך אויג און א קרעפטיקן ליטעראַרישן טעמפּעראַמענט. אין זיין שאַפן זיינען פאַרפיקסירט געװאָרן, אָפט מיט דאָקומענטאַרישער פּינקטלעכקייט, „ריזיקע שטיקער פונעם מאַ־

טעריעלן, געזעלשאַפטלעכן און אידעאָלאָגישן לעבן אין זיין קאַנט און אין זיין צייט".

„אַקסענפעלדס שאַפן איז געווען פאַרבונדן מיט די באַדערפענישן פון די פאָלקס־מאַסן נאָך ליכט און אויפקלערונג. ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער שעפערישקייט פון די מאַסן. און אָט דאָס טאַקע מאַכט אים אונדז נאָענט און גיט אים אַ ווערט און באַדייט אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור. דאָס האָט אים געמאַכט פאַר איינעם פון די גרונטלייגער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, פאַרן וויכטיקן פאָרגייער פון מענדעלען און שלום־עליכמען". — מיט די ווערטער פאַרענדיקט מ. ווינער זיין ברייטע אויסשעפנדיקע שטודיע פון אקסענפעלדס שאַפן.

אינעם אויפרוף, וועלכן עס האָבן אָפגעדרוקט אין „קול־מבשר" (1870) אַקסענפעלדס פריינט, וואָס האָבן זיך פירגענומען ארויסצוגעבן די ווערק פון דעם פאַרשטאָרבענעם פריינט, ווערט געזאָגט:

„יעדן, וואָס לייענט די פּראָסטע יידישע ספרימלעך איז אַוודאי באַקאַנט דער נאָמען אקסענפעלד, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע דריי ביכלעך: דער ערשטער יידישער רעקרוט, מאַן און ווייב, שוועסטער און ברידער, און באַזונדערס דורך דעם שטערנטיכל. פון דעם אייגענעם מחבר איז איבערגעבליבן פיל שריפטן, אַן ערך פון 300 דרוק־בויגן, וואָס ער האָט זיי פאַר זיין טויט אין פאַריז אין יאָר 1866 איבערגעלאָזט במתנה אייגעם פון זיינע פריינט ה' ל. מוריינים פון אָדעס. אין די אלע איבערגעבליבענע שריפטן, וואָס מיר נעמען זיך איצט אונטער אַרויסצוגעבן אויף דער וועלט, זעט מען ערשט, וואָס פאַר אַ קינסטלער דער מחבר איז געווען אין דעם לשון, וואָס איז ריין און פּראָסט און אין דער קונסט צו שילדערן און צו באַשרייבן אלצדינג, אזוי ווי עס שטייט און גייט. —

„באַזונדערס פאַרדינט דער מחבר געלויבט צו ווערן פאַר דער גוטער כוונה און פאַר דעם איידעלן צוועק, וואָס מיר זעען אַרויס אין אלע זיינע שריפטן: ער האָט זיך קיינמאָל נישט געראַדעוועט צו באַשרייבן אויסגעטראַכטע בבא־מעשיות, כאָטש דאָס געפעלט אָפילו א סך מענטשן. ער האָט געוווסט, אז קיין ישועה קען פון דעם נישט אַרויסקומען, און האָט דעריבער זיך געסטאַרעט צו שרייבן נאָר פון דעם נאַטירלעכן לעבן: אין זיינע טעאַטער־שטיק זעען מיר מעשיות, וואָס האָבן זיך באמת פאַרלאָפן, אָדער, וואָס קאָנען זיך טרעפן ביי יידן, און מענטשן, וואָס האָבן ווירקלעך געלעבט, אָדער, וואָס געפינען זיך נאָך איצט אונטער יידן. —

„אומעטום זעען מיר, ווי דער מחבר לאַכט אויס די אַלטע נאַרישע אבערגלויבישע זאַכן, אָדער מנהגים, וואָס האָבן זיך מאותווייז צוגעקלעפּט מיט דער צייט צום יידישן פאָלק.

„מיר זעען אויך אין אַלע זיינע שריפטן, ווי ער האָט זיך געמאַטערט די יידן צו דערמאָנען זיי זאָלן זיך בעסער נעמען צו איין ערלעכער ארבעט און אָוועקוואַרפן די פּרנסה פון א וואָכערער, א פאַקטאָר, א שענקער, און דעסגלייכן, וואָס דורך דעם איז דער ייד מבזה ומבוזה געוואָרן, און געקרוינט געוואָרן מיט אזויגע זיסע צונעמען ביי זיינע קריסטלעכע מיטבירגער...״

אין זיין ביכל אין רוסיש „אַקסענפעלד אי יעוואָ סאָטשיניעניאַ״ (אָדעס, 1868) שרייבט י. י. לערנער:

„ה׳ אַקסענפעלד איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געפונען דעם געהעריקן וועג צום האַרץ פון פאָלק און געווידמעט די גאַנצע צייט זיינע, אַלע זיינע אַרבעטן דעם שרעקלעכן קאַמף מיט דעם פאַנאַטיזם, אויסצוואָרצלען אַלע פאַרדאַרבענע אידעען אין דער מאַסע און אויפדעקן די שווינדלערייען פון די צדיקים און צבועקעס. אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז כדי באמת צו ווירקן אויף די יידן, מוז מען מיט זיי רעדן מיט פשוטע באַגריפן, מיט זייערע ווערטער, און דעריבער האָט ער, נישט נאָכטוענדיק דעם ביישפּיל פון אַנדערע שרייבער, זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע אומדערמידלעך צו אַרבעטן אויפן פּראָסטן זשאַרגאָן, אַזוי, אַז אים האָט זיך איינגעגעבן אָנצושרייבן מער ווי 20 ווערק, וואָס יעדעס פון זיי זאָגט עדות וועגן דער אידעאַלער שטרעבונג פון דעם דאָזיקן טאַלאַנטפולן שריפטשטעלער — צו זיין נוצלעך דעם פאָלק. מיר האָבן איבערגעלייענט דאָס רוב פון זיינע ווערק און, ווי מיר הערן, וועלן זיי בקרוב אַרויס פון דרוק״.

דער אָדעסער פאָגראָם האָט אָבער צו נישט געמאַכט דעם פּלאַן פון אַרויסגעבן אַקסענפעלדס ווערק און די מערהייט פון זיינע כתב־ידן זיינען פאַרלוירן געוואָרן...

לערנער זאָגט ווייטער:

„ער (אַקסענפעלד) האָט אויסגעצייכנט באַהערשט די ריידעניש, וואָס ווערן געברויכט אין אלע שיכטן פון דער מאַסע, אזוי, אַז די טיפּישע פּערזענלעכקייטן, וואָס ער שטעלט אַרויס, זייגען אזוי ענלעך און ריכטיק, אַז יעדער לעזער, מעג ער זיין דער פּשוטסטער מענטש אַפילו, איז אימשטאַנד זיי גלייך צו דערקענען און דערזען זייערע פאַלשקייטן אָדער מעשים־טובים, מעלות און חסרונות״... „ער באַזיצט דעם טאַלאַנט איבערצוגעבן

אַלץ, וואָס ער באַמערקט, אין די ריכטיקסטע פאַרבן, אַזוי, אַז זיינע ווערק קאָנען אונדז געבן אַ גענויעם באַגריף, אין וואָס פאַר אַ לאַגע די רוסישע יידן האָבן זיך געפונען מיט פופציק יאָר צוריק (ס'הייסט אין די 10־20־ער יאָרן פון 19־טן י. ה. — ש. ל.) און טיילווייז געפינען זיי זיך נאָך עד היום אין די קליינע שטעטלעך פון וויסל־קאַנט, אין די מערבדיקע גובערניעס"...

„קענענדיק גוט די סיבות, וואָס גיבן יניקה דעם פאַנאַטיזם פון פאָלק און דערלאָזן קיין שטראַל פון בילדונג אין דעם דאָזיקן חושך, ווי א שטייגער די צדיקים און חסידים, וואָס מערן זיך פון טאָג צו טאָג, און וואָס לא די וואָס זיי העצן דאָס פאָלק זיך פעסטער צו האַלטן פאַר די פאַרצייטיקע זאַבאַבאָנעס, באַמיען זיי זיך נאָך מיט אַלע מיטלען אָפּצונעמען ביי זיי דעם מינדסטן זאַכלעכן באַגריף. קענענדיק דאָס אַלץ, איז ה' אַקסענפעלד מוטיק אַרויסגעטראָטן קעגן די שונאים פון דער אויפקלערונג און אין אַלע זיינע ווערק באַקעמפט ער די דאָזיקע אונטערדריקער פון פאָלק, וואָס זויגן זיין בלוט און עקספּלאָאַטירן זיינע פעיקייטן און כוחות. פונקט אזוי האָט ער געקעמפט קעגן דער גלייכגילטיקייט פון דעם רוב יידן צו די שולן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן (דורך די משכילים, פאַרשטייט זיך, — ש. ל.) צו דערציען די יידישע יוגנט, און באמיט זיך צו דערוויזן זיי, ווי ווייט נויטיק עס איז א סיסטעמאַטישע דערציונג, ברענגענדיק דערביי אייניקע ביישפּילן אויס דעם לעבן פון די יידן אין אַנדערע מדינות פון מערב־אייראָפּע, הכלל ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין שטריך, קיין איין שלעכטן מנהג, קיין איין שוואכע זייט, און דאָס אַלץ איז אים געלונגען אָפּצומאָלן ווונדערלעך ריכטיק,— אַזוי, אַז אַפילו די, קעגן וועמען זיינע ווערק זיינען געווענדעט, קאָנען נישט לייקענען די ווארהאַפטיקייט פון זיינע טיפּן".

וואָס נוגע דער לעצטער פעסטשטעלונג וועלן מיר נאָך צוגעבן, אַז גאָטלאָבער גיט איבער אין זיינע זכרונות, אַז די העלדן האָט אַקסענפעלד גענומען פון לעבן און אַז ער האָט געזען אייניקע פון זייניקע געשטאַלטן אין אָדעס.

מיר האָבן געבראַכט אייניקע גרעסערע אויסצוגן פון אַרויסזאָגונגען אין יענער צייט, בכדי אָנוויזן ווי פרישצאַפּלדיק, אַקטועל, צילגעווענדט אַקסענפעלדס שאַפן איז געווען.

מיר וועלן זיך איצט כאָטשבי אין קורצן באַקענען מיט די גרונט־טעמען און דעם שרייבערישן אופן פון אָט דעם, ווי עס באַצייכנט אים טרעפלעך מ. ווינער, נאַטור־וווקסיקן טאַלאַנט.

דאָס איינציקע געדרוקטע פּראָזע־ווערק, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען איז „דאָס שטערנטיכל אָדער שבת־חנוכה אין מעזיביז.״

היות די געגראַמטע הקדמה ווייזט שוין אָן אויף די עלעמענטן פון אַקסענפעלדס הומאָר און סאַטירע, וועלן מיר זי איבערגעבן אָן שום קירצונגען:

די מעשה, וואָס איז דאָ דערציילט אין דעם מעשה־ביכל,
האָט דעם נאָמען, ווי מען רופט עס אין רוסיש־פּוילן: שטערנטיכל...
וואָס אייניקע ווייבערישע פּערל־צירונג, האָט געהייסן אין אַנדערע ערטער
ש ט ע ר נ ב י נ ד ל, קאָפּ־בינדע, בינדאַליק, און נאָך מיט אַנדערע ווערטער,
היינט, אַז מען האָט עס שוין אָפּגעשאַפט פון קאָפּ,
און יידישע ווייבער גייען ווי אַלע דאַמעס מיט אַ פאַלשן צאָפּ,
ווי מען דערציילט, איז אַמאָל געווען אַ רב מיט אַ רבצין פאַרצייטן,
אַזוי וועט מען דערמאָנען וואָס אַ שטערנטיכל האָט אַמאָל געקענט באַדייטן,
אפשר וואָלט מען אַ ש ט ר יי מ ל מ י ט אַ ס פּ אַ ד י ק אויך פון אַ זכר וועגן,
כדי מען זאָל עס אַמאָל ווייזן, געדאַרפט אין שפּיריטוס אַריינלייגן,
מיין שפּיריטוס צום שטערנטיכל, איז אַ חסידישן רבינס שבת־חנוכה באַשריבן,
כאָטש גאָר נישט געראָטן, איז עס פאַרט אַ בעל מופת געבליבן,
דאַכט זיך אַ שטערנטיכל מיט אַ בעל מופת קערן זיך בישט אָן,
פאַרט איז עס אין מעשה אַ ציקאַוועס און ס׳איז דווקא עפּעס דראָן,
אויב דער באַשרייבער פון דער מעשה האָט זיך דאָס אויסגעטראַכט,
איז עס נאָך מער ציקאַווע, וויאַזוי ער האָט אַזעלכעס געמאַכט,
נאָר, אַז מען וועט אויסלעזן איינגאַנצן גאָר,
וועלן אַלע מודה זיין, אַז אַלץ, וואָס שטייט, איז וואָר.
(אויסלייג מאָדערניזירט. די פּונקטאַציע דעם מחברס — ש. ל.).

דער ראָמאַן גופא גיט פּרעכטיקע, פיינקטלעך פּיקסירטע בילדער פון אַמאָליקן יידישן שטעטל. דער הויפּט־העלד מיכל (מעיכל) בעלפער, אָדער ווי מען רופט אים מיכל מצבה, ווייל ער גייט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, און שפּעטער, ווען ער ווערט אַ פּאָדריאַדטשיק, מיכל מאָסקוויטער, איז

אַ פּיִאיקער בחור, קען גוט שרייבן און לייענען און איז נישט בלויז ביים רבין, שלמה בעשעכיס, דער אויבער־בעלפער, נאָר אויך ביי די נגידים און פּאָדריאַדטשיקעס — די רעכטע האַנט, ווייל ער שרייבט זיי „אַלע זייערע כתבים״ און לייענט די קאָנטראַקטן ״מיט דער קאַזנאַ אויף שטעמפּליאָוויע פּאַפּיר״. (ס'הייסט — רוסיש) . היות דעם שמשס טעכטערל שיינצע האָט געוואָלט, פּונקט, ווי די נגידישע טעכטער שרייבן „פּירגריזן אויף געווירטע פּאַפּיר״, ווי אויך דאַוועגען און לייענען, נעמט דער שמש דעם באַרימטן מיכל בעלפער, באַצאָלט אים פּופּצן גילדן און ער לערנט זיין טאָכטער. מיכל פאַרליבט זיך אין שיינצען, דער מלמד האָט מורא, אז מיכל וועט חתונה האָבן און עפענען אַן אייגענעם חדר, שליסט ער דעריבער מיט אים שותפות, בעמענדיק אויף זיך צו ווערן דער שדכן צווישן אים און שיינצען, און באַווירקן דעם שמש ער זאָל איינגיין אויפן שידוך. אַלץ גייט כשורה, שיינצע טרוימט שוין וועגן א נגידיש שטערנטיכל, די שמשטע קוועלט אָן פון דער פּערספּעקטיוו אָנצוטון א יורדישער נגידיתטעס שטערנטיכל איר טאָכטער א. א. וו. אָבער עס געשעט אַן אומגליק. מען כאַפּט מיכל מצבה עסן אין „עשרה בטבת (שנת תקעב)״ און „עס ווערט א גערודער. פון אייך עק שטאָט צו דער אַנדערער לויפן אַלטע, יונגע יידן און ווייבער, און קליינע מיידלעך אַפילו, לויפן ווי בעת אַ שריפה. אַ געבונדענעם ברענגט מען מיכלען אין קהלס־שטוב צו די ראשי־קהילה, וואָס פאַראורטיילן אים צו באַצאָלן „צען גילדן אויף א טרינק״, די שמשים צו האַלבע גילדן און אים אַליין אָוועקפירן צום צדיקס זון, וואָס געפינט זיך גראָד אין שטאָט. דער צדיק האָט זיך מכלומרשט אַוועקגעזעצט איבער דעם אָפענעם זוהר, אין וועלכן — ווי עס דריקט זיך אויס אקסענפעלד, ער האָט געוווסט וואָס עס שטייט געשריבן „ווי דער כפּרה־האָן ווייסט, וואָס עס שטייט אינם בני־אדם, אָדער ווי דער פלעדערוויש ווייסט, וואָס די קרעטשמערקע זאָגט אין קוימען אריין די ברכה״., אריינגעקוקט, געקרעכצט און לסוף געפּאָדערט ביי אים אַזויפיל גילדנס, וויפל זיין נאָמען באַטרעפט...

די ווייטערדיקע טיילן פון דעם ראָמאַן פאַרנעמען זיך מיט מיכלס אַוועקגיין אין דער וועלט, שילדערט וויאַזוי ער שלאָגט זיך צו צו א פּאָד־ריאַד, קומט אָן קיין וורצלאַוו (ברעסלוי) און דערזעט נאָך אַנדערע יידן, אַ גאָר אַנדער לעבן.

„פלוצים האָט מיכל דערזען א ברעסלע, אַ שטאָט אָן בלאָטע, קיינער איז נישט פאַרדריפּעט, איטלעכער גייט ווי א פּריץ אָנגעטאָן, און שיין, זייער ריין, אפילו ביי די גרויסע מויערן זיינען די טרעפּ פון דרויסן ריין אָפּגע־

וואַשן און ביי די קראָמען שרייט מען גאָר נישט. — „קומט אַהער אריין! וואָס קויפט איר?"

פּונקט ווי אין די פּראָזע־ווערק, אַזוי אויך אין די דראַמאַטישע שאַפונגען ווערט, מער ווייניקער, פאַרהיט ווערן אָט די גרונט־ליניע פון אַנטקעגנשטעלן די צעפוילטע חסידישע וועלט, דער וועלט פון אויפגעקלערטע פאַדריאַדטשיקעס, מענטשן מיט וויסן, געדאַנק און יושר.

ווען מיר זעען די גענוג באַגרענעצטע, לויט אונדזערע השגות, אידעאַלן פון די משכּילים, דאַרפן מיר אָבער געדענקען די „היסטאָרישע פּראָפּאָרצן" און דעם סאָציאַל־פּאָליטישן און עקאָנאָמישן אונטערשלאַק פון יענער צייט.

„די משכּילישע אַרויסטרעטונגען קעגן חסידיזם דאַרף מען באַנעמען נישט בלויז, ווי די משכּילים זאָגן, אַלס קאַמף קעגן דער שטערונג ביים שאַפן אַן אינטעליגענץ און ביים פאַרשפּרייטן בילדונג. נאָר דער עיקר, ווי די קעגנזעצלעכקייט פון די אַנטשטייענדיקע לעבנס־פאָרמען צום רעליגיעז־אידעאָלאָגישן אויבערגעבוי פון אַ פעאָדאַליש־אָפּגעשטאַנענער געזעלשאַפטלעכער און עקאָנאָמישער סיסטעם. רעדנדיק וועגן משכּילים, טאָרן מיר אויך נישט פאַרגעסן די היפּשע צאָל שטעטלדיקע, גאַנץ אָפט אָרימע און מאַכטלאָזע קליינע משכּילים־אַפּיקורסים. די קליינשטעטלדיקע „ביאור און דקדוק בונטאַרן", וואָס כאָטש זיי האָבן זייער סאָציאַלן אידעאַל אַנטלייען פון אויפגעקלערטן גביר, האָבן זיי אָבער אין דער זעלבער צייט אויף אַ מער דעמאָקראַטישן אופן אויסגעדריקט די שטימונגען און שטרעמונגען פון די אָרעמע מאַסן, קעגן דעם קרעמער־הענדלערישן שטעטלדיקן באַלעבאָס און תּקיף" (מ. וויענער, קורסיוו — מייער. ש. ל.).

במילא באַקומט דער נאַיווער קאַמף פאַר בילדונג נישט בלויז קיין ליבעראַליסטישן אויסקלאַנג, ווייל אין יענער צייט האָט דאָס רופן צו אויפקלערונג, צו אַ וועלטלעך לעבן, אָביעקטיוו, אַנטשפּראָכן די אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטערן יאָך פון די האַלב־לייבאייגנטימערישע פאַרהעלטעגישן.

אקסענפעלד איז נאָך ווייט נישט געווען דער שרייבער, וואָס האָט געשליפן זיין סטיל. ער איז נאָך גענוג רוי און פּרימיטיוו. ער איז אָבער דער ערשטער, וואָס האָט באַוויזן סיי אין זיין ראָמאַן, סיי אין זיינע פּיעסן פּראַקטיק צו פאַרוועבן אַ שפּאַנענדיקע אינטריגע, אויפבויען אינטערעסאַנטע סצענעס, שילדערן אַ שלל געשטאַלטן מיט די אייגנטימלעכע פאַר זיי תּנועות און רייד־שטייגער. אָפט פאַרלירט ער זיך אין די דעטאַלן, פאַר־

בליניעט זיך מיט דעם שלל פאַקטן, איז צו באַרעדעוודיק. פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפונקט האָבן זיך טאַקע במילא באַקומען ביז גאָר ווער־טיקע דאָקומענטן, פאַר פילאָלאָגן און וויסנשאַפטלער — א ביז גאָר דאַנק־באַר פעלד פאַר פאָרשונגען. ליטעראַריש האָט אָבער די צו גרויסע אָנ־הויפונג פון באַשרייבערישן באַשווערט דאָ און דאָרט דאָס קינסטלערישע וואָרנעמען.

ווי פרימיטיוו עס זאָלן נישט זיין די מיטלען, ווי רוי עס זאָל אין אונדזערע אויגן נישט אויסזען אקסענפעלדס שפּראַך, מוז מען, לייענענדיק אקסענפעלדס פּיעסן מודה זיין, אַז מיר האָבן פאַר זיך סיי אַ פּרעכטיקן אָבסערוואַטאָר, סיי א הויך־טאַלאַנטירטן מחבר, וואָס קען זיינע אָבסערוואַ־ציעס אָנגעבן אַ געוויסע ליטעראַריש־דראַמאַטישע פאָרעם, און אויסגעפּי־נען דאָס טיפּישע, אידעיש אָנגעזעטיקטע און ציל־באַוווסטע. אקסענפעלד ווייזט אַרויס א געזונטן חוש פאַר דעם קינסטלערישן אמת און פאַרשטייט זיינע משכּילישע טענדענצן צו קאָנפראָנטירן מיט דער ווירקלעכקייט. אַזוי זעען מיר אין זיין „ערשטן יידישן רעקרוט״, ווי דער פּאָזיטיווער העלד זיי־נער ר׳ אהרן קלוגער, ווען ער באַשענקט מיט דער רעמאַרקע „בעל מחשבות, געלערנטער אין אַלערליי חכמות און לשונות״, טענהט איין מיט זיין ווייב, אַז דער רעקרוטן־געזעץ, דאַרף נישט פאַרשטאַנען ווערן ווי א גזירה, ווייל דער קייסער וויל „אַלע אומות, וואָס וווינען אין זיין אימפּעריע, גלייך מאַכן און איטלעכער זאָל גלייך א רעכט האָבן צו וווינען אָדער צו האַנדלען אומעטום, נישט אַזוי ווי ביז אהער איז געווען, אַז אין 15 גובער־ניעס נאָר האָבן יידן געמעגט וווינען און האַנדלען״ און דעריבער טענהט ר׳ אהרן קלוגער — פאָדערט דער קייסער אויך גלייכע פליכטן. אָבער אהרן קלוגער קומט נישט אויף דער אסיפה ביי שלמה פּסייאָכע מיט זיינע אויפקלער־ווערטער. דאָרט, אין די אויגן פון די אויפגערודערטע פאָלקס־מענטשן זעט דאָס רעקרוטן־געזעץ אויס ווי א ביטערע גזירה און דעריבער האַלט ער פאַר בויטיק הייסן צו פאַרטיידיקן דאָס געזעץ דעם סתם קלוגן ייד, פנחס דעם רויטן. אָט דער שטאָט־אַרענדאַר דערקלערט דאָס געזעץ מיט גאָר אַנדערע אַרגומענטן. ער באַווייזט נעמלעך, אַז עס איז טאַקע אַ צרה, נאָר דינא דמלכותא דינא און מען קאָן זיך נישט העלפן... דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע איז דאָס, וואָס די פּיעסע ענדיקט זיך טראַגיש. דער משכּיל אַקסענפעלד, וואָס האָט פונקט ווי אלע אנדערע משכּילים גע־וואָלט איינזען אין דעם עצם באַפעל וועגן נעמען אין רעקרוטן יידן אַן אָנזאָג פון דער אָנקומענדיקער עמאַנסיפּאַציע, ווייזט אליין אַן סאַרא חורבן

זי האָט שוין ביים אָנהויב אָנגעמאַכט אין צוויי יידישע הייזער. נחמן דער גרויסער, דער העלד פון „ערשטן יידישן רעקרוט", וואָס ווערט כאַראַקטע־ריזירט דורכן מחבר אלס „אַ מה־יעשהניק, אַ צרה, אַ שיינער קלוגער יונג, אַפילו מיט מעלות, נאָר נישט קיין לייט", איז טראָץ דער שאָטן־טייל פון אוי־טאָרס כאַראַקטעריסטיק אויסגעוואקסן אין דער פיעסע צו אַ שיין, סימפּאַ־טיש געשטאַלט מיט טיפע געפילן.

דאָס פּראָבלעם פון גרויסער אָנפּניותדיקער, לויטערער ליבע וואַקסט אין דער פיעסע צו אַ געוואַלדיקער ביז אַקסענפעלדן נישט באַטירטער הויך. עפּעס ענלעכס האָבן מיר אין דער אלטער יידישער ליטעראַטור אָנ־געטראָפן בלויז אין דער „מעשה בריעה וזימרה", אָבער אין אַ פאַנטאַסטי־שער אַרומהילונג און אין אַן אומרעאַלער אומגעבונג, אַלס אַ ריינע אידעע. דאָ, ביי אקסענפעלדן פארנעמט דער ליבע־מאָטיוו אַ צענטראַל אָרט און מיר זעען, אז די ריינע ליבע, ריינע געפילן האָבן גענעסטעט ביים פשוטן אָרעמען מענטש. אַזוי איז אין „שטערנטיכל" ריין די ליבע פון מיכלען דעם באַהעלפער. אַזוי איז פול מיט קרבנות־גרייטקייט נחמנס ליבע, אין „ערשטן רעקרוט", דאַסגלייכן די ליבע פון ישראל שטשופּאַק אין „די געגאַרטע וועלט" און פון אהרנען אין „קבצן־עושר־שפּיל".

בכדי זיך צו באַקענען געגויער מיט דעם פרימיטיוו־רעאַליסטישן סטיל פון אַקסענפעלדן מיט זיין ליבע און פּינקטלעכקייט צו פּרטים, און איינציייטיק צו וויזן ווי לעבעדיק ער ברענגט ארויס סצענעס און סיטו־אַציעס, ווי שאַרף עס איז דעם מחברס אויג אויף אויפכאַפּן טיפן פון דער נאַטור און זיי איבערגעבן מיט אַלע „פּיטשעווקעס", וועלן מיר זיך באַ־קענען מיט דעם פערסאָנאַזש פון דער בולט אַנטיחסידישער דעמאַסקירנדי־קער פיעסע „די געגאַרטע וועלט".

קודם די רשימה פון די באַטייליקטע פערזאָנען אין אַקסענפעלדס כאַראַקטעריסטיק:

ר' לייב שפּיצעניצער: אַ חסידישער רבי פון די נישט גרויסע מפור־סמים נאָר אין זיין ווינקל איז ער אַ שארפער גוטער ייד, אַ בעל מופת, און וווינט אין דעם שטעטל שפּיצעניץ;

צאַלע: זיין מקורב, אַ חסיד פון נעמיראָוו, אַ הוליאַק, אַ יונגערמאַן פון 36 יאָר, און טויג פאַר אַ ביישפּילער;

רחל: צאַלעס טאָכטער, אַ יונג ווייבל פון אַ יאָר 18, זייער קלוג נאָר ניט שיין; מען מורמלט אויף איר שטאַרק:

יודל פעקלמאַכער: פון מעזשיבעזש א יונגער מאַן וואָס זיין מעשה ומתן איז סחורה צו פעקלען;

ר׳ שאול אַסטרער: א באַטאָגטער ייד פון ארום אַסטרע, וואָס האַנדלט מיט געהילץ קיין דאַנציק;

ר׳ נח: א פּראַסטער רענדאַר וואָס האַלט מילן ארום שפּיצעניץ;

ר׳ בני: אַ דיין אין שאַריוועקע, אַ זקן, אַ למדן; ער איז אַ שדכן צומאָל אויך; ניט זייער קלוג, נאָר זייער פרום.

מאַני דער רייכער: דער גרעסטער עושר פון שאַריוועקע, ער האַנדלט מיטן פריץ פון דער שטאָט, ער האָט א גרויס איינפאָר־הויז; א חוץ דעם האַלט ער אַ פּאָטשטאָווע סטאַנציע אין דאָרף, א מייל פון דער שטאָט;

גיסיע: מאַני דעם רייכנס ווייב, גאַנץ קלוג, נאָר אביסל טויבלעך; זי איז רחלס מומע;

פעסיע: מאַניס מיט גיסיעס טעכטערל פון 16 יאָר, זייער, זייער שיין, און א קלוג ווייבל דערצו;

יחיאליק: פעסיעס מאַן, ערשט 13 יאָר אַלט, לערנט נאָך אין חדר; זייער מיאוס, און נישט קלוג;

אַגאַפּאָן אַגאַפּאָנאָוויטש וואָדקין: אַ געוועזענער אָפיציר, אַצינדערט זייער אַלט און אָרעם, און א גרויסער שיכור, ער איז דאָ א שרייבער ביי מאַני דעם רייכן, אויף דער פּאָטשטאָווע סטאַנציע;

פּאָמקאַ: וואָדקינס פּלימעניק, ער לערנט זיך ביי דעם פעטער לייענען און שרייבן, און איז א יאַמשטשיק;

ישראל שטשופּאַק: א יונגער יונג פון 20 יאָר, א שטשאָגאָל און קאָן זייער וויל שרייבן מאָסקוויטעריש; א דורכגעטריבענער קלוגער יונג; ער איז א שאַפער אויף דער סטאַנציע;

בערל יתום: אַן אַלטער ייד, אַ קרעטשמער, וואָס האַלט די שלאַכאָווע קרעטשמע פון דעם דאָרף ווו די סטאַנציע איז; א גרויסער אָרעמאַן, א שוואָגער מאַני דעם רייכנס.

טריינע: בערל יתומס ווייב, מאַני דעם רייכנס אַ שוועסטער: א בריה א יידענע;

עפּעס: אזוי הויך ווי צוויי מענטשן די גרויס. און אז עס וויל, ווערט עס קליין;

אַחוץ: יידן און ווייבער, יינגלעך און מיידלעך, יאַמשטשיקעס, א פּאָטשטיליאָן, אַן אַלטע באַבעצע, א בעטלערין, א שמש און א סטאַראָזש;

דאָס טוט זיך אין שטעטל שפּיצעניץ, און אויף דער פּאָטשטאָווע סטאַנציע, אין שטעטל שאַריווקע, און אין דער שליאַכאָווער קרעטשמע:

שוין דער צעטל פון די באַטייליקטע גיט אן אָנונג וועגן דעם פּאַרמעסט פון דער „מעשה, וואָס איז געסדרט אין 9 טיילן", ווייזט אויף דעם מחברס קענטעניש פון יעטוועדן העלד און גיט אויך דעם געניטן לייענער דעם פאָרגעשמאַק פון דער פּרעכטיק פאַרוועבטער אינטריגע: אַקסעגפעלד האָט זיינע אמתע מעשיות נישט בלויז „דערציילט גלאַט", נאָר זיי מיט געניטקייט קאָנסטרואירט, דערביי זייער פיל געשטאַלטן דערהויבן צו דער מדרגה פון טיפּן. הגם די „געגאַרטע וועלט" רופט דער מחבר גופא אָן אַ מעשה, ס׳הייסט א זאַך צום לייענען אָדער פאָרלייענען אָבער נישט צום שפּילן, זיינען אָבער לחלוטין נישט גערעכט ל. קאָברין און אַלע אַנדערע, וואָס האָבן געטענהט, אַז אַקסענפעלדס דראַמאַטישע שאַפונגען טויגן נישט פאַר סצענישער פורעמונג. פאַרשטייט זיך, אַז עס פעלט ביי אים אָפט דער געפּרעסטער דיאַלאָג, ער לאָזט זיך אָפט אריין אין ווייטע זייטיקע וועגן, איז אָפט צו פאַרקנעכטעט צו דעם פאַקט און פאַרלירט פון אויג דעם קינסטלערישן אמת, אַלס ביישפּיל וועלן מיר ברענגען די ערשטע רעמאַרקע פון דער ערשטער סצענע ביי ר׳ לייב שפּיצעניצער:

„אין מיטן געסל, נאָענט פונעם בית מדרש איז אַ גרויסע נייע שטוב — אין שפּיצעניץ הייסט א הויז שטוב — דער דאַך איז פון שטרוי נאָר ארום מיט א שורה שינדלען.

א טיר גייט אין דער גאס אַריין: מיר עפענען די טיר און קומען אריין אינעווייניק: א גרויסע שטוב מיט ווייסע ווענט אַרום: דאָ שטייט א לאַנגער טיש געגרייט, אַרום דעם טיש זיצן, אין שטוב שטייען היימישע שפּיצעניצער יידן, אויבן אָן זיצט ר׳ לייב דער גוטער ייד, א הויכער א גראָבער, מיט אַ רויטער גראָבער באָרד, און פּאות רויטע, לאַנגע גלייכע, אָנגעטאָן אין אַ ווייסער זשיפּיצע, אין א ווייסער יאַרמולקע א באַמולנע געאַרבעט נאָר פאַרשוויצט; פאַר אים אויפן טיש ליגט א זוהר אָפן, מיט איין עלנבויגן האַלט ער זיך אונטער דעם קאָפּ און מיט דער אַנדערער האַנט מאַכט ער אַלעמאָל אַ קולאַק און קרעכצט דערביי און קנייטשט זיך: די אויגן מאַכט ער צו צומאָל, און מיט א מאָל גלאָצט ער אין זוהר אַריין, דערביי נעמט ער מיט דער גאַנצער האַנט עסן פון טעלער און לייגט אין מויל אריין, אַלע אורחים און די היימישע יידן, וואָס שטייען אין שטוב און ארום דעם טיש קוקן אויף ר׳ לייבן: צאַלע דער נעמיראָווער לויפט ארום דעם טיש און סודעט זיך טאָ מיט דעם טאָ מיט יענעם, און איז משמש ר׳ לייבן, אים צו

דערלאַנגען עסן און טרינקען: אַ טיר וואָס גייט אין אַנדערע חדרים אריין איז אָפן, דאָרטן שטייען ווייבער און קוקן אויך צום טיש: צווישן די ווייבער זעט מען רחל — צאַלעס טאָכטער. אַ נידריק ווייבל ניט שיין, נאָר חנעוודיק, מאָדנע געשלייערט אָן אַ שטערנטיכל: אונטערגעבונדן דאָס מויל מיט אַ רויט טשימבערל. אין שטוב איז שטיל, נאָר אַ געשושקעריי״).

שוין אין אָט דער רעמאַרקע איז צו זען די גרונט־מעלות און גרונט־חסרונות פון אַקסענפעלדס שרייב־מאַניר: דאָס וועלן אַרויסברענגען בוכ־שטעבלעך אַלץ, דער ווילן שילדערן בפרטיותדיק יעטוועדער פּרט פון קליידונג און אומגעבונג ברענגט צו אַ פאַרנעפּלונג פון דער פּלאַסטישקייט, צו איבערלאָדונג מיט נישט וועזנטלעכע פּרטים, וואָס שטערן אַרויסלייכטן דאָס סאַמע וועזנטלעכע; פון דער צווייטער זייט איז שוין דאָ צו זען אַ גאַנצע ריי אויפגעכאַפּטע, וועזנטלעכע און גרונטיקע שטייגער־שטריכן, וואָס מאַכן אונדז אָפּפילן די פינצטערקייט, און גענאַרטקייט פון אָט דער חסידישער וועלט.

עס מוז אויך באַטאָנט ווערן, אַז אַקסענפעלד באַנוצט זיך אָפט מיט אופנים פון אויסערלעכער תנועה־אונטערשטרייכונג. אַנשטאָט צו געבן אַ פאַרטיפטן פסיכאָלאָגישן פּאָרטרעט.

אַזוי רעדט צאַלע, וואָס באַדינט דעם רבין, מיט אַ סין און חזרט איבער דאָס ווערטל „פּסוט איז פּסוט״, דער רענדאַר ר׳ נח, חזרט יעדעס מאָל איי־בער צוויי מאָל די זעלביקע פראַזע, אָדער אירע אַ טייל א. א. וו.

דאָס אַלץ איז אָפילו אַנצוטרעפן ביי שלום־עליכמען און מענדעלען, אָבער דער אונטערשיד באַשטייט אין דעם, וואָס דאָרט, ביי די קלאַסיקער איז די איבערחזרונג ס׳רוב אַ מיטל פאַר אונטערשטרייכן דעם קאָמיזם, און איז מיט גרויסער שפּאָרזאַמקייט באַנוצט. ביי אַקסענפעלדן איז עס אַן אופן פון פּשוטער אימיטאַציע, פון אַ מין אויטענטיזם און דאַרף העלפן צו די־פערענצירן דעם פּערסאָנאַזש. אָבער טראָץ אַלע קאָמפּאָזיציאָנעלע צעצויגנ־קייטן, שפּראַכלעכן איבערפלוס און טיילווייזער מטושטשקייט פון פּאָרטרעט, קומט די דעמאַסקירנדיקע טענדענץ אַרויס ביז גאָר קלאָר און די סאַטירע, אָפט אין געפלעכט מיט פאַלקסטימלעכן המונישן הומאָר, ווירקט צעשמע־טערנדיק.

אין זיינע ווערק צילט אַקסענפעלד די שאַרפסטע פיילן אין די חסידים, גוטע ייִדן, אין דעם אָפּגעשטאַנענעם לעבנס־שטייגער, אין דעם מיטלאַל־טערלעכן באַנעם און אַבערגלויבן. ער האָט דער ערשטער אַוועקגעשטעלט אויף אַן אַנגעזעענעם אָרט די פראַגע פון ערלעכע ליבע, וואָס האָט אַן אָרט

דווקא צווישן די אַרבעטנדיקע, אומפאַרמעגלעכע שיכטן. אַקסענפעלד האָט געגנוג דרייסט געשילדערט די רעקרוטשיבע, און טראָץ זיין סוביעקטיווער, משכּילישער פּאָזיטיווער איינשטעלונג צו איר, האָט ער צוליב דעם היסטאָרישן און קינסטלערישן אמת באַוויזן די שווערע טראַגעדיע, וואָס זי האָט אין די יידישע היימען אַרויסגערופן. אַקסענפעלד האָט אָפּגעחוזקט פון דער „האַלאַיטע", פון דעם קהל, וואָס האָט מיט זיך פאַרקערפּערט דעם מיטל־אַלטערלעכן לעבנס־שטייגער.

ס׳יי מיט דער שפּראַך פון זיין שאַפן און סיי מיט דעם שאַפן גופא האָט ער געשטרעבט צו דינען דעם פאַרפינצטערטן יידישן פאָלקס־מענטש, אים אַרויסרייסן פון דעם אָפּגעשטאַנענעם לעבנס־סדר און אים זען ווי אַן אייראָפּעיש געקליידטן, געבילדעטן, אַן עקאָנאָמיש־פעסטן, ווי אַ גלייכן צווישן גלייכע אין דער משפּחה פון פעלקער. מיר ווייסן, אַז די ליבעראַליסטישע איינשטעלונג, דער גלויבן אין בילדונג אַלס מיטל פון אויסלייזונג איז געווען פאַלש און פאַרפירעריש. עס איז געגנוג געווען עס זאָל קומען דער היטלעריזם און זאָל ביז דורות צוריק אויפזוכן דעם אָפּשטאַמיקן ייד און אים אַ באַרויבטן און באַשפּיגענעם וואַרפן אין די קרעמאַטאָריעס פון אָשוויענטשים און טרעבלינקע. יאָ, מיר ווייסן, אז דער הויפּט־תנאי איז אַ גערעכטע סאָציאַלע אָרדענונג, אַן אָרדענונג, וואָס ווייסט נישט פון אונטערדריקונג פון פאָלק דורך פאָלק, אָבער מיר ווייסן אויך, אַז ביז עס איז ביי אונדז רייף געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער באַוווסטזיין, ביז ס׳איז אויפגעקומען די אינטערנאַציאָנאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג און דורך איר דער פאַרלאַנג איבערצוגעשטאַלטיקן פּאָליטיש און עקאָנאָמיש דיווירקלעכקייט, האָט געמוזט אויפגעריסן ווערן דער געטאָ־מויער, וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פון דער וועלט, וואָס האָט פון אונדז פאַרשטעלט די וועלט, די לופט, די זון, דאָס גראָז און צוויט, האָט אונדז געהאַלטן אין אַ לעטאַרג־צושטאַנד, אין א אירעאלער וועלט. דער גרויסער פּראָגרעסיווער פאַרדינסט פון דער השכּלה און פון אַקסענפעלדן, ווי איר פאַרשטייער, איז דער, וואָס ער האָט דורך די פיקסירטע, סיי שפּראַכלעך, סיי שטייגעריש, לייוונטן פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין סוף 18־טן און ערשטער העלפט פון 19־טן י. ה. אויך מיטגעווירקט מיט זיין ליידנשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט פון אַן אַגיטאַטאָר און לערער צו מאַכן די ערשטע שטאַרקע ריסן אין די פעסטע געטאָ־ווענט.

קאַפּיטל 11.

די השכלה־באַוועגונג אין קאָנגרעס־פּוילן

דורך די געשטאַלטן פון פּערל און לעפין, פון לעווינזאָן און אקסענ־פעלד האָבן מיר זיך באקענט מיט די הויפּט־טענדענצן און מיט די הויפּט־צענטערן פון דער השכלה־באַוועגונג אין גאַליציע, ליטע, וואָלין. איצט וועלן מיר זיך באַקענען מיט דעם דריטן וויכטיקן השכלה־צענטער — מיט פּוילן.

בעת וואַרשע איז נאָך געווען די הויפּט־שטאָט פון דער שוין צעפּערטל־טער רעפּובליק, האָט זיך געלאָזט מערקן די השפּעה פון דער „בערלינער השכלה" אויף די רייכע שיכטן פון דער וואַרשעווער קהילה. די דאָזיקע השפּעות זיינען נאָך מער פארשטאַרקט געוואָרן ווען וואַרשע איז אין 1795 יאָר געוואָרן, אין רעזולטאַט פון דער דריטער צעטיילונג, אַ באַשטאַנד־טייל פון פּרייסן, און דער האַנדל מיט בערלין ווערט פארברייטערט. פיל פּרייסישע יידן עפענען אין וואַרשע זייערע געשעפטן. אין 1799 יאָר ציילט שוין וואַרשע 13 יידישע בענק, וואָס זיינען ס׳רוב געעפנט געוואָרן דורך פּרייסישע יידן. אין סוף 18 י. ה. ווערט אין וואַרשע געגרינדעט די רע־פאָרמירטע „דייטשישע" סינאַגאָגע, ווו עס ווערן געהאַלטן דייטשע פּרעדיגן. די סינאַגאָגע בלייבט אפילו נאָך דעם ווי וואַרשע איז נאָך נאַפּאָלעאָנס נצחון פארוואנדלט געוואָרן אין דער הויפּט־שטאָט פון דעם „וואַרשעווער הערצאָגטום". אפילו נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה, ווען דאָס פּוילישע קיניגרייך („קרולעווסטוואָ פּאָלסקיע") איז איבערגעגאַנגען אונטער דער הערשאַפט פון רוסלאַנד, מערקט זיך נאָך שטאַרק די דירעקטע ווירקונג פון דער בער־

ליגער השכלה. ווען די צייטווייליקע רעגירונג (1815) שאַפט אַ ספּעציעלע
קאָמיסיע צו באהאנדלען די ייִדן־פּראגע אין פּוילן, ווענדט זיך דער ביסקופּ
מאליטשעווסקי צו דעם באוווסטן בערלינער משכיל פרידלענדער מיט דער
אַנפראגע וועגן זיין מיינונג ווי אזוי אַמבעסטן צו לייזן אין פּוילן דאָס ייִדן־
פראָבלעם. פרידלענדער ווייזט אָן אויף צוויי מניעות, וואָס באַשווערן ד־
עמאַנסיפּאַציע פון די פּוילישע יידן: 1) זייער שטאַרקע צוגעבונדנקייט צום
תלמוד און 2) די פּאָפּולערקייט און פאַרשפּרייטקייט פון דער חסידישער
באַוועגונג.

די מיינונג פון פרידלענדערן איז געווען נאָענט אויך די וואַרשעווער
משכילים, און זייער טעטיקייט גייט טאַקע אין דער ריכטונג פון עלימי־
נירן דעם תלמוד און פון באַקעמפן דעם חסידיזם, דערביי ווערט אָנערקענט
מצד די משכילים פאַר דורכויס שעדלעך די ייִדישע שפּראַך, מיט וועלכער
די מאַסן באַנוצן זיך. אין 1819 גרינדעט יעקב טוגענדהאָלד די ערשטע דריי
מאָדערנע עלעמענטאַר־שולן און באַלד נאָכדעם צוויי אַזעלכע שולן פאַר
מיידלעך מיט פּויליש אַלס אונטעררריכט־שפּראַך. דאָס איז דער ערשטער
פּרווו צו דערנענטערן די ייִדישע יוגנט צו דער מאָדערנער קולטור. נאָכהער,
אין 1823 יאָר קריגט אַנטאָן אייזענבוים, וועלכער האָט געענדיקט אַ פּוילישן
ליציי און געקענט עטלעכע אייראָפּעישע שפּראַכן, אַ דערלויבעניש אַרויס־
צוגעבן אין וואַרשע א צייטונג אין צוויי שפּראַכן (ייִדיש־דייטש און פּוי־
ליש) וואָס טראָגט דעם נאָמען „דער בעאָבאַכטער אן דער ווייכסעל״ —
„דאָסטשעגאַטש נאַדווישלאַנסקי״. אין דער מיטטיילונג וועגן דער סוב־
סידיע פון צוויי טויזנט זלאָטעס, וואָס די רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר פאָלקס־
בילדונג האָט געגעבן אייזענבוימען, וועלכער האָט זיך פירגענומען „פאַר־
שפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן״, ווערט באַטאָנט די נויטיקייט צו געבן די
זעלבע ידיעות אין פּויליש. דער ערשטער נומער פון דער צייטונג, וואָס
איז דערשינען דעם 3־טן דעצעמבער 1823 י., פאַרמאָגט שוין פאָלגנדיקע 5
אָפּטיילונגען: אָפיציעלע רעגירונגס־דעקרעטן און פאַראָרדענונגען און
ידיעות וועגן לעבן אין לאַנד, ידיעות פון אויסלאַנד, ווו עס קומען אריין
באשרייבונגען פון פרעמדע לענדער און ווי עס לעבן דאָרט די ייִדן; האַנדלס־
ידיעות; ביאָגראַפיעס פון גרויסע ייִדישע פּערזענלעכקייטן ווי אויך אַנעק־
דאָטן און מעשהלעך; און צולעצט — אַנאָנסן.

אין פלוג האָט די צייטונג באַדאַרפט ווערן פּאָפּולער און געוויבען דעם
לייענער א דאַנק דעם פאַרשידנפאַרביקן און באַלערנדיקן מאַטעריאַל. דער
רעדאַקטאָר אייזענבוים האָט אָבער די ייִדישע בלאַט געשריבן מיט אַ ייִדיש,

וואָס איז דעם פאָלקס־מענטש געווען פולשטענדיק אומפאַרשטענדלעך, די כוונה פון דעם בורזשואזן משכיל איז געווען פאַרבייטן דעם „פאַרדאָרבע־נעם" יידיש, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט די פוילישע יידן, מיט א גע־ליטערטן דייטש. היות די מאַסע האָט נישט געקענט נישט קיין פויליש און נישט קיין דייטש, האָט די צייטונג קיין אָפנעמער נישט געהאַט און מער ווי 42 נומערן האָבן נישט באַוויזן אַרויסצוגיין.

אָבער דאָס זיינען נישט די איינציקע גרעסערע פאַרמעסטן פון די בור־זשואַזע אויפקלערער צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן. דער זעל־ביקער אַנטאָן אייזענבוים גרינדעט אין 1826 א ראַבינער־שול מיט דער פוילישער אונטעררי‌כט־שפּראַך, און דערלויבט די שילער, וואָס באַהערשן נישט גוט פויליש, צייטווייליק זיך באַנוצן מיט דער דייטשער שפּראַך, עס ווערט אָבער שטרענג פאַרווערט זיך צו באַנוצן מיט דעם יידיש־דייטשן זשאַרגאָן.

אין די 30 יאָרן טרעטן צו די וואַרשעווער משכילים אונטער דער רעדאַקציע פון משה טאַנענבוים אַרויסצוגעבן דעם חומש מיט משה מענ־דעלסאָנס דייטשער איבערזעצונג. פינאַנסירט די אויסגאַבע האָט דער גרוי־סער גביר טעאָדאָר (טעוול) טעפּליץ, וואָס האָט געמאַכט אַ קאַפּיטאַל פון דער אַרענדע פון פאַרשידענע שטייערן (אַפּצאַל פון זאַלץ, פון כשר פליישׂ), אַ ביישטייער האָט אויך צוגעלייגט דער רייכער ווילנער משכיל הירש קליאַצקאָ. עס האָט זיך אָבער געפאָדערט אן אינטערווענץ ביי דער מאַכט מצד טעפּליצן מיט דער בקשה זי זאָל באַפעלן די קהילות אויסקויפן עק־זעמפּליאַרן פון דעם חומש פאַר די בתי מדרשים.

די אויפקלערונג־באַוועגונג אין וואַרשע האָט אָנגענומען א בולט גרויס־בורזשואזן כאַראַקטער און פון דאַנען אייגנטלעך שטאַמט די שנאה פון זייערע אידעאָלאָגן צו דער שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן און זייער אסימי־לאַטאָריש־קאָסמאָפּאָליטישע איינשטעלונג. זיי זיינען געווען אי דייטש, אי פויליש, אי העברעיש, אין תוך גענומען פרעמד צו אַלץ. גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען די השכלה אין איר מער דעמאָקראַטישן וואַריאַנט, וואָס האָט איר צענטער געהאַט אין די קלענערע פוילישע שטעט ווי זאַמאָשטש, שעברעשין און אַנד.

דאָ זיינען די אויפקלערער נישט געווען קיין באַנקירן אָדער אָנגע־שטעלטע ביי גבירים, נאָר פּשוטע אָרעמע וויסנגיריקע קינדער פון פאָלק, וועלכע ס'איז ענג געוואָרן די וועלט פון ישיבה און תלמוד. ווען עס איז צו

זיי דערגאַנגען דער אָפּקלאַנג פון די משכּילישע אידעען, האָבן זיי זיך מיט פייער און אימפעט געוואָרפן צו די קוואַלן פון וויסן, פון ליכט.

יעקב רייפמאַן (געבוירן 1818) פון אָפּאַטאָוו, אַ זון פון אַן אָרעמען מלמד, האָט אַ גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין שוידערלעכער נויט און שטודירט פילאָזאָפישע און אַפּאָקריפישע ליטעראַטור. אין אַ בריוו צו ז. האַלבערשטאַמען שרייבט רייפמאַן: „ליידער בין איך געצוווּנגען צו לעבן אין אַ חדר ווי אַ שטייג די גרויס, און דאָס נאָך צוזאַמען מיט קינדער, גאַנץ קליינע און גרעסערע, און אויך מיט עופות, וואָס גאַגערן און קוואָקען בײַטאָג און בײַנאַכט, שטערן מיר אין מיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און לאָזן מיך נישט איינשלאָפן". און מיט אָט דעם אָרעמען יונגערמאַן, וואָס האָט געוווינט אין שעברעשין, האָט קאָרעספּאָנדירט סיי דער קולטור־פאָרשער גייגער, סיי יאָסט, סיי לוצאַטו און פיל אַנדערע וועגן וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישע פראַגן.

אַ ביז גאָר אינטערעסאַנט געשטאַלט פון אַן אויפקלערער, וואָס האָט אַ דאַנק זיין גרויסער באַגאַבונג אויפן געביט פון פיזיק, מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע געוווּנען די הערצער פון פיל אָרטאָדאָקסיש־געשטימטע פאַר בילדונג און וויסן, איז געווען חיים זעליג סלאָנימסקי, וואָס האָט קיין סיסטעמאַטישע בילדונג נישט באַקומען און זיך דערצויגן אין „יחיאל ניכעס" קלויז. אין זיין געבוירן־שטאָט אין ביאַליסטאָק האָט ער שוין אין קלייז געהאַט אַ שם פון אַ גרויסן „בעל־חשבון". ווען ער האָט שפּעטער זיך געפינען אַלס איידעם אויף קעסט אין זאַבלודאָווע, באַקענט ער זיך מיט דעם משכּיל יחיאל מיכל זאַבלודאָווסקי, וועלכער לערנט אים די דייטשע שפּראַך און אַזוי אַרום געלינגט אים זיך צו באַקענען מיט די גייערע ווערק וועגן מאַטעמאַטיק און נאַטורוויסנשאַפט, פיזיק און כעמיע. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז דער פּשוטער ישיבה־בחור, האָט זיך דערוואָרבן אַזעלכע באַדייטנדיקע קענטענישן, אַז זיי האָבן געבראַכט אין באַוווּנדערונג דעם וועלט־באַרימטן געלערנטן אַלעקסאַנדער הומבאָלדט, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט אין 1858 יאָר און וועלכער האָט אים אין פיל פראַגן מיטגעהאָלפן. סלאָנימסקי האָט אַלס דאַנקבאַרקייט צו דעם גרויסן געלערנטן אָנגעשריבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אים „אות זכרון", ווו ער גיט אויך איבער דעם אינהאַלט פון הומבאָלדטס באַרימט ווערק „קאָסמאָס".

סלאָנימסקי האָט דערוואָרבן אָנערקענונג אויך אין דער נישט יידישער גאַס אַ דאַנק זיינע דערפינדונגען. ער באַקומט די דעמידאָוו־פּרעמיע פון דער רוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פאַר זיין צוגעטראַכטער נייער

דעכן־מאַשין, ער געפינט אויס א מעטאָד ווי איבערגעבן דורך איין דראָט פיר דעפּעשן א. א. וו.

די וואָכנשריפט „הצפירה" וואָס חיים־זעליג סלאָנימסקי האָט ארויס־געגעבן, האָט געדרוקט פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, באַהאַנדלט אין אַ פּאָפּולערער פאָרעם פראַגן: פון טעכניק, וועגן טעלעגראַף, כעמיע, וועגן דאַמף־מאַשינען, עלעקטריציטעט א. אנד., וואָס זיינען אילוסטרירט געוואָרן מיט געהעריקע האָלצשניטן, און אויף אזא אופן האָט ער פאַר זיין אויפקלע־רערישער ארבעט געוואונען פיל אָרטאָדאָקסיש־געשטימטע יידן.

אויב אָבער די טעטיקייט פון די העברעישע אויפקלערער האָט ארומ־געכאַפּט דעם דינעם שיכט פון די יידישע לומדים און יידישן פּני, ווי אויך די ישיבה־בחורישע יוגנט, האָט די יידישע אויפקלערונג זיך געווענדט דירעקט צו די פאָלקס־מאַסן און האָט אָנגענומען נישט קיין שטרענג־וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישן, צי אַבסטראַקטן כאַראַקטער, נאָר איז געווען ליטעראריש און רעאַליסטיש. דערביי איז פאַר די פוילישע משכילים, וואָס האָבן געשריבן אין יידיש כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס זיי האָבן נישט באַ־דאַרפט שרייבן יידיש קעגן די אייגענע איבערצייגונגען, ווי אזא וואָלפזאָהן צי לעווינזאָן, ביי זיי איז בכלל דאָס פּראָבלעם נישט געשטאַנען. זיי האָבן געשריבן יידיש, ווייל זיי האָבן געוואָלט גרייכן אין דער טיף פון דער מאַסע און ווייל אין יידיש האָבן זיי געפונען די מיטלען פאַר איבערגעבן זייערע געדאַנקען און געפילן אויף אן אוממיטלבאַרן אופן.

שלמה עטינגער איז דער ערשטער, וואָס פּרוווט באוווסטזיניק דער־הויבן די יידישע שפּראַך צו אַ ליטעראַטור־שפּראַך און איז במילא דער דירעקטער פאַרגייער פון מענדעלען. איידער מיר וועלן זיך ברייט אָפּ־שטעלן אויף דעם באַדייטנדיקסטן פאַרשטייער פון דער יידישער השכלה־באַוועגונג אין פוילן, אויף עטינגערן, וועלן מיר זיך אין קורצן באַקענען מיט דעם אינטערעסאַנטן ווערק פון אפרים־פישל פישעלזאָהן, וואָס איז אָפּשטאַ־מיק פון זאַמאָשטש און האָט אָנגעשריבן אין 1839 יאָר זיין סאַטיריש גע־גראַמט ווערק „טעאַטער פון חסידים". אין פישעלזאָהנס סאַטירע באַטיי־ליקן זיך: דער חקרן לייבעלע אויפגעקלערטער מיט זיין פריינט ישראל, די חסידים ר' שמואל, ר' שמעיה און וואָלף הולטאי און די בחורים פון בית המדרש.

פונקט ווי דער הויפּט־העלד פון דער פּיעסע, לייבעלע פילאָזאָף, גלויבט דער מחבר אין דער גרויסער איבערצייגעוודיקער קראַפט פון דעם שכל הישר און פון די לאָגישע באַווייזן, און דעריבער טוט ער אַלץ בכדי

אַרויסצורייסן די חסידים פון זייער פינצטערער פאַרגלויבטקייט אין רבין און אין ניסים. ער לאַכט אויס מיט גאַליקן שפּאָט די חסידים, וואָס פאַרשטייען נישט, אַז די אַלע, וואָס גלייבן נישט אין גוטע יידן זייַנען פיל קלוגער און שטייען העכער פון זיי. אָט ווי אַזוי פּישעלזאָהן שילדערט די פאַרגלויבטקייט פון די חסידים: דער חסיד ר׳ שמואל זאָגט צו לייבעלען:

אינעך חסידים וועלמער אויף אַפּך אַרומראַטן (אַרומרייטן)
מיר חסידימלעך וועלמער לעבן און עטך — פּאַשאַל פין וואַטין!
אינעך מיט אינזער רבין וועלמער אין גן עדן זיצן
און עטך, הולטאַיעס, וועט אין דער פינצטער שוויצן.
עטך וועט דאָס דאָרטן אין גיהנום לאַדין (ליידן) קראַנטע צרות
נאָר נישט קשה — עטך מעגט זיין כ׳לעבן אונדזערע כפּרות.

אָבער לייבעלע שווייגט נישט, ער שניידט אין זיי ווי מיט אַ חלף! ער זאָגט:

אוי! פינצטער זענין די יאָר און די טעג
דעם וואָס ער געווייגט זעך צי גיין אין אַזאַ וועג.
פאַרשטייט ער דען נישט אַליין, אַז דער פדיון מאַכט גאָר ניש גיט
עס איז נישט מיין (מער) נאָר דער גיטער ייד נאָגט אויס דאָס ביסל בליט.

זיי קענין מאַכן די מלאכה גיט גאַנץ קליג,
אָבער העלפן — מכות! פּינקט אַזוי ווי אַ פליג...

אין אַן אַנדער אָרט:
ניין! אַזאַ חסידות איז אַזוי ווי דער צעגאַנגענער שניי,
עס איז פּונקט אַזוי פיל ווערט וויפל איין אויסגעבלאָזן איי.

אויך פּישעלזאָהן באַמערקט, אַז דער חסידיזם טויט אָפּ דעם אַקטיוון ווילן ביי די פאָלקס־מאַסן, אַז זיי פאַרלאָזן זיך אויף ניסים אַנשטאָט זיך צו נעמען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, אַז זיי פאַרנעמען זיך מיט לופט־פּרנסות, מיט אָפּנאַרן דעם פּויער, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז „דער גוי אַרבעט שווער און ביטער” און לייבעלע מוסרט דעם חסידישן עולם:

הויבט אָן צי קלערן, פין ווען אָן ער (דער פּויער) ווערט געבוירן
ביז וואַנען ער ווערט נעבעך פין דער וועלט פאַרלוירן,
די ביטערע אַרבעט און דאָס גרויסע מי,
צים סוף קומט דער ייד און נעמט דאָס אים צי.

ווי עס איז צו זען פון די פּאָר ציטאַטן, איז פּישעלזאָהנס שפּראַך אַ פאָלקסטימלעכע, רײנע פון יעטוועדער מין דײטשמעריזמען, פאַרמאָגט דער־פאַר היפּש אַסימילירטע סלאַווישע עלעמענטן און גיט אויך גענוג פּלאַסטיש אָפּ די אײגנטימלעכקײט פון וואַרשעווער דיאַלעקט. פאַרשטײט זיך, אַז דאָס ווערק קען נישט טראַקטירט ווערן אַלס אַ דראַמאַטיש ווערק און נישט ווי אַ קינסטלעריש ווערק אין אײגנטלעכן זין פון וואָרט. עס איז אַ בולט טענ־דענציעז ווערק אין דיאַלאָגן־פאָרם, ווי לעווינזאָנס „הפקר־וועלט" און איז אויסן אײנס: אַרויסרײסן די פּוילישע ײדן פון דעם לעטאַרג, פון זײער בליב־דער פאַרגלויבטקײט אין די „גוטע ײדן" און אין ניסים בכלל, זײ איבער־צײגן וועגן דער נויטיקײט פון ענדערן דעם לעבנס־שטײגער און דעם בליק אויף דעם לעבן, — אָנהויבן צו טראַכטן און אויפנעמען לעבנס־דערשײ־נונגען קריטיש. אויף וויפל אויף דער סאַטירע „טעאַטער פון חסידים" פון פּישעלזאָהן איז אָנגעגעבן, אַז זי איז יאַקאָבי געשפּילט געוואָרן אין לעמ־בערג (לוואָוו) איז לײכט צו דרינגען, אַז פּישעלזאָהן איז געווען אין ענגן קאָנטאַקט מיט די גאַליציאַנער משכּילים און מסתּמא האָט ער דאָרט איבער־גענומען נישט בלויז די אידעען, נאָר אויך די באַציאונג צו דער שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס עס האָבן רעפּרעזענטירט אַ היפּשע גרופּע אָנ־געזעענע משכּילים פון גאַליציע. יעדנפאַלס זײנען אונדזערע ידיעות וועגן לעבן פון פּישעלזאָהן ביז גאָר קנאַפּע. גאָר אַנדערש זעט אויס די לאַגע מיט דעם סאַמע רײפסטן קינסטלער פון דער השכּלה, מיט שלמה עטינגער.

קאַפּיטל 12.

ד״ר שלמה עטינגער

שלמה עטינגער איז געבוירן געוואָרן סוף 1800, אָדער אָנהייב 1801 יאָר. ער שטאַמט אָפּ פון אַ יחוסדיקער רבנישער משפחה. גאָר יונג איז ער פאַריתומט געוואָרן און זיך דערצויגן ביי זיין פעטער מענדל עטינגער, וואָס איז געווען רב אין לענטשנע. צו פופצן יאָר מאַכט מען אים חתונה און ער פאָרט אַריבער אויף קעסט צו זיין רייכן שווער יהודה לייב גאָלד קיין זאַמאָשטש. זאַמאָשטש האָט געשמט אַלס אַ קולטור־צענטער. פון דאָרט שטאַמט משה מענדעלזאָנס לערער ישראל זאַמאָשטש, וואָס האָט פאַרפאַסט זיין „נצח ישראל״, די דיכטער י. ג. פאַלקענזאָן און א. ל. קינדערפריינד, דאָרט האָט געלעבט דער משכיל יוסף צעדערבוים, וואָס זיין זון האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער זשורנאַליסטיק און א. וו. דער יונגער עטינגער באַקענט זיך גלייך מיט די משכילים, מיט דער השכלה־ליטעראַטור און הויבט אָן

שטודירן דייטש. ער ווערט גלייך באַקאַנט מיט זיינע עפּיגראַמען, יידישע גלייכווערטלעך און שפּאַט־לידער. עטינגער איז אויך אַ גוטער צייכענער, מאָלט פּאָרטרעטן פון זיינע פריינט און באַקאַנטע. אין עטלעכע יאָר אַרום איז געשטאָרבן זיין שווער, און עטינגער, אַ טאַטע פון קינדער, מוז אָנהויבן זוכן מיטלען אויף אויסצוהאַלטן די גענוג היפּשע משפחה. ער פאָרט קיין אָדעס, וווּ עס ווױנט דער פרויס רייכער ברודער, וואָס האָט געהאַט אַ „בראָדערין" (סינאָנים פון אויפגעקלערטע — ש. ל.) פאַר אַ ווייב. נישט געקוקט אויף זייערע באַמיונגען איז זיי נישט געלונגען איינצואָרדענען דעם יונגן משכיל עטינגער. די אויפגעקלערטע באַקאַנטע, וואָס זיינען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט גאַליציע, האָבן שלמה עטינגערן געראָטן צו פאָרן קיין לעמבערג (לוואָוו) שטודירן מעדיצין. אין משך פון 5 יאָר האָט דער „לוסטיגע זאַלאָמאַ", ווי עס פלעגן עטינגערן רופן זיינע קאָלעגן, געענדיקט אויף דאָקטאָר מעדיצין.

עטינגער האָט, ווי עס איז צו דרינגען פון זיינע אַרויסזאָגונגען, נישט בלויז דערוואָרבן מעדיציניש וויסן און די קענטעניש פון דער דייטשער שפּראַך. לעמבערג איז אויך געווען דאָס אָרט, וווּ עטינגער האָט פעסטגעשטעלט זיין באַרוף אַלס יידישער שרייבער. אין פּראָספּעקט צו זיינע ווערק דערציילט עטינגער: „פאַר עטלעכע יאָר האָב איך געקריגן צו לייענען אין לעמבערג צוויי ביכלעך: איינס האָט געהייסן „די גענאַרטע וועלט" און דאָס אַנדערע „אַלטער לעבּ". ביידע ביכלעך זיינען איבערזעצט און גאָר איבערגעאַרבעט געוואָרן פון דייטש אויף יידיש. דאָס ערשטע הייסט אויף דייטש „דער טאַרטיף", און דאָס אַנדערע „ראָבינזאָן"... אויב די ביכלעך זיינען יאָ, אָדער נישט גוט געמאַכט געוואָרן, וויל איך מחמת כמה טעמים נישט זאָגן. נאָר דאָס וועט איטלעכער שוין אַליין איינזען, אַז ווייניקסטן האָט מיר דער פּלאַן צו שרייבן אין פּראָסט יידישן לשון געמוזט געפעלן, וואָרן עד האָב מיך תיכף געפּרוווט, אויב עס איז אין מיין כוח אויך עפּעס אין דעם שטייגער און אין דעם לשון צו שרייבן".

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות אָנצונעמען, אַז בלויז די צוויי דערמאָנטע ביכער האָבן משפּיע געווען אויף שלמה עטינגערס שאַפן. אַ גאַנצע ריי ערטער און דער נאָמען און שטריכן פון דעם פּאָזיטיוון געשטאַלט אין „סערקעלע" — מאַרקוס — ווייזן, אַז עטינגער האָט אויך ביז גאָר גוט געקענט וואָלפזאָהנס „לייכטזין און פראָמעלייא". דער פאַקט איז אויך אַזויפיל וויכטיק אויף וויפל ער ווייזט, אַז מען דאַרף נישט טראַקטירן די השכלה־שאַפונג, ווי אָפּגעזונדערטע דעביוטן פון קעמפער, שרייבער, נאָר איינזען די

טראַדיציע, המשכדיקייט פון דער ליטעראַטור. ווינער שטרייכט דעריבער מיט קורסיוו אונטער דעם אויספיר, אַז „די וויכטיקסטע השפעה, וואָס שייך דער טראַדיציע אין דער יידישער שפּראַך, האָט עטינגער געצויגן פון דער אַנאָנימער „געגנאַרטער וועלט“ דעם באַדייטנדיקן רינגעלע אין דער ליטעראַטור־היסטאָרישער קייט, וואָס ציט זיך פון אייכל און וואָלפזאָהן איבער עטינגערן, אקסענפעלדן („געגנאַרטע וועלט“, „מאַן און ווייב“) און גאָטלאָבערן („דעקטוך“) ביז צו גאָלדפאַדענען („מומע סאָסיע“), ווינטשעווסקין, שלום־עליכמען און ווייטער“.

עס איז אָנגענומען די מיינונג, וואָס איז אין די לעצטע יאָרצענטליקער פאַרסירט געוואָרן דורך פאַרשידענע בירגערלעכע ליטעראַטור־פאָרשער און ליטעראַטור־היסטאָריקער, אַז עטינגער איז געווען ערשטנס אַ יידישיסט און צווייטנס, אַ קונסט־לשם־קונסטניק. אין דער ווירקלעכקייט איז ער געווען נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע. עטינגער איז אַ קרעפטיקער טאַלאַנט, וואָס זוכט נייע פאָרמען פאַר אויסדריקן זיינע לעבנס־שפּירונגען און אָבסערוואַציעס, אַ קינסטלער, וואָס אַנקערט אין לעבן פון זיין צייט, רעאַגירט אויף לעבנס־דערשיינונגען און איז באַהויכט מיט די אויפקלער־אידעאַלן פון דער השכלה.

ער איז נישט קיין ליידנשאַפטלעך־קעמפערישע נאַטור, ווי אַקסענפעלד, אָבער אין לעצטן סך־הכל איז די מייסטערישע שילדערונג פון די נעגאַטיווע געשטאַלטן און טיפן אין זיין „סערקעלע“ און אין די סאַטירעס ווי „ווי־טעלע“, זיינע שאַרפזיניקע עפּיגראַמען און משלים אָפּט בייסיקע א בולטער באַווייז, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ דעמאַסקירער פון צביעות, פאַלשקייט, אַנהאַרציקייט, תקיפותדיקייט און ענלעכס, — מיט אַן אויפריכטיקן פאָלקספריינט.

וואָס נוגע זיין צוגעבונדנקייט צו דער פאָלקס־שפּראַך, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ביי עטינגערן איז עס ווייט נישט געווען קיין פּראָגראַם, נאָר אַ נאַטירלעכער חוש פון אַ קינסטלער, וואָס פילט אָפּ די נויטיקייט זיך צו באַנוצן פאַר זיינע רעאַליסטישע געמעלן מיט אַ שפּראַך, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך אַ געזונטדיקע אָנשיכטונג פון פאָלקס־חכמה און פאָלקס־דערפאַרונג, וואָס אָטעמט מיט לעבן פון די ברייטסטע מאַסן, און אין וועלכע די דורותדיקע דערפאַרונג האָט זיך שוין אָפּגעלייגט אין באַשטימטע רייד און אויסדרוק־שאַבלאָנען, וואָס טויגן אויסגעצייכנט פאַר שטייגער־ און כאַראַקטער־מאָלעריי. אַז זיין חוש האָט אים נישט אָפּגענאַרט, אַז די יידישע שפּראַך האָט שוין דאַן אין קעגנזאַץ צו דער העברעאיש־אַבסטראַקטער

אזעלכע וואַלאָרן פאַרמאָגט, קען דינען דער פאַקט, אַז אַפילו א. ב. גאָט־לאָבער, וואָס האָט געהאַט אין תוך אַ בעגאַטיווע באַציאונג צו יידיש, האָט זיך גערעכטפאַרטיקט אַלס שרייבער אַ דאַנק זיין „דעקטוך", לידער, סאַטירעס און משלים אין יידיש. אַלע זיינע ליטעראַרישע פּרווון אין העברעאיש, ווי די פּרווון פון עטינגערן אין העברעאיש, זיינען געווען אַ דורכפאַל.

ס'איז אויך פאַלש צו מאַכן פון עטינגערן אַ סטאַטעטשנעם, פרומען ייד, וואָס באַמיט זיך נישט איינצורייסן נישט מיט גאָט, נישט מיט זיינע פרומע פאָרשטייער אויף דער וועלט — מיט דעם קלער און חסידים. פאַרשטייט זיך, אַז עטינגער איז א געטריי קינד פון זיין צייט. ער איז איינער פון די אָנהענגער פון דער בורזשואזער אויפקלערונג. וואָס איז אַפילו אין איר קלאַ־סישער צייט פון סוף אַכצנטן י. ה. אין פראַנקרייך זעלטן געווען פולשטענדיק קאָנסעקווענט אין איר באַציאונג צו רעליגיע. אָפט פלעגט זי שיטן פעך און שוועבל אויפן קלער, אָבער בלייבן רעליגיעז. די זעלביקע דערשיינונג לאָזט זיך נאָך בולטער מערקן ביי די יידישע משכילים, וואָס פלעגן ס'רוב באַ־קעמפן די, אָדער יענע רעליגיעזע גרופע, דעם, אָדער יענעם רע־ליגיעזן פאַרשטייער, אָדער מנהג, אָבער זעלטן אַרויסטרעטן קעגן דער רע־ליגיע אַלס אַזאַ. זייער ראַדיקאַליזם האָט זיך אויסגעדריקט אין רע־פאָרמירן די שול, מער „איראָפּעיזירן" די „גאָטעסדינסט" אאַ"וו. צו די משכילים, וואָס זיינען אין זייער באַציאונג צו רעליגיע געווען קאָנסעקווענט נעגאַטיוו און אַפילו זי באַקעמפט, געהערן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי י. מיזעס, שאָר, אברהם קראָכמאַל, גייגער, קאָוונער. עטינגער האָט צו זיי נישט אָנגעהערט. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז ער האָט פאַרמאַכט די אויגן אויף די מעשים פון די קהלס־לייט, אויף דער פינצטערער ראָל פון די חסידים און קלער. זיינע שאַרפע עפּיגראַמען, געווידמעט פאַרשידענע ראשי־הקהל, זיין סאַטירע „אסוסע" און אַנד. ווייזן די גאַנצע אומבאַגרינדעטקייט פון וועלן אויסהוילן עטינגערן פון קאַמפּס־מאָטיוון, קאַמפּס־אַקצענטן און אידייאישקייט. ער געהערט צו די מעסיקע פאַרשטייער פון דער בירגערלעך־ליבעראַלער השכלה, וואָס שטייט נאָך אויף די פּאָזיציעס פון „באַך וויסאָקי פאַן דאַלעקי" (לעווינזאָן), ס'הייסט, אַז די פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט זיינען גוט, אַז מען דאַרף אַפילו די רעקרוטשינע אויפנעמען ווי אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג און אויב זי ברענגט מיט זיך שווערע פאָלגן, איז עס די שולד פון די אויספירער פון געזעץ. דער פּראָטעסט קעגן דער מאַכט, קאַמפּס־אַק־צענטן קעגן דער אונטערדריקערישער צאַרישער אָרדענונג טרעפן מיר ערשט אָן אין דעם שאַפן פון ש. י. אַבראַמאָוויטש — מענדעלע מוכר־

ספרים. דאָס נעגירן אָבער די קאַמפּס־אַקצענטן פון די ליבעראַלע משכּילים, מאַכן צו קליין־געלט דעם קאַמף פון עטיגערן קעגן חסידות און קלעריקאַ־ליזם און קעגן באַשטימטע קהלשע אָנפירער — הייסט נישט פאַרשטייען, אָדער פעלשן, דעם וויכטיקן בייטראַג פון עטיגערן אַלס אויפקלערער.

מען דאַרף געדענקען, אַז די יידישע בורזשואַזיע, פונקט ווי די נישט־יידישע, האָט אַלעמאָל אונטערגעשטראָכן איר אייגענעם לעבנס־נוסח, איר ווערט און באַדייט אין קעגנזאַץ צום לעבנס־נוסח פון דעם קלאַס, וואָס האָט ביז איצט געהערשט, — דעם אַדל, דעם פּריץ און פּאַטריאַרכאַליש־פעאָדאַלן גביר. און ווי קליין און אַפילו נישטיק זייערע השגות זאָלן אין אונדזערע אויגן נישט אויסזען, זיינען זיי פאַר זייער צייט, פאַר יענער אומגעבונג אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג.

דערפאַר דאָמינירט אין דעם שאַפן פון די אויפקלערער די סאַטירע און די שטייגער־שילדערונג. דער פּרינציפּ פון דידראָ וועגן דער פּריאָרי־טעט פון דער „ווירקלעכער נאַטור" אין קעגנזאַץ צו דער „שיינער נאַטור" איז דורך אַלע באַדייטנדיקע אויפקלערער אָנערקענט געוואָרן אַלס אומ־אָפּפרעגלעכער אמת. דעריבער איז טויזנט מאָל גערעכט מ. ווינער, ווען ער שטעלט פעסט, אַז

„אינעם וויכטיקסטן ליטעראַרישן געווער פון יעדער אויפקלערונג, אין דער סאַטירע ווערט מיט דער צייט אַנטוויקלט אַזאַ מדרגה פון רעאַליס־טישער פּינקטלעכקייט אין דער שטייגער־שילדערונג (פונעם 18טן און 19טן יאָרהונדערט), ווי זי איז פריער בכלל נאָך קיינמאָל נישט געווען אין דער ליטעראַטור. די פּינקטלעכקייט פון שטייגערישן רעאַליזם זינט אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט איז ענג פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון די נייע קלאַסן, מיט דער קרעפטיקונג פונעם מאַטעריאַליסטישן געדאַנק, מיט דער אַנט־וויקלונג פון די פּינקטלעכע מעטאָדן אין דער טעכניק, אין דער נאַטור־וויסנשאַפט און אין די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן.

די נייע קלאַסן זיינען בלוטיק פאַראינטערעסירט אויפצודעקן די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, כּדי זיי צו ענדערן. ביי דער סאַטירישער געזעלשאַפט־קריטיק האָט זיך דער שרייבער אויסגעלערנט זיך פּינקטלעך און שאַרף צוקוקן צו דער שפּע פון די פאַקטן. ער האָט זיך אויסגעלערנט און ליב באַקומען אָנשוילעך צו שילדערן דעטאַלן און שטייגערישע שטריכן סיי אין דער טענדענציעזער געזעלשאַפטלעכער קריטיק, סיי אין דער נישט ווייניקער טענדענציעזער געזעלשאַפטלעכער זעלבסט־באַרעכטיקונג. דאָ, ביי דער זעלבסט־באַשטעטיקונג, האָט אָבער שוין נישט געקאָנט קלעקן דער רעאַ־

ליזם אַליין. דאָ האָט שוין דער בורזשואַ געמוזט אָנקומען צו די מיטלען פון סענטימענטאַליזם״.

ווען מען קוקט זיך צו צו עטינגערס שאַפן און דער עיקר צו דער קלאַסישער קאָמעדיע „סערקעלע״ איז אָנצומערקן אַלע די שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן די פאַרקריפּלטע פאַרהעלטענישן פון פעאָדאַליש־פּאַטריאַרכאַלישן שטייגער און דעם סענטימענטאַליזם בעת דעם אַרויסברענגען די פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון דעם אויפגעקלערטן בורזשואַ. עטינגער איז קינסטלער און רעאַליסט אַזוי לאַנג ווי ער קריטיקירט דעם משפּחה־שטייגער און עס קומט ביי אים אויף די אויפקלערערישע געזעלשאַפט־קריטיק, ווען ער ברענגט אָבער אַרויס זיינע בורזשואַזע אויפקלערער אַלס מוסטער־גשטאַלטן, הויבט אַלהערשעריש אָן צו דאָמינירן די נאַראַציע, דער פאַלשער פּאַטאָס און סכעמע.

נאָר קודם אַ קורצער אינהאַלט פון דער עפּאָכע־מאַכנדיקער קאָמעדיע אין דער יידישער ליטעראַטור:

אַ פאַרגרעבטע און פאַרדאַרבענע מעל־קרעמערקע, וואָס גלאָצט צום הימל, לייגט און מאַכט אַ גוטהאַרציקן אָנשטעל, נוצט אויס די געלעגנהייט, וואָס איר ברודער דוד גוטהערץ, אַ רייכער סוחר, איז אַוועקגעפאָרן אין די ווייטע לענדער און קערט זיך נישט אום. מיינענדיק, אַז דער ברודער איז אומגעקומען, פאַלסיפיצירט זי אַ בריוו מיט אַ צוואה פון אים, איבערצוגעבן זיין גאַנץ רייכטום איר, סערקעלען, און נישט זיין טאָכטער הינדע, וואָס וווינט ביי דער מומע. די אויפגעקומענע סערקעלע באַהאַנדלט אַכזריותדיק די אומגליקלעכע יתומה, וואָס איז אי קלוג, אי גוט, אי פייאיק, און קעכלט איר גרין־צעקראָכן און פּוסט טעכטערל פריידע־אַלטעלע, וואָס הייסט אויף דייטש פרידעריקע. סערקעלע, פאַרשטייט זיך, זוכט פאַר איר טעכטערל אַ שיינעם און רייכן שידוך, ווייל צוזאַמען מיט דער רייכקייט איז זי אויך געוואָרן אַ גרויסע מיוחסעס און האַלט אין איין באַרימען זיך מיט די גרויסע רבנים און מגידים, פון וועלכע זי שטאַמט מכלומרשט אָפּ. דער שווינדלער און שפּעקולאַנט גבריאל באַשליסט צו שטעלן אויף דער „טויז גרין״, אויף דעם דייטש־שפּרעכנדיקן טעכטערל, בכדי אַרויסצובאַקומען די גראָבע אַפּותיקא. ער שיקט אונטער דעם שדכן ר׳ יוחנן, וועלכער פירט דורך דעם שידוך. אין צווישן געלינגט גבריאלן צוצוגנבענען ביי סערקעלען דאָס קעסטעלע מיט צירונג און די שולד ווערט געוואָרפן אויף דער נשמה־ריינער הינדע און איר געליבטן, אויפגעקלערטן סטודענט מאַרקוס רעדליך, וואָס שטודירט מעדיצין אויפן דריטן קורס און איז שוין אַ גאַנצער דאָקטאָר. אין

לעצטן אַקט קומט אָבער צוריק פון זיין ווייטער נסיעה דוד גוטהערץ. עס ווערט דעמאַסקירט סערקעלעס פעלשונג מיט דער צוואה און בריוו, עס ווערט אויך אויפגעקלערט ווער עס איז געווען דער גנב פונם צירונג און די פּיעסע ענדיקט זיך מיט דריי חתונות.

אַזאַ איז דער קורצער אינהאַלט פון דער פּיעסע. ווער עס איז באַקאַנט מיט די דראַמאַטישע שאַפונגען פון דידראָ און לעסינג, אָדער בכלל מיט דער ליטעראַטור פון דער אויפקלערונג, וועט לייכט באַמערקן די ענלעכקייט פון עטינגערס „סערקעלע" מיט די שטייגער־פּיעסן פון יענער צייט, ווי אויך מיט די פּיעסן פון דער יידישער השכלה. עס איז אָבער פאַראַן אַ וועזנטלעכער אונטערשיד פון אַזאַ „געגנאַרטער וועלט", וועלכע האָט דירעקט משפּיע געווען אויף עטינגערס קאָמעדיע, און „סערקעלע". עטינגער איז ניִשט באַהערשט דורך דעטאַל־שילדערונג. ער נעמט אַרויס דאָס סאַמע וועזנטלעכסטע, כאַראַקטעריסטישע פון דעם שטייגער, די געשטאַלטן מאָלט ער פאַרטיפט, ווייזנדיק דעם קאָמיזם פון כאַראַקטער און ניִשט דעם קאָמיזם פון וואָרט. די אַקציע אַנטוויקלט זיך לאָגיש און איז אויסגעפילט מיט קאָנפליקטן און פרעכטיקע מיזאַנסצענעס. די שפּראַך איז קינסטלעריש דיסטילירט און צמצומדיק און דאָס אַליץ ווייזט אויף אַן אָריגינעלן קינסטלער, וואָס גייט צו צו זיין שטאָף באַוווסטזיניק, מאָטיווירנדיק יעדע האַנדלונג פון זיינע העלדן, בלויז די פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון „סערקעלע" זיינען סכעמאַטיש, דערעיקר מאַרקוס רעדליך, דעם קינסטלערס אידעאַל, וועלכער רעזאָנירט און איז בלוט־אָרעם. די רעשט געשטאַלטן אָטעמען מיט לעבן און זיינען ביז גאָר דאַנקבאַרער שטאָף פאַר סצענישער פורעמונג. דער נאַטירלעכער אַנוווקס פון קאָנפליקט אין „סערקעלען" ווייזט אויף עטינגערס דראַמאַטישן טאַלאַנט, אויף זיין דינעם קינסטלערישן חוש, אויף זיין באַגאַבונג צו אינדיווידואַליזירן די געשטאַלטן און דערביי זיי אַלע אונטעראָרדענען איין גרונטיקער הויפּט־אידעע. דעמאַסקירן, פון אַן אויפגעקלערט־בירגערלעכן שטאַנדפּונקט, די צביעות און פאַרדאָרבנקייט פון דער פּאַטריאַרכאַליש־פעאָדאַלער סביבה. מיט דינעם געשליפענעם הומאָר לאַכט ער אויס סיי די פּאַטריאַרכאַליש־פעאָדאַלע טיפּן, סיי די גבירישע, סיי די באַלעבאַטישע ביז צום בעל־אַכסניה און שדכן. ער לאַכט אויס דעם אָפּגעשטאַנענעם שטייגער. אין זיין גלענצנדיקער שטודיע „שלמה עטינגער — זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור" זאָגט ווינער:

„אין דעם ווערק איז צום ערשטן מאָל אין דער יידישער ליטעראַטור אמתדיק קינסטלעריש געפורעמט געוואָרן דאָס לעבעדיקע סטיכעישע וואָרט.

אין דעם פרט איז די ווירקונג פון דעם ווערק אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור געווען זייער אַ גרויסע. מען דאַרף רעכענען אַז אַ געניייערע אויספאָרשונג וועט אויסגעפינען א צוזאַמענהאַנג פון טראַדי־ציע אַפילו דאָרט, ווו מען האָט זיך גאָרנישט געריכט, נישט נאָר צווישן עטינגערן און גאָלדפאַדענען, נאָר אויך, נישט געקוקט אויף דער פאַרשידנ־קייט פון דער דיאַלעקטן־באַזע, צווישן עטינגערן און מענדעלען און ממילא אויך צווישן עטינגערן און שלום־עליכמען. עטינגערס „סערקעלע" געהער צו יענע קלאַסישע ווערק, וואָס האָבן פאַר דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער ליטעראַטור אַ צענטראַלע באַדייטונג. קיין בעסערע קאָמעדיע איז זיינט דעמלט אין דער יידישער ליטעראַטור נישט געשריבן געוואָרן".

עס איז געווען צו דערמאָנען, אַז אין דעם רוב פון די יידישע פּיעסן פון דער שפּעטערדיקער צייט הויבן אָן די אַקציע די „משרתים", די דינסט־מוידן, אַז דער אופן פון כאַראַקטעריזירן געשטאַלטן מיט דער הילף פון אַ באַשטימט ווערטל (סערקעלע: „אוי, מיינע כוחות"; דער שדכן: „קומט מיין שמיעה אַפער") דאָס הייסן די אינטעליגענטן רעדן דייטש, צי מיט אַ מאָניערירטן יידיש, איז אויך געוואָרן כמעט ווי אַ כלל אין דער יידישער דראַמאַטורגיע. דאָס זעלביקע, וואָס שייך דאָס הייסן די פאַרשטייער פון פאַר־שידענע קאַנטן צו רעדן מיט זייער אויסשפּראַך (ביי עטינגערן רעדט דער באַלעבאָס פון גאַסטהויז, וואָס הייסט די „מרגלים" דער ליטוואַק ר' שמעלקע טרויניקס מיט אַ סין).

איבעריקנס זאָגן צייט־עדות וועגן דער גרויסער השפעה פון עטינגערן אויף זיין צייט, הגם צוליב פאַרשידענע געווען טראַגישע סיבות איז סיי די קאָמעדיע „סערקעלע", סיי זיינע משלים און עפּיגראַמען נישט דערשינען אין דרוק און זיינען אין מאַסן־קאָפּיעס פאַרשפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ פּוילן.

ווען עטינגער איז אַלס דאָקטאָר געקומען צוריק קיין זאַמאָשטש, האָט ער זיך פאַרנומען גלייכצייטיק מיט מעדיצינישער פּראַקטיק און ליטעראַ־רישער טעטיקייט. אַזוי דערציילט א. ב. גאָטלאָבער אין זיינע „זכרונות אי־בער יידישע שרייבער און ספרים" (אין שלום־עליכמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק"):

„דעם דאָקטאָר שלמה עטינגער האָב איך קענען געלערנט אינם יאָר 1837, ווען איך האָב אַרויסגעגעבן מיין ערשטעס ווערק „פרחי האביב". דענסטמאָל בין איך עטלעכע מאָל געוועזן אין זאַמאָשטש און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב כאָלעריע, וועלכע איז דעמלט אַרומגעגאַנגען אין

פוילן, איך האָב געשיקט בעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל צו מיר קומען. ער איז געקומען, האָט מיך באַטראַכט און זאָגט צו מיר: „וואָס טויג אייך כאָ־לעריע? איך וועל אייך בעסער פאָרלעזן מיין „סערקעלע". ער האָט מיר פאָרגעלעזן און איך בין געזונט געוואָרן..."

אין דרוק איז „סערקעלע" נישט דערשינען, הגם עס איז שוין געווען אויף דעם די דערלויבעניש פון דער צענזור. די סיבה: „די צענזור האָט פאַריכט" דעם טעקסט אויף אַזאַ אופן, אַז עטינגער האָט געהאַלטן פאַר אומ־מעגלעך אים אין אַזאַ צעקאַליעטשעטער פאָרם צו פאַרעפנטלעכן. דאָך האָבן מיר אַן אַ שיעור באַווייזן וועגן דער פּאָפּולאַריטעט פון עטינגערס פּיעסע. וועגן איין אַזאַ באַווייז ווילן מיר דאָ איבערגעבן. פּאָפּערנאַ אין זיינע זכרו־נות דערציילט אַט וואָס:

אין יאָר 1862 איז געשטאָרבן דער אינספּעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, יעקב אייכנבוים „און אויף זיין שטעלע איז אָנגעקומען דער באַרימטער יידישער געלערנטער חיים־זעליג סלאָנימסקי. מאַדאַם סלאָנימ־סקי, די טאָכטער פון באַוווּסטן מאַטעמאַטיקער ר' אַברהם שטערן פון וואַר־שע, איז געווען זייער אַ הויך געבילדעטע פרוי. בטבע אַן אַסימילאַטאָרין, האָט זי אָבער מיטגעבראַכט פון וואַרשע, ווי אַ קוריאָז, די יידישע דראַמע „סערקעלע" פון דאָקטאָר עטינגער פון זאַמאָשטש. די דראַמע איז איר זייער געפעלן געווען, פלעגט זי ליב האָבן זי פאָרצולייענען פאַר באַקאַנטע. דעם זעלבן ווינטער איז איר איינגעפאַלן צו מאַכן אַ ספּעקטאַקל, ווו די דראַמע זאָל געשפּילט ווערן דורך די שילער פון דער ראַבינער־שול.

„דער פּלאַן פאָרצושטעלן אויף יידיש אַ דראַמע האָט אויסגעזען ווילד ביי דער זשיטאָמירער יידישער אינטעליגענץ. אָבער מאַדאַם סלאָנימסקי איז פעסט באַשטאַנען אויף איר פּלאַן... זי האָט פונאַנדערגעטיילט די ראָלן, אָרגאַניזירט, רעפּעטירט, געזאָרגט פאַר פּאַסנדיקע דעקאָראַציעס, און דער ספּעקטאַקל איז צושטאַנדגעקומען אין קעגנוואַרט פון די לערער פון דער ראַבינער־שול און פון דער איבעריקער זשיטאָמירער אינטעליגענץ. דער ספּעקטאַקל האָט געמאַכט אַ פוראָר. די שילער האָבן זייערע ראָלן גוט גע־שפּילט, נאָר מער פון אַלעמען האָט זיך אויסגעצייכנט גאָלדפאַדען, וואָס האָט געשפּילט די שווערסטע ראָל — סערקעלע".

דער זאַמאָשטשער דאָקטאָר האָט אָנגעשריבן נאָך צוויי פּיעסן. ער האָט זיי אָבער נישט פאַרענדיקט וואַרשיינלעך צוליב דער אוממעגלעכקייט צו דרוקן, ווי אויך צוליב דעם, וואָס נאָך פופצן יאָר מעדיצינישער פּראַקטיק

האָט ער מחמת אַ מסירה געמוזט ערשט פונסניי ביילייגן אַן עקזאַמען אין אַ רוסישן אוניווערזיטעט.

אָנפאַנגס 40־ער יאָרן איז עטינגער אין פּאָלטאַווע, און פון דאָרטן פאָרט ער קיין כאַרקאָוו, וווּ ער באַקומט אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם, וואָס גיט אים די רעכט צו פּראַקטיצירן אין רוסלאַנד. ער פאָרט פאַרביי אויף צוריקוועגס דורך אָדעס, וווּ זיינע פריינט פּראַווען אים אַ 50־יאָריקן יובילײ, און קומט צוריק קיין זאַמאָשטש. די לעצטע יאָרן האָט ער געוווינט צוזאַמען מיט זיין משפּחה אין דאָרף זשאַדאָוו הינטער זאַמאָשטש, וווּ ער האָט געקויפט 65 מאָרג ערד און זיך גענומען פאַרווירקלעכן זיין יוגנט־אידעאַל, זיין אַ קאָלאָניסט און ציען חיונה פון ערדאַרבעט. אין 1856 איז ער געשטאָרבן.

עטינגערס באַדייט פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז גרויס נישט בלויז דערמיט, וואָס ער האָט אונדז געגעבן זיין קלאַסיש „סערקעלע“, נאָר אויך צוליב די פאַר זיין צייט גאַנץ געלונגענע שאַפונגען אויפן געביט פון פּאָעזיע, משלים און גייסטרייכע עפּיגראַמען. עטינגער האָט דער ערשטער אַריינגעפירט אין דער יידישער פּאָעזיע די באַלאַדע־פאָרם („וואַלדהיים“), די פּאָעמע („דאָס לעכט“), וואָס איז געשריבן אונטער דער השפּעה פון שילערס „די גלאָקע“.

אויב אין די לירישע שאַפונגען שפּרייזט עטינגער נישט איבער דעם באַלעבאַטישן, טראַדיציאָנעלן וועלט־באַנעם און די באַגריפן וועגן דער וועלט און „יענער“ וועלט, איז ער אָבער אין זיינע סאַטירישע ווערק און עפּיגראַמען ביז גאָר שאַרף און בייסיק.

אַ קליינער אויסצוג פון זיין באַקאַנטער סאַטירע „וויטעלע“:

צו וויטעלען קומט צו אַן אָרעמאַן בעטן אַ שטיקל ברויט. ער איז אַליין אַ קאַליקע און האָט אַ קראַנק קינד, און

„וויטעלע ענטפערט מיט אַ פּנים פול יראת שמים:
דער גאָט וואָס האָט געשפּייזט
אונדזערע הייליקע אָבות אין דעם לאַנד מצרים,
האָט אַוודאי גאָרנישט געגרייזט.
וואָס ער האָט דיר, ברודער, נישט געגעבן,
דו זאָלסט האָבן פון עפּעס צו לעבן.
וואָס גאָט טוט,
איז אַוודאי גוט.
דו מוזט, מיין לעבן, גאָרנישט, זיין פרום,
איבער דעם גייסט אויף די טירן אַרום!

העסטו אָבער פרום געווען,
העסטו אָבער אַליין געזען,
ווי דו העסט געווען רייך, און אויף העגט און פיס גלייך;
ווילסט איך זאָל להכעיס
און דערווידער זיין, זיין געבאָט?
גיין, מיין האַרץ! מיין לעבן!
איך טאָר דיר גאָרנישט געבן!
גיי דיר געזונטערהייט,
איך טו קיין נאַרישקייט,
איך וועל נישט טון גאָט דערווידער״.

אָט אויף אַזאַ אופן האָט עטינגער „איבערגעמאַכט״ געלערטס סאַטירע „די בעטשוועסטער״, ווו די העלדין הייסט בעאַטע, אויף אַ יידישער סאַטירע וועגן אַ פרוי, וואָס איז צביעותדיק, פול מיט גאָטספאַרכטיקע רייד, נאָר אונטער דעם דעקמאַנטל פון תשובה באַהאַלט זי אַ פאַרדאָרבן, פאַרשטיינערט האַרץ. די סאַטירע פאַרענדיקט זיך מיט אַ מוסר־השכל, אַז מען דאַרף אַזעלכע, וואָס ווילן „פאַר פרומקייט־וועגן נישט געבן קיין צדקה״, פאַרמיאוסן אין די אויגן פון פאָלק. ביז גאָר שטייגעריש־קריטיש איז עטינגער אין זיינע קליינע „מייסטער ווערק״, אין זיינע משלים. עטינגער האָט געהאַט די גרויסע פייאיקייט אין די אַנטליענע פאַבלען פון לאַפאָנטען, געלערט, פלאָריאַן און קראַשיצקי אַריינוועבן אַן עכט יידיש שטייגער־געמעל. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ביים אָפקלייב פון משלים זוכט עטינגער אויס ס׳רוב אַזעלכע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט סאָציאַל־סאַטירישער דעמאַסקירונג און שטייגערישער קריטיק. דאָס באַשטעטיקט נאָך אַמאָל די פאַלשקייט פון די אַלע רייד וועגן עטינגערס „קונסט לשם קונסט״־איינשטעלונג.

אָט איז אַ מוסטער פון עטינגערס עפּיגראַמען קעגן די קהלס־לייט:

רבי שמערל לימענטאַל
איז געווען אַ ראש־הקהל
אין זיין שטאָט, מער ווי צוואַנציק יאָר,
האָט געהאַט צו טאָן מיט די האָר
פון אָרעמע אלמנות רייסן.
איז ער נישט געווען קיין כעסן,
עשירים פלעגט ער צו פאַרשוינען;
זיי פלעגן אים דערפאַר באַלוינען.

ער פלעגט נישט צו נעמען מתנות
פון אָרעמעלייט און אַלמנות;
האָבן זיי גאָר זיין ווייב באַלוינט,
האָט ער זיי טאַקע פאַרשוינט.
ער איז געווען קהל־מאַן אַ יאָר זיבן
און איז פאַרט אַן עושר געבליבן.

ווי שוין געזאָגט, האָט שלימות און אויסדרוק באַקומען עטינגערס משל, וואָס פאַרמאָגט אויך גאַנץ היפּש בולטע השכלה־טענדענצן און שוינט נישט די פרומע יידן, די שלעכטע דערציאונג פון קינדער, דאָס רייסן זיך איבער אַ קוצו של יוד אא״וו, לאַכט אויס די קליינקעפּלדיקייט און פאַרבלענדטקייט פון די אָבסקוראַנטן. אַלסביישפּיל וועלן מיר ברענגען דעם משל „צוויי ציגן״:

צוויי אַלטע ציגן, די רעכטע נאַראָנים,
וואָס דער נאַר ליגט זיי אויפן פּנים,
גיבן זיך דאָ ביים בערדל אַ גלעט
און שמועסן זיך מיט גרויס געשפּעט:
„ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט
„און דעם פוקס אַ שם געמאַכט,
אַז גאָר דעם גרעסטן שכל
„האָט נאָר ער אין זיין מייכל? —
„ווייסטו איך זאָל זיין אַזוי געזונט
„ווי איך געדענק נאָך אַזוי ווי אַצינד,
„ווי דער פוקס האָט אַמאָל אָנגעהויבן
„דעם לייב, דעם מלך, זייער צו לויבן,
„האָט ער דעמלט עפּעס געזאָגט אַ דרשה,
„עפּעס קעגן דעם צדיק און דעם רשע
„איך זאָל נישט אַוועקגיין פון דאַנען
„אויב איך האָב כאָטש איין וואָרט פאַרשטאַנען! —
„כ׳לעבן! ווי איך בין אַ ציג!
„דער פוקס, איז גאָר נישט קליג״!

איר וואָס איר לאַכט אַלע אויס פרעמדע ספרים,
פון מזרח, מערב, צפון און דרום,

אַלע פון גרויס ביז קליין,
שטויסט אייך וואָס איך מיין.

פרעכטיק שטייגעריש און פאַרביק איז דער משל, וואָס לאַכט אויס די פוסטע וויכוחים. דער דאָזיקער משל איז פון אַן אַנטליענעם סוזשעט ביי געלערנטן „דיביידע וועכטער" אויסגעוואַקסן צו אַ פרעכטיק שטייגער־געמעל, וואָס איז גרונט־אויס אנדערש פונם אָריגינאַל:

„וואָס שרייט איינער, ער וועט דאָס ווערטער פאַרדרייען?
„און „קי קע רי קי" נישט „קאָ קע רי קאָ" קרייען? —
„וואַרט איך על אים שוין ווייזן,
„ווי מען קרייעט מיט גרייזן". —
„איך קריי, שרייט דער אַנדערער האָן,
„קי קע רי קי שוין פון אייביק אָן,
„מיר קען איטלעכער האָן זאָגן עדות,
„וואָס האָט געהערט קרייען מיינע זיידעס,
„וואָס דו מוזט זיך צען מאָל אָפּשווענקען,
„דו זאָלסט זייער נאָמען געדענקען —
„אַז זיי האָבן געקרייעט קי קע רי קי!
„און נישט מיט גראָבע גרייזן אזוי ווי דו".
דער באַלעבאָס, וואָס הערט זיך צו צום שאַרפן שטרייט, רופט זיך אָן מיט אַ געלעכטער:

„קרייעט קעקערי קי!" קרייעט „קאָ קע רע קאָ!"
„אָבי וועקט מיך נאָר תמיד אויף צו דער שעה. —
און אָט איז דער נמשל:
„צווישן אונדזערע לומדים, רבנים,
טרעפט מען אַמאָל אויך אַזעלכע נאַראָנים,
וואָס רייסן זיך שיעור נישט ביי די האָר,
און קריגן זיך אַוועק גאַנצע יאָר,
און זידלען זיך אַוועק לאַנגע צייטן,
איבער אַן אות וואָס עס קען באַדייטן. —
דער ברענגט אַ ראיה פון שיטה מקובצת,
און דער פאַררופט זיך אויף דער קבלה,
און שילט זיין חבר מיט קללות נמרצת,

און גיט דעם חבר טאָפּלט די קללה,
צום סוף קומט זיי בײדע גאַרנישט אַרויס,
וואָרום דער פּשט לאָכט זיי בײדע אויס.

עטינגער פאַרמאָגט אַ היפּשע צאָל סאַטירישע עפּיגראַמען, מעשׂהלעך, משלים און סענטענצן, וואָס לאַכן אויס צביעות, צדיקיזם, פאַרפרומטקייט און נאַרישקייט. דאָס איז צו זעען אין זיין שאַרפער סאַטירע „די פרומע בערן", אין זיינע סקעפּטישע לידער ווי „נאמנה־ווידוי", „דאָס שטערנ־טיכל", „די מורא" און אַנדערע. אָבער סיי אין די משלים און קליינע „מעשׂה־לעך", און סיי אין די עטלעכע און זיבעציק עפּיגראַמען און סענטענצן איז פאַראַן אַזאַ שלל פון לעבנס־דערקענטעניש, שאַרפער וויץ און געלייטערטע פאָלקס־חכמה, אז זיי שטעלן ס׳רוב מיט זיך פאָר סיי אידייאיש און סיי קינסט־לעריש אַ גרויסן שריט פאָרויס אין אונדזער ליטעראַטור. די לאַפּידאַרע עפּיגראַמע „אויף אַ מחבר", ווו עס ווערט געזאָגט: „ער האָט איבערגעלאָזט קינדער און ספרים, (— יענע האָט ער געמאַכט רייך און די אָרעם") ווייזט בולט, אַז עטינגער האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויף דעם קינסטלערישן ווערט פון געשריבענעם וואָרט. ביז היינט צו טאָג קענען אַזעלכע משלים ווי „די פליג" אָדער „דער וועוויריק", „דער שלום", צי „דער שליש" מיט דערפּאָלג אַריין אין די שול־כרעסטאָמאַטיעס, ווי גלענצנדע מוסטערן פון קינסטלערי־שער אַלעגאָריע.

ד״ר שלמה עטינגערס פאַרדינסט פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז קאָלאָסאַל. מיט זיין אַריינפירן אין דער ליטעראַטור נייע פאָרמען און זשאַנ־רען, מיטן רעאַליזם פון געמעל אין רוב פון זיינע סאַטיריש־דידאַקטישע ווערק און דראַמע, ווי אויך מיט דער רייכקייט פון שפּראַך און פייאיקייט פון צימצומדיקן אויסדרוק, איז ער געווען דער דירעקטער פאָרגייער פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור.

קאַפּיטל 13.

משכּילישע פאָרשטייער פון דעם קליינבירגערטום

אין אונדזער ביז־איצטיקער באַהאַנדלונג פון דעם שאַפן פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער השׂכּלה אין פּוילן און אין רוסלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן מיר אין אַלגעמיין זיך אָנגעטראָפן מיט אַ קלאָרער, איינהייטלעכער, ליבעראַל־בירגערלעכער, אָדער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער וועלט־אַנשויונג, וואָס איז, אָפּהענגיק פון טעמפּעראַמענט און קאַמפּס־גייסט פון געגעבענעם משׂכּיל און פון זיין גראַד פאַרבונדנקייט מיט די פאָלקס־מאַסן, געקומען שאַרפער, אָדער ווייניקער שאַרף צום אויסדרוק. דאָס גלויבן פון ריב״ל (לעווינזאָן), צי עטינגערן, צי אַפילו אקסענפעלדן אין די גוטע כוונות פון צאַר, דאָס שרייבן און בעטן הילף ביי דעם צאַר און זיינע מיניסטאָרן מצד אַזאַ לעווינזאָן צי אקסענפעלד, און אַפילו יוסף פּערלס גוטע באַציאונגען מיט נאַטשאַלסטווע, איז נישט געווען קיין אַקט פון חניפה, פון סערוויליזם. עס איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער גאַנג פון דער בורזשואַזער השׂכּלה, וואָס האָט, געטריי צו דער וואָלטערישער תורה וועגן דעם „אויפגעקלערטן מאָנאַרך״, געהאַלטן, אַז דער טראָן קאָן זיין דער נויטיקער פאַרבינדעטער אין קאַמף קעגן דער אָפּגעשטאַנענקייט אויף דער יידישער גאַס, אַ פאַרבינדעטער פון די טרעגער פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט, פון אינדוסטריאַליזם און פּראָגרעס. דערפאַר האָבן זיי אַפילו אין רעקרוטן־געזעץ געפרווט איינזען אַ „גוטע בשׂורה״ פון עמאַנסיפּאַציע, מיינענדיק, אַז צוזאַמען מיט די נייע בירגערלעכע פליכטן וועלן אויך געגעבן ווערן בירגערלכע רעכט. דערפאַר האָט לעווינזאָן אַליין

מיטגעווירקט ביים אַנטשטיין פון געזעץ וועגן פאַרקלענערן די צאָל יידישע דרוקערייען, און איינפירן אַ צענזור איבער די געדרוקטע ביכער, אין דער זיכערקייט, אַז אַזוי אַרום וועט געהאַמעוועט ווערן די פּובליקאַציע פון דעם מבול חסידישע ספרים, מוסר־ און בבא־מעשיות. באַקומען האָט זיך, ווי מיר ווייסן, דאָס פאַרקערטע: עס זיינען געבליבן צוויי־דריי דרוקערייען, אָבער גראָד אין די הענט פון די חסידיש־געשטימטע, און די משכילים, האָבן נישט געהאַט ווו צו דרוקן זייערע שאַפונגען. אַזוי איז עס געווען מיט אקסענפעלדן, וועלכן די דרוקערייען האָבן נישט געוואָלט זיינע אפּיקורסישע ווערק דרוקן; אַזוי איז עס געווען מיט עטינגערן, וועמען די צענזור האָט אַזוי „צורעכט געמאַכט" דעם טעקסט פון „סערקעלע" און זיינע לידער און עפּיגראַמען, אַז ער האָט געהאַלטן פאַר אוממעגלעך דאָס בוך צו לאָזן דערשיינען.

עס איז געווען, ווי מיר זעען, אַ פאַלשע פאַרשטעלונג וועגן צאַרישן לייבאייגנטימערישן רוסלאַנד, וואָס האָט דאַן מיט דער גרעסטער אַכזריות געטראָטן אַלדאָס דערהויבענע און ליכטיקע אין לאַנד, וואָס האָט דערמאָרדעט דעם געניאַלן נאַציאָנאַלן פּאָעט פּושקין, דעם פּאָעטישן ריז לערמאָנטאָוו, וואָס האָט פאַרשיקט און געהאַנגען די בעסטע פאַרשטייער פון פרייען רעוואָלוציאָנערן געדאַנק אין יענער צייט — די דעקאַבריסטן. פון אַזעלכע הערשער וואַרטן אויף גרויסע חסדים איז, פאַרשטייט זיך, אַן אומפאַרצייליעכע קורצזיכטיקייט.

די יידישע ליטעראַטור האָט דאַן ערשט געשטעלט די ערשטע שריט אין דער ריכטונג פון קינסטלערישער פאָרעמונג. איר ערשטער ציל איז געווען זיך צו באַפרייען פון די פּענטעס פון קלעריקאַליזם, מיסטיציזם און פּעאָדאַליזם. ווייל דער יחוס־מאָמענט, די טיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף דעם פּאַטריאַרכאַל־למדנישן שטאַנד, וואָס איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט די קהלס־לייט, פון איין זייט, און אויף „די שניידערלעך און שוסטערלעך" פון דער צווייטער, האָט ביים אַנטשטיין פון אַ נייעם בורזשואַזן שיכט נישט געקענט מער אָנהאַלטן. די ביז־איצטיקע דערציאונג און דער לעבנסשטייגער אין גייסט פון אתה־בחרתניזם האָט שוין געווירקט ווי אַ שטערונג, פּונקט ווי דער חסידיזם, וואָס האָט מיט דער הילף פון מעשהלעך געהאַלטן דאָס פאָלק אין קלעם פון אַבערגלויבן און ניסים.

„די פּראָגרעסיווע באַדייטונג פון קאַפּיטאַליזם — זאָגט לענין — באַשטייט נעמלעך דעריין, וואָס ער האָט צעשטערט די פריערדיקע ענגע לעבנס־באַדינגונגען פון די מענטשן, וועלכע האָבן גורם געווען די גייסטיקע

פאַרטעמפּטקייט און האָבן נישט געגעבן די מעגלעכקייט די פּראָדוצירער צו נעמען דעם גורל אין די הענט. די מעכטיקע אַנטוויקלונג פון די האַנדלס־באַציאונגען פון סחורה־טויש אין וועלט־מאַסשטאַב, די אומאויפהערלעכע איבערוואַנדערונגען פון ריזיקע מאַסן פון דער באַפעלקערונג האָבן צעריסן דעם לאַנגאַניקן בונד פון שבט, משפחה, טעריטאָריאַלער געמיינשאַפט און האָבן באַשאַפן יענע פאַרשידנאַרטיקייט פון אַנטוויקלונג, „פאַרשידנאַרטיקייט פון טאַלאַנטן, רייכקייט פון געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען", וועלכע שפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער גייסטער געשיכטע פון מערב" (וו. אי. לעניין, אַלע ווערק, ב. 1, זייט 393—394, 4־טע אויפלאַגע, 1941 אין רוסיש).

און רעדנדיק ווייטער וועגן דער ראָל פון דער בורזשואַזיע, ווייזט לעניין אָן, אַז „שטענדיק און אומעטום איז די בורזשואַזיע אַרויסגעטרעטן קעגן דעם פעאָדאַליזם אין נאָמען פון אָפּשאַפן די שטאַנדן — און אויך ביי אונדז איז קעגן דער אַלט־אַדעליקער שטאַנדן־אָרדענונג אַרויסגעטראָטן די שטאַנדלאָזע אינטעליגענץ. שטענדיק און אומעטום איז די בורזשואַזיע אַרויסגעטרעטן קעגן די אָפּגעלעבטע שטאַנדן־ראַמען און אַנדערע מיטלאַלטערלעכע אינסטיטוציעס אין נאָמען פון דעם גאַנצן „פאָלק", וואָס די קלאַסן־קעגנזאַצן אין אים זיינען נאָך נישט געווען אַנטוויקלט. און די בורזשואַזיע איז געווען גערעכט, אַזוי אויף מערב ווי אין רוסלאַנד, ווייל די דורך איר קריטיקירטע אינסטיטוציעס האָבן ווירקלעך געשטערט אַלעמען" (איביד, זייט 401—402).

עס איז נישט נויטיק באַזונדערס אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז דער קאַמף מיט די יחוס־באַגריפן און מיט דער „שטאַנדן־צעטיילונג" אין דער יידישער סביבה, ווי אויך דאָס „אַרויסטרעטן" קעגן די מיטלאַלטערלעכע אינסטיטוציעס איז אין אונדזער השכלה־ליטעראַטור געקומען ביז גאָר בולט צום אויסדרוק, דעסגלייכן האָט די משכילישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך פּאַקטיש אָפּגעריסן פון איר אָפּשטאַם, דעם יחוסדיק־רבנישן, צי חסידיש־נגידישן, זיך געלאָזט נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן, נויט און געפאַרן, אויפן וועג פון קאַמף פאַר אַ מער וועלטלעך, „אייראָפּעיש" לעבן און עקאָנאָמיק. פון אייכלען און מאַרקזין ביז דעם לעצטן פון די משכילים האָט די דאָזיקע אינטעליגענץ געהאַט די איבערצייגונג, אַז זי דינט „דעם גאַנצן פאָלק". לעניין ווייזט אָן, אַז אין יענער צייט זיינען די בורזשואַזע פאַרשטייער, די אינטעליגענץ געווען באַרעכטיקט אַזוי צו טראַכטן צוליב דעם טעם, וואָס די קלאַסן־קעגנזאַצן זיינען נאָך דעמלט נישט געווען שטאַרק אַנטוויקלט און ווייל די „קריטיקירטע אינסטיטוציעס האָבן ווירקלעך געשטערט אַלעמען".

א. ב. גאָטלאָבער

אין דער יידישער סביבה האָט דער פאַרלאַנג צו דינען, צו רעפּרעזענטירן אַלעמען זיך קודם אויסגעדריקט אין דעם באַנוצן זיך מיט דער „דינסטן־שפּראַך", מיט יידיש. די העברעישע השכלה, וואָס האָט גערעדט צו די געבילדעטע, אָרטאָדאָקסישע שיכטן, האָט געשאַפן אַ ליטעראַטור, וואָס האָט געהאַט פּראָגרעסיווע מאָמענטן, זי איז אָבער געווען אַ פונאויבנאַראָפּיקע אין איר באַציאונג צו דער „פּינצטערער מאַסע" און אַן אַבסטראַקטע, ווערבאַל־פּאַטעטישע אין איר פּאָעזיע און פּראָזע. דעריבער איז טאַקע כאַראַקטעריסטיש, וואָס פאַרברענטע קעגנער פון יידיש האָבן דאָך געמוזט שרייבן אין דער שפּראַך פון די מאַסן, ווי נאָר זיי האָבן געוואָלט אָנפילן זייער שאַפן מיט קאַמפּס־אינהאַלט און ווירקן סיי אין דער ברייט און סיי אין דער טיף פון פאָלק. די פאָלקס־שפּראַך האָט אויך געהאָלפן די משכילישע שרייבער צו געבן רעאַליסטישע געמעלן, סאַטירישע בילדער און זאַפטיקע שילדערונגען. טייל „אידייאישע" קעגנער פון יידיש זייַנען געראַטעוועט געוואָרן אין דער ליטעראַטור אַ דאַנק זייערע יידישע ווערק. אַזוי האָט עטינגערס שאַפן אין העברעיש כמעט בישט קיין שום קינסטלערישן ווערט, און אַלע פּרוון, דראַמאַטישע און פּאָעטישע פון א. ב. גאָטלאָבער אין דער העברעישער שפּראַך זייַנען קינסטלעריש ווערטלאָז און אידעאָלאָגיש סערוויליסטיש און חניפהדיק צום צאַר. דאַקעגן זיינען די שאַפונגען פון גאָטלאָבערן אין יידיש, די עפּיגראַמען, די פּיעסע „דער דעקטוך", געשריבן אין די 30־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט — גייסטרייך, קעמפעריש, סאַטיריש און טרעפן מיט זייער גאַנצער שאַרף אין די אלטע לעבנס־פאָרמען. א. ב. גאָטלאָבער איז אין יידיש פול מיט בייסיקער איראָניע. אַזוי ווערט אין

דער סאַטירע „די אסיפה" אַנטקעגנגעשטעלט דעם קהלשן רעדלפירער — די אָרעמע פאָלקס־מאַסע, וואָס איז עלנט און דערשלאָגן און האָט אפילו נישט דעם מוט זיך צו ווערן:

אַזוי איז במוסכם כולם געבליבן,
מען האָט די תקנה אין פנקס פאַרשריבן:
„היות אַזוי פון ימים ושנים
זיינען דאָ ביי יידן נגידים און קבצנים,
מוז מען דאָך וויסן צו וואָס איטלעכער נוצט,
פאַרשרייבן מיר עס אין פנקס איצט:
צום רייסן, צום בייסן, קלאַפּן, שלאָגן
און אַלערליי צרות איבערצוטראָגן
דאַרפן אָרעמעלייט אויפשטעלן די פּלייצעס
און די נגידים — ניצן אויף אסיפות און עצות.
מיר מוזן זיי נאָכזאָגן דעם שבח אָן חניפה
זיי מאַכן אויסגעצייכנט אַן אַסיפה".

גלייכצייטיק מיט אַזעלכע שלאָגנדיקע אין צאַריזם שורות פון אין „דער סיים":

דער עיקר, וואָס מיר דאַרפן פוגעם מלך האָבן
— ער זאָל אונדז נישט באַגראָבן".

אָדער:

„איך בין טאָקע צו דער מלוכה צו קליין.
דאָס איז דאָס אומגליק, דאָס איז דער שלאָק:
די וועלט האָט ליב אַ גרויסן, כאָטש אַ דוראַק".

אָדער:

„דער וואָלד פירט זיך ווידער, ווי ער האָט זיך געפירט
דער שוואַכער ליגט שטיל, דער שטאַרקער פאַרפירט.
דער גרויסער — איז גרויס, דער קליינער איז קליין —
ווייל איז דעם, ווער עס האָט שאַרפע ציין".

איז נישט שווער אָנצוטרעפן ביי גאָטלאָבערן גאָר אַנדערע טענער, טענער וואָס דריקן שוין ווייט נישט אויס דעם פּראָטעסט פון פשוטן פאָלקס־מענטש קעגן די וועלפישע פאַראָנדקעס סיי אין דער אייגענער יידיש־נגי־דישער סביבה און סיי די צאַרישע פאַראָנדקעס אין לאַנד. נאָר פאַרקערט,

מאַכן דעם איינדרוק, ווי גאָטלאָבער זאָל שטיין פולשטענדיק אויף דער זייט פון די מאַכטהאָבער.

אין זיין העברעיִש ליד, ווו ער שילדערט די צייט פון 1848, שרייבט גאָטלאָבער:

ותהי הארץ כמעט כהפכת
רק בכי ואנחה היה חבלנו.
...את שאול ואת אבדון ובדת זבד
ובאדוניו מתפרץ העבד.

(די ערד האָט זיך שיעור נישט איבערגעקערט. בלויז זיפצן און געוויין איז געווען אונדזער טייל, דעם גיהנום און אָפּגרונט האָסטו מיט מתנות באַשאָנקען, און קעגן זיינע האַרן איז דער קנעכט אויפגעשטאַנען).

דאָס איז נישט די איינציקע סתירה אין גאָטלאָבערס פּערזענלעכקייט. איר וועט די זעלביקע „צעצוויטקייט" אָנטרעפן אויך אין גאָטלאָבערס באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך. איר וועט ביי אים אָנטרעפן נישט איין ראיה פאַרוואָס מען דאַרף שרייבן אין דער שפּראַך פון די פאָלקס-מאַסן, אַז יידיש האָט די מעגלעכקייט צו ווערן א ליטעראַטור-שפּראַך, פון דער צווייטער זייט, וועט איר אָנטרעפן אַרטיקלען און בריוו, ווו גאָטלאָבער זידלט דעם „לשון בבל", דעם „גאָטלאָזן באַרבאַריזמוס", וואָס „פאַרמאָגט נישט קיין ליטעראַטור, קיין גראַמאַטיק, קיין לאָגיק, קיין רעטאָריק, קיין פילאָזאָפיע און געשיכטע"...

די סתירהדיקייט לאָזט זיך אָבער לייכט דערקלערן, ווען מען קוקט זיך צו צו די דאַטן פון זיין סאַטיריש שאַפן אין יידיש און זיינע פּאָזיטיווע אַרויסזאָגונגען אין יידיש און דער צייט, ווען ער דערשרעקט זיך מיט דעם אויפשטיין פון קנעכט קעגן האַר און ווערט אַ דעצידירטער און אויסשליסלעכער „העברעער".

און אָט וואָס די „שעפערישע ביאָגראַפיע" פון א. ב. גאָטלאָבער ווייזט: די בלי-צייט פון גאָטלאָבערס שאַפן זיינען די דרייסיקער און פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ס'הייסט די צייט פון רעוואָלוציאָנערער יוירונג און רעוואָלוציאָנערע אויסברוכן אין אייראָפּע, די צייט פון אויפשטאַנד אין פוילן אאַ"וו. אין יענער צייט שרייבט א. ב. גאָטלאָבער „בלשון העם", פון יענער צייט, וואָס האָט געאָטעמט מיט דער הייסער לופט פון אָנקומענדיקן פעלקער-פרילינג (1848) שטאַמען טאַקע אַזעלכע ווערק ווי-

„דער דעקטוך" (געשריבן 1838), די גרויסע סאַטירישע פּאָעמע „דער סיים" (1842), די סאַטירע „דאָס שטריימל און דער קאַפּעליוש" (1841), די גזירה „דייטשן" (סוף זומער 1845). אין זעלביקן יאָר איז אויך אָנגעשריבן געוואָרן „די גרויסע קינץ, אָדער דאָס ביסעלע מינץ". אויך די פּאָליטישע סאַטירע „די דעפּוטאַטן" און די „פֿאַרקערטע וועלט" שטאַמען פֿון די 40־ער יאָרן. פֿון דער צייט שטאַמט טאַקע גאָטלאָבערס גרויסע פּאָפּולאַריטעט צוליב דער טרעפֿלעכער סאָציאַלער סאַטירע, זיין בייסיק אויסלאַכן די שטאָטישע רעדל־פֿירער און די שתדלנים, וואָס פֿלעגן אָפּט פֿאָרן קיין פּעטערבורג (לעני־גראַד). דאָס פֿאָלק האָט נישט געקענט גלייכגילטיק אויפֿנעמען אַזעלכע שורות פֿון די „דעפּוטאַטן", ווו עס ווערט דערציילט, ווי די אסיפֿה האָט „דעם אייזל אויסגעקליבן — דעם למדן, דעם בעל לשון־קודש — פֿאַרשתדלן און פֿאַר פּרנס חודש" און מען האָט אים אַלס באַגלייטער צוגעגעבן „דעם אָקס דעם שיינעם באַלעבאָס און דאָס פֿערד, דעם גרויסן עושר אוןביידע ראַטמאַנס — דעם וואָלף און דעם הונט, די דראַבעס, די סיפּאַקעס, די הויט־שינדער און דער געשוואָרענער רב, דער בער, איז אויך געקומען אַהער". אַ באַזונדערע צוציאונגס־קראַפֿט האָט גאָטלאָבערס ליד געהאַט צוליב איר מוזיקאַלישקייט, און זי פֿלעגט געזונגען און רעציטירט ווערן אין יעדער שטוב פֿון וואָלין און פּאָדאָליע. „אַ זון פֿון אַ חזן — שרייבט א. י. פּאַפּערנאָ אין זיינע זכרונות וועגן גאָטלאָבערן, האָט גאָטלאָבער געירשנט פֿון זיין פֿאָטער אַ מוזיקאַלישן טאַלאַנט. ער איז געווען אַ גוטער בעל־תפֿילה, און זיינע פֿאָלקס־לידער האָט ער געזונגען אין טאָן פֿון דער יידישער נאַציאָ־נאַלער מוזיק. אָט די פֿאָלקס־מאָטיוון האָבן זיינע פֿאָלקס־לידער נאָך מער פּאָפּולער געמאַכט".

ווי עס הויבט אָן ווייען מיט רעאַקציאָנערע ווינטן אין איראָפּע פֿון נאָכן 1849, אַלץ מער ציט זיך גאָטלאָבער צוריק און פֿאַרלירט דעם גלויבן אין... פּראָגרעס און ציוויליזאַציע. צבי הירש מאַסלאַנסקי דערציילט אין זיינע „זכרונות פֿון אַ פֿאָלקס־רעדנער", אַז בעת זיין באַזוך אין ביאַליסטאָק אָנהויב די ניינציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט „האָט גאָטלאָבער מודה געווען, אַז די משכילים אין זיינע צייטן האָבן געמאַכט דעם גרעסטן טעות אין דעם, וואָס זיי האָבן געגלויבט אין דעם פּראָגרעס און ציוויליזאַציע. ער האָט פֿאַר מיר דעקלאַמירט — דערציילט מאַסלאַנסקי — זיין גרויסע יידי־שע ליד „דער בידנער ישראליק", וועלכע ער האָט פֿאַרפֿאַסט אין דער צייט פֿון די פּאָגראָמען אין זיד־רוסלאַנד". שלום־עליכם האָט צו יענער צייט דער־זען די פּעפּערלעך, די יידישע רעוואָלוציאָנערן, דעם „צווייטן גאָרקי",

כוועדקע, וואָס שדכנט זיך צו חוהן, די פּאַגראָמען באַנומען, ווי אַ פּראָוואָ־קאַציע פון דער צאַרישער רעגירונג. גאָטלאָבער איז געוואָרן אַ בעל־תשובה.

„אויף דער עלטער — דערציילט דער העברעישער שריפטשטעלער י. ה. זאַגאָראָדסקי — איז אין זיינע אידעען און זיינע מיינונגען וועגן רעלי־גיע אַריינגעטראָטן אַ גרויסער שינוי: אַנשטאָט דעם, וואָס ער איז דאָס גאַנצע לעבן געווען אַ פרייזיניקער מענטש, איז ער אויף דער עלטער געוואָרן רע־ליגיעז און האָט געהאַט פאַרגעניגן פון אָפּהיטן אַלע יידישע מנהגים, פלעגט דאַוונען אַלע טאָג און וואַשן זיך צום עסן און די אמונה איז געבליבן זיין איינציקע טרייסט".

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז פון זיין שאַפן פאַרשווינדט דער פריידיקער אָפּטימיסטישער טאָן און עס הויבן אָן זיך אַדורכשלאָגן מאָטיוון פון „איך וויין און איך קלאָג", מאָטיוון פון אָפּגעזונדערטקייט פון אַרום און ציוניסטישע פּראָגראַם־לידער. גאָטלאָבערן האָט דער אָנרייפנדיקער רעוואָ־לוציאָנערער שטורעם צוערשט געגערט מיט קאַמפס־טענער און קאַמפס־ווילן, אָבער זיין אויסברוך און נאָך מער, זיין דורכפאַל און די רעאַקציאָנערע כוואַליע, וואָס טראָגט זיך דאַן איבער אייראָפּע, דערשרעקט אים און שטימט אים אָן חרטהדיק אויף זיינע „חטאת נעורים" פון די 30—40־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט...

און אויב גאָטלאָבער האָט אין זיינע שאַרפע סאַטירעס קעגן קהל, נגי־דים און צאַר אויסגעדריקט די שטימונגען און אינטערעסן פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע, האָט ער אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויסגעדריקט די פּעסי־מיסטישע שטימונגען פון דער יידישער מיטעלער בורזשואַזיע און קליינ־בירגערטום, וועלכע איז געבליבן דעזאָריענטירט, אַנטמוטיקט, דערשראָקן אין אָנבליק פון די נייע ענדערונגען אין דער וועלט, און ביי וועלכער דער גלויבן אין פּראָגרעס האָט זיך שטאַרק אַ וואַקל געטאָן צוליב די צאַרישע פּאָגראָמען, וועלכע זיינען געקומען אַלס „צושפּיל" צו דעם קלאַסן־געראַנגל, וואָס ווערט אַלץ שאַרפער אין רוסלאַנד. דערמיט איז זיך צו דערקלערן דעם אויפגעוואַכטן „ציון־טרוים" ביי גרויסע טיילן פון דעם מבולבלן קליינ־בירגערטום און זיין אינטעליגענץ, וועלכע ווערט אונטערגעכאַפּט און גע־פלעגט דורך דער יידישער בורזשואַזיע.

ווען מיר הייבן אַרויס גאָטלאָבערן, האָבן מיר במילא אין זינען דעם פּעריאָד פון זיין שאַפן (30—40־ער יאָרן), ווען ער האָט געשריבן אין יידיש זיינע שטאַרקע, שאַרפזיניקע און בייסיקע סאַטירעס און משלים קעגן דעם אָפּגעשטאַנענעם לעבנס־סדר, ווען ער איז געגאַנגען אין איין ריי מיט די

שענסטע פאַרשטייער פון דער יידישער השכלה אין קאַמף פאַר אַ מער פּראָ־גרעסיוו יידיש לעבן, ווען ער האָט טרעפֿלעך אַטאַקירט די פעאָדאַלע פאַר־העלטעניש אין דער יידישער סביבה, ווען ער האָט אַטאַקירט די בלינדע וואַנט פון פינצטערניש, אָבערגלויבן, צביעות און נאַציאָנאַלן סעפּאַראַטיזם.

קאַפּיטל 14.

אײַזיק מאיר דיק (אמ"ד)



אײַזיק מאיר דיק, אָדער ווי ער פֿלעגט זיך אונטער די פּילצאַליקע ביכלעך זײַנע אונטערשרײַבן אמ"ד, קאָן פֿאַררעכנט ווערן אַלס דער ערשטער יידישער ראָמאַניסט סײַ צוליב דעם אומפֿאַנג פֿון זײַן בעלעטריסטישער שאַפֿונג (די צאָל ביכלעך, וואָס דיק האָט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערט געשאַצט אויף 400!), סײַ צוליב דער נאַראַטאָרישער פֿײַאיקייט, וואָס לאָזט זיך אין זײַנע מער געלונגענע פּובליקאַציעס באַמערקן, און סײַ צוליב דער אָנציעוודיקייט פֿון דער פֿאַבולע. אין תוך גענומען, איז דער משכיל דיק, ווי ער זאָגט אַליין, נישט אַזוי ווײַט אויסן געווען דעם סיפּור־המעשה, ווי פֿאַרזיכן „דער

ליבער לעזערין״, צו וועלכער ער ווענדעט זיך ביי יעדער געלעגנהייט, די משכּילישע, אויפקלערערישע דיגרעסיעס, וואָס פאַרנעמען אָפט ביז אַ העלפט פון בוך.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף פאָלגנדיקן מערקווירדיקן פאַקט: דוד קאַסעל האָט בשעתו אַרויסגעלאָזט אַ זאַמלונג פון א. מ. דיקס דערציילונגען און זיי אַזוי ווייט באַאַרבעט, אַז די משכּילישע דיגרעסיעס זיינען רעדוצירט געוואָרן ביז נול און די שפּראַך איז באַפרייט געוואָרן פון דער גרויסער צאָל דייטשמעריזמען. וואָס האָט זיך באַקומען? פון ליטעראַטור־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט האָבן זיינע שאַפונגען היפּש געליטן. אייזיק מאיר דיקס סטיל איז אין אַ געוויסער הינזיכט פאַרקריפּלט געוואָרן, דערפאַר האָט זיך בולט באַוויזן די גרויסע נאַראַטאָרישע פייאיקייט פון מחבר, זיין פייאיקייט צו געבן רעאַליסטישע שטייגער־בילדער פאַר־שפּונענע אין אַ גוט־אויסגעוועבטער אינטריגע, וועלכע ווערט ווי פאַרטושט אין אַ סך פון זיינע נישט באַאַרבעטע, אָריגינעלע ווערק.

פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, פאַר באַגרייפן די באַדייטונג פון דעם ווילנער משכּיל אייזיק מאיר דיק, דעם פּאָפּולערסטן יידישן שרייבער אין דער ליטע, וואָס זיינע ביכעלעך פלעגט יעדע יידישע פרוי צוזאַמען מיט די פּראָדוקטן אויף שבת ברענגען אין שטוב אַריין, איז אָבער נישט וויכטיק דער באַאַרבעטער דורך קאַסעלן „לייענשטאָף״, נאָר דאָס ווערק אין זיין אָריגינעלן אויסזען און פאָרעם. אַנדערש וואָלטן מיר זיך נישט געקענט שאַפן קיין באַגריף וועגן זיינע אויפקלער־אידעאַלן און וועגן דער ווירקונג פון די ביכעלעך אויף דעם געפיל און באַנעם־אופן פון דעם יידישן לייענער.

ווי שוין געזאָגט, האָט אייזיק מאיר דיק אַליין געהאַלטן דעם סיפּור־המעשה פאַר א נעבן־זאַך, אַלס מיטל און נישט אַלס קיין גרונט־עלעמענט פון זיין שרייבערישער טעטיקייט.

אין זיין פאָררעדע צו דער דערציילונג „דער שבעים־מאַלצייט״ שרייבט דיק:

...„אונדזערע פרויען האָבן נאָך גאָר קיין אויער נישט און קיין געפיל פאַר די רויע מאָראַל (זיטנלערע). זיי ווילן נאָר וווּנדער הערן, ניסים ונפלאות, צי וואָרע, צי ליגנהאַפטע. פאַר זיי איז אַ קרן די געשיכטע פון יוסף דילערײנע, ווי ער האָט געפירט דעם ס״ם אויף אַ קייט. אָדער ווי אליהו איז געקומען אַלס אייך אַלטער מאַן צו אַ ישובישן מגיך, וואָס האָט דאָרט געפעלט ערב יום־כּיפּור איינער צו צען. און גאָר פאַר גויט איז רעכט אויך די בבא־

מעשיות מיט דעם פלעק־הונט, מיט דעם פערד דרעגזיל, דעם שווערדל פאמיליע. און מיט דער שיינער פרינצעסין דרעזינע, און אמאל גלאט א מעשה מיט א חתן און מיט א כלה.

„דיזע טרויעריקע באמערקונג, מיין טייערע לעזערין, ליגט מיר טיף אין הארצן און מיר האבן באשלאסן צו באנוצן גראדע דיזע שוואכקייט זייערע, צו זייער וויל, צו פארפאסן פאר זיי ספרים און אריינברענגען צו־גלייך אין זיי פיל עטיק, און עס איז מיר, גאט זיי דאנק, זייער געלונגען, דען מיינע געשיכטן ווערן פלייסיק געלעזן און ווירקן זייער גוט. עס זיינען שוין אייניקע הונדערט סארטן ארויס פון מיין פעדער, מיט גאטס הילף, און יעדער באזונדער האט אן אנדער ציל. זעלבסט יעדער וויץ, יעדער גלייכווערטל באלערנט, וואס נוצלעכס.

דיק זאגט ווייטער:

....„איך וואלט באלויבט געווארן צען מאל, ווען איך וואלט די צייט אויף געשיכטן שרייבן פארבראכט. איך טו עס אבער נאר אויס ליבע צו מיינער נאציאן, וואס דער גרעסטער טייל פון זיי פארשטייען נישט ווי וויט זיי זיי־נען ארויסגערוקט פון דעם לעבנס־קרייז און פון אונדזער לעבן בכלל, ווי מיר לעבן שלעכט און ווי מיר זעען אויס אין דיזער ליכטיקער צייט ביי ציוויליזירטע פעלקער, און זעלבסט דא אין אונדזער גרויסן רוסלאנד.

....„מיר מוזן ניט ווילנדיק פיל ווייטער אין דער גרויסער וועלט אריינ־טרעטן אלס אונדזערע עלטערן און דאהער מוזן מיר איר (די וועלט) בעסער קענען אום צו ווערן געליטן (געדולדעט — ש. ל.). פון אונדזערע מיטמענטשן (קריסטן), וואס שטייגן אונדז איבער אין דיזע צייטן אין דער ציוויליזאציע, אין פאראדעק, און וואס ווערן אונדזערע קאנקורענטן אין אלע געשעפטן. און דאס די געזעצן ווערן סאלידער פון טאג צו טאג, דאס יעדער פון אונדז מוז שוין שטיין אין רעכטן פארקער מיט דער רעגירונג. און יענע צייט, וואס איינער פון אונדז, א שתדלן האט מוציא געווען דעם גאנצן יידישן עולם מיט פוליש איז שוין פאריבער, און אונדזער פארצייטיקע השלמה איז איין אומגילטיקע וואר (סחורה — ש. ל.) געווארן. אויף אלע דיזע ווארהייטן צו קומען מוז מען וועלטלעכע שריפטן לעזן, זשורנאלן, צייטונגען, און דיזע זייגען גראדע פארשלאסן פאר דער גרעסטער טייל פון אונדזער נאציאן, דען זיי פאר־שטייען קיין שפראכן. ....„אלזא האלט איך עס מיר פאר א גרויסן חסד צו רעדן דערפון אין פארשידענע סיפורים, און נאך מער חסד איז פון דער וועלט־דרוק ראמס, וואס ווילן עס דרוקן. די תחיבות דרוקן זיינען פיל איינ־

טרעגלעכער, אַלס דערציילונגען, וואָס ווערן גענומען אויף נויט־געלט, געליען און דאָס גלייכן" (קורסיוו מיינער — ש. ל.).

ווי עס איז צו זעען פון די אויסצוגן, זיינען דיקס ביכעלעך, וועלכע פלעגן דערשיינען אין דער ווילנער דרוקעריי פון ראָם יעדן פרייטיק, אויסן געווען אויפקלערערישע צילן, זיינען, הייסט עס, נישט פאַרטראַכט געוואָרן אַלס לייען־שטאָף, אַלס קינסטלערישער אַמוזירונגס־מאַטעריאַל, נאָר אַלס דערציאונגס־אינסטרומענט, אַלס אויפקלער־מאַטעריאַל, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן אין גייסט פון דעם באַנעם־אופן פון דעם דעמלסטיקן פאָלקס־מענטש, וואָס האָט זיך געפונען אין ווירקונגס־קרייז פון מוסר־ביכל, וואָס האָט טראַקטירט די מעשה בלויז ווי אַ שפרונג־ברעט פאַר לערנען דאָס זיטלעך־גאָטספּאָרכטיקע, ווי אויך פון די פאַרשידענע ריטער־ראָמאַנען, וואָס זיינען אין 19־טן יאָרהונדערט באַאַרבעט געוואָרן אַלס פּשוטער אַמור־זיר־שטאָף אין פּראָזע־פאָרעם.

עס וואָלט געווען אַ ביז גאָר דאַנקבאַרע אַרבעט אויסצופאָרשן ווי ווייט אָט די צוויי מינים ליטעראַטור האָבן משפּיע געווען סיי פּאָבולאַריש און סיי סטיליסטיש א. מ. דיקס שאַפן. אַז דאָס אויסטערהנען זיך מיט דער ליבער לעזערין דערמאָנט ביז גאָר שטאַרק די יידישע מוסר־ספרים, אַז דער אומ־ווילן פּסיכאָלאָגיש צו באַגרינדן האַנדלונגען און סיטואַציעס, אַז דער פאָלקס־טימלעכער סטיל און שמועס־אופן דערמאָנט די מוסר־ליטעראַטור, וואַרפט זיך ממש אין די אויגן...

יעדער, וואָס האָט זיך אַפילו אויבנאויפיק באַקענט מיט דיקס שאַפן, ווייסט אַז זיינע ווערק פון די שפּעטערע יאָרן זיינען נישט רייפער און שטאַרקער געוואָרן, נאָר פאַרקערט, האָבן סיי שפּראַכלעך, סיי אין געבוי, סיי טעמאַטיש און אידעאָלאָגיש געוויזן אויף ירידה. פון די 50 יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט וואָלט ביי אַ געניטערן אָפּקלייב געבליבן אַ ברוכ־טייל פון זיינע פילצאָליקע ווערק, וואָס וואָלטן פאַרהיט ליטעראַריש און אידייאיש באַשטימטע וויכטיקע וואַלאָרן. מען גיט געוויינלעך אָן אַלס עיקר סיבה פון דער דערשיינונג א. מ. דיקס געדריקטע לאַגע, וועלכע האָט אים געצוווּנגען נאָכאַנאַנד צושטעלן שטאָף דער דרוקעריי פון ראָם צוליב די צוויי־דריי רובל, וואָס ער פלעגט קריגן פאַר אַ ביכעלע. עס אונטערליגט אָבער נישט קיין ספק, אַז דאָ האָט געווירקט נישט ווינציקער אַ צווייטע סיבה: די אידעאָלאָגישע וואַקלדיקייט, וואָס האָט אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט געמוזט פולשטענדיק דעזאָריענטירן אייזיק מאיר דיקן, ווי זי האָט דעזאָריענטירט גאָטלאָבערן. אויב אין דער ערשטער

העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן די משכילים פעסט געגלויבט אין די באַפרייערישע אידעאַלן פון דער אויפקלערונג, אין דעם פּאַנאַצעום: — ביל־דונג און מלאכה; אויב דאַן האָט נאָך די בורזשואַזיע, וואָס אירע אידעאַלן האָבן זיי געפּרייִדיקט, געטראָגן אין זיך פּראָגרעסיווע ווערטן, האָט שוין דער פעלקער־פרילינג, דאָס יאָר 1848, אַנטפּלעקט איר רעאַקציאָנערן מהות און אָנגעזאָגט, אַז עס קומט אויף מיט זיין גאַנצער קראַפט אַ צווייטער קלאַס: — דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס וועט זיין זיין באַגראַבער. דער גרויסער גע־שיכטלעכער אויסברוך און איבערברוך, ווי אויך די פאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע, וואָס איז נאָך דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע פון 48—49 יאָר געקומען האָט פולשטענדיק אַרויסגעשלאָגן פון דער קאָליע די קליינבירגער־לעכע משכילים. נישט גאָטלאָבער, נישט דיק און אַפילו נישט דער פייערדיק־סטער דעמאַסקירער פונם יידיש־חסידישן לעבנס־שטייגער און פון די פעאָ־דאַלע פאַרהעלטענישן — י. י. לינעצקי, וועלכער האָט זיך אין זיין „פויליש־ייִנגל״ דערקליבן ביז סאָציאַל־פאַרשפּיצטע, עקאָנאָמיש־וועזנטלעכע דערשיי־נונגען אין יידישן לעבן, האָבן נישט באַנומען די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו און באַדייטזאַמקייט דערפון, וואָס ס'קומט פאָר אין איראָפּע. אין די שפּעטער־דיקע שאַפונגען פון דיקן איז טאַקע צו מערקן אַ צופעליקן אויסוואַל פון מאַטעריאַל, פון דער ס'רוב אַנטליענער פאַבולע, אַ גוואַלדיקע נאַכלעסיקייט, וואָס האָט זיינע מעשיות געמאַכט ממש אומפאַרשטענדלעך און באַדייטונגס־לאָז, ווייל עס האָט שוין אין זיי געפעלט אידייאישע אָנגעזעטיקטקייט. ביי לינעצקין טרעפן מיר שוין אין דער צווייטער טייל פון „פוילישן ייִנגל״ אַ חלום, ווו עס ווערט געפּרייִדיקט אַ סינטעז צווישן דער לערע פון ווילנער גאון, דעם בעש״ט און משה מענדעלסאָן... און די ווערק דערשיינען מער ווייניקער אין דער צייט, ווען דער דעמאָקראַטישער משכיל אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר־ספרים) קומט אַרויס מיט זיין „קליין מענטשעלע״, מיט דער ערשטער אויפלאַגע פון „ווינטשפינגערל״, מיט דער „קליאַטשע״ און „טאַקסע״, ווו עס ווערט געשילדערט דער דלות פון די פאָלקס־מאַסן און זוכט דעם שולדיקן אין דער לאַגע נישט בלויז אין דער יידישער סביבה, נאָר אין די סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אין צאַ־רישן רוסלאַנד, ווו בילדונג ווערט שוין פאַרגליכן צו „אַ טאַנץ״ און עס ווערט געזאָגט, אַז „מען גייט נישט קיין טאַנץ פאַרן עסן״..

ווען מען קוקט זיך צו צום לעבנס־וועג פון אָט דעם קלוגן, גייסטרייכן פאָלקס־מענטש א. מ. דיק, איז דייטלעך צו זעען, אַז אים האָט אויף שריט און טריט געפעלט קאָנסעקווענטקייט. ער איז געווען פון די ערשטע אָרגאַ־

ניזאָטאָרן פון משכילים־קרייזלעך אין ווילנע, און אַפילו געזעסן דערפֿאַר אין תפיסה; פון די, וואָס האָבן געשריבן מעמאָראַנדומס צום בילדונגס־מיניס־טער אוואַראָוו וועגן דער נייטיקייט צו רעפאָרמירן דאָס דערציאונגס־וועזן און די יידישע קליידונג; פון די מיטגרינדער פון דער רעפאָרמירטער סינאַגאָגע; דער מיטבויער פון דער ווילנער קאָר־שול „טהרת־קודש" און אַליין — געבליבן ביי דער טראַדיציאָנעלער קליידונג און טראַדיציאָנעלער יידישקייט, און אין קאָר־שול זיך באַגנוגנט מיט זיין אַ שמש. ער איז געווען פאַר דער רעפאָרם פון דער דערציאונג און אַליין געשטעקט היפש אין דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט. און ביי אַזאַ וואַקלדיקייט איז, פאַרשטייט זיך, אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון פאַרשאַרפטע שטרייטן, פון נאַציאָנאַליסטי־שער אַנטיסעמיטישער העצע און פּאָגראָמען נאָך שווערער געווען צו געפי־נען דאָס אייגענע ריכטיקע וואָרט.

ווי ווייט נישט קאָנסעקווענט ער איז געוויען ווייזט בולט זיין באַציאונג צו דער „רעקרוטשינע".

אין זיין ביכל „דער ערשטער נאַבאָר, וואָס וואָר אין דעם יאָר תקפ"ח (1828), ווילנע תרל"ב (1871)", איז טאַקע צו מערקן נישט אין קיין קלענע־רער מאָס די סתירותדיקע באַציאונג צום אַנגעווייטיקטן פּראָבלעם, וואָס האָט בשעתו אַרויסגערופן אַזוי פיל טראַגעדיעס אין די הייזער פון דער יידישער אָרעמקייט. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז די סתירותדיקע אָפּשאַצונג פון דער רעקרוטשינע איז ביי א. מ. דיקן אַ רעזולטאַט פון דער צייט (1871), ווען ער שרייבט וועגן אָט דעם טרויעריקן קאַפּיטל אין צאַרישן רוסלאַנד, אָבער דווקא דערפאַר איז כדאי מיט זיינע אַרויסזאָגונגען זיך צו באַקענען, בכדי זיך קלאָר צו מאַכן דעם שרייבערס קליינבירגערלעכע אומקאָנסעקווענטקייט. מיר לייענען דאָרט אַזאַ אָפּזאַץ:

„מען קען אַנדערש נישט זאָגן, דאָס בעצם איז עס (דאָס הייסט די יידישע נאַבאָרן פאַר ניקאָלייען) קיין גוטע זאַך, דען עס ווילט זיך קיינעם נישט שיידן פון זיין פאַמיליע אויף כמה יאָרן און זיין אַ משועבד, דערצו נאָך גיין אין פייער פון קריג, און לעבן אַ האַרטן לעבן דען אין בעסטן אופן איז מילי־טער־דינסט זייער שווער. דאָך אָבער בדרך כלל איז עס פאַר אונדז יידן אַ טובה. ערשטנס, האָבן די נאַבאָרן פון אונדז אויסגערייניקט זייער פיל שעד־לעכע מענטשן און ליידיקגייער, צווייטנס, זיינען פיל אונטער די אָפּגעגעבענע גאַנץ גליקלעך געוואָרן, און אויך זיך פיל געבעסערט אין זייער אויפפירונג, דען מיר האָבן אונטער אונדזערע יידישע סאָלדאַטן זייער רייכע לייט און זייער פרומע לייט... דריטנס, האָבן די נאַבאָרן געמאַכט לויזער די יידישע

שטעט, זאַנסט וואָלטן מיר געהאַט נאָך עטלעכע הונדערט קרעמער אין יע־
דער שטאָט, וואָס די קאָנקורענץ איז שוין געווען גרויס אָן דאָס.
פּערטנס, זיינען מיר געוואָרן דורך דעם וואָרע (אמתע) בירגער דעס לאַנ־
דעס... פינפטנס, זיינען דאָ מענטשן אין אָרים שטאַנד, וואָס לעבן זייער
שלעכט, שטאַרבן פראָסט פאַר הונגער און וווינען אין קאַלטע דירות און
לעבן אַזויפיל שלימער (ערגער — ש. ל.) אַלס די הינט, נו, פאַר אַזאַ איי־
נעם — וואָס איז שלעכט אַ סאָלדאַט צו זיין? וואָס דאָרטן, באם ער איז אָן
ערלעכער מאַן און איין ניכטערער ווערט מען גאַנץ אָרנטלעך באַהאַנדלט
און מען האָט, וואָס נויטיק איז. עס האָבן מיר פיל יידישע סאָלדאַטן דער־
ציילט, דאָס אין דער גאַנצער צייט פון זייער סלוזשבע האָבן זיי קיין בייזער
נישט געהערט און לעבן פיל צופרידענער אין סלוזשבע אַלס פריער אין
דער היים".

נאָך אַזויפיל ישועות ונחמות ווי עס ווערן דאָ אויסגערעכנט ביי דיקן
איז די 5 פונקטן, וואָלט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דער מחבר האָט אינגאַנצן
פאַרגעסן „וועגן די טרערן, וואָס גיסן זיך אין די גאַסן" צוליב דער שווע־
רער גזירה, אויף וועלכער אפילו לעווינזאָן האָט רעאַגירט ווי צומשאַרפסטן
און אקסענפעלד האָט באַוויזן די גאַנצע טראַגיק אין זיין „ערשטן יידישן
רעקרוט", ווו עס ווערט אויפגעדעקט די פּערפידיע פון די „לאַווצעס"; פון
די כאַפּערס, וואָס האָבן זיך דערלויבט אויף די הפקרדיקסטע מעשים לגבי
דער אָרעמקייט. אין „קול מבשר" נומ. 42—51 פון 1868 יאָר האָט נאָך
אַן אַנאָנימער מחבר, אַ משכיל, אין זיין דערציילונג „מיט עטלעכע יאָר צו־
ריק", געשריבן: „אַ נאַבאָר!... דאָס האַרץ הייבט אָן צו בלוטן, אַז מען
דערמאָנט זיך אין דעם, וואָס ס'פלעגט זיך פריער טאָן ביי א נאַבאָר. קינ־
דער זיינען געווען ווי שאָף, וואָס מע פלעגט זיי כאַפּן און פאַרשפאַרן,
מענטשן זיינען געווען ווי ווילדע חיות, וואָס פלעגן אָן רחמנות צורייסן
זייער פלייש און בלוט... אמת, עס איז אמאָל א יידן שלעכט געווען אַ סאָל־
דאַט צו זיין! פינף און צוואַנציק יאָר צו דינען אָן האָפנונג, אָן א צוועק,
אויסשטיין כל השלעק, און דערנאָך... נאָר וואָס פלעגט זיך אָבער טאָן
דעמלט!... גאַנצע שטעט — פלעגן ווערן פוסט, אַלע יינגלעך און יונגעלייט
פון צען ביז דרייסיק יאָר ליגן אין די קעלערס און ברונעמס און מעלן
באַהאַלטן... מען פלעגט זיך האַקן פינגער, ברעכן הענט און פיס, אַ קאַ־
ליקע צו ווערן. און נישט נאָר די, וואָס אויף זיי איז געווען דער אָטשערעד,
פאַרקערט, זיי פלעגן דאָס אָננעמען ס'רוב באהבה און בלייבן — ביין! די
איבעריקע בן־יחידים, דוואָיניקעס, וואָס האָבן ערשט אַ ברודער, א טאַטע

אין לעצטן יאָר אָוועקגעגעבן (ס׳הייסט, וואָס זיינען שוין לויטן געזעץ געווען פריי פון צושטעלן רעקרוטן — ש. ל.) אַזויגע פלעגן מוזן אַנטלויפן״.

צי האָט דיק די טראַגעדיע נישט צוגעזען און זי איז פאַרביי פאַר אים אומבאַמערקט? ער איז דאָך אַלט געווען אין גאַנצן 20—21 יאָר ווען דאָס רעקרוטן־געזעץ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן? — ער האָט עס גוט באַמערקט! אַנדערש וואָלט ער אַזויפיל אַרגומענטן נישט באַדאַרפט האָבן, בכדי צו „דערווייזן״, אַז דאָס רעקרוטן־געזעץ איז געווען א „גוטע״ דערשיינונג, אַנדערש וואָלטן נישט געקומען צו אַזעלכע פּאַכוסן, וואָסריידן וועגן דער מיאוסער ראָל וואָס „מיר יידן״ האָבן בעת דער רעקרוטשינע געשפּילט. מיר לייענען דאָרט:

„...נו, קען מען ווידער האָבן וואָס איינצווענדען און זאָגן דאָס פיל קליינע רעקרוטלעך האָבן זיך אוועקגעטויפט; לאָזט זיך אָבער צוריק זאָגן, דאָס אין דעם זיינען מיר אליין שולדיק. דען די רעגירונג האָט דאָך אונדז ניט געצוווּנגען מיר זאָלן געבן קליינע קינדער. זי האָט עס אונדז נאָר דערלויבט. און דאָס אויך צו אונדזער טובה. ווייל זי ווייס, אַז דערוואַקסענע זיינען שוין פאַרהייראַטעט — נו איז שאַדע אין הויז צעבּרעכן... קורץ, ביי יידן האָבן קיין שיינע ראָליע נישט געשפּילט אין די פאַבריקע נאַבאָרן, דאָס הייסט, ביז דער צייט, וואָס אונדזער קיסר ירום הודו האָט בעשטיגן זיין טראָן לאורך ימים.״

ס׳וואָלט זיך לויט די ציטאַטן געקאָנט שאַפן דער איינדרוק, אַז א. מ. דיק איז, נישט געקוקט אויף אַלץ, געווען אַן אָנהענגער פון דעם רעקרוטן־געזעץ און אפילו אין די שוואַרצע זייטן זיינע זיך באַמיט אויסגעפינען אַ טראָפּן ליכט. מיר וואָלטן דאַן געקומען צום אויספיר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן אויסגעשפּראָכן בורזשואַז־ליבעראַליסטישן פאַרשטייער, וואָס נעמט אויף אַלע פאַדערונגען פונעם „קיסר ירום הודו״ פאַר אַן אַקט פון גוט־ווינטשעוודיקייט און וואָס אפילו דאָס נעמען קליינע קינדער אַלס רעקרוטן איז אויך דיקטירט געוואָרן דורך געהויבענע מאָטיוון פון נישט וועלן צע־שטערן דאָס פאַמיליע־לעבן... אָבער קאָנסעקווענץ איז נישט די אייגנשאַפט פון קליינבירגערטום, וואָס וואַקלט זיך צווישן צוויי קלאַסן. מיר לייענען באַנאַנד מיט די אַפּאָלאָגעטישע שורות אין ביכל אויך אַזעלכע: „באַלד, נאָך איסרו־חג האָט מען געמאַכט זעקסטלעך און צוגענומען (אין ווילנע) אַ זעכצן שטיק פון דער גאַנץ נידעריקער קלאַסע״. און הגם ער פּרוווט ווייטער פאַרגלעטן דעם פאַקט דערמיט, וואָס דאָס זיינען געווען האַלבע אונטערוועלט־מענטשן וועלכע „וואָרן ווירקלעך צו שאַנדע פון אונדזער־

יידישער ווילנער געמיינדע״, קומט דאָך דער כאַראַקטעריסטישער פאַרגלייך, אַז די רעקרוטן האָבן אויסגעזען, ווי „הייליקע קרבנות, וואָס מע האָט זיי מקריב געווען לטובת הכלל״.

ער רעדט פון די פיל טובות, וואָס די נאָבאָרן האָבן געטאָן סיי די רעקרוטן און סיי דער שטאָט און דאָך דערציילט ער ווי די מאָסע האָט זיך „געפרייט״ מיט דער צאַרישער טובה: „דער, וואָס וואר איין קריפּל, וואר איין געהאָלפּענער, א בן יחיד וואר איין גליק, אן איינאויגיקער, א הינ־קענדיקער, א האָרבעוואטער וואר איין מיוחס, א שבר וואר איין מיוחס״ דאָס געפעלט אים פאַרשטייט זיך נישט, אָבער צום סוף פון ביכל גיט ער צו: „מיר יידן, האָבן קיין שיינע ראָליע געשפּילט אין די פאַריקע נאבאָרן. . מען האָט אָפּגעגעבן פיל בן־יחידים, גאָר אָן רחמנות״ און ער זאָגט, אַז די באַגאַנגענע עוולות „וועלן בלייבן צום אייביקן שאַנד־פלעק אויף אונדזער יידנטום, וואָס דער שטראָם דער צייט וועט דאָס נישט אויסוואַשן״.

ס'איז דאָ די סתירהדיקייט אזוי בולט, דאָס פעלן פון עלעמענטאַרער קאָנסעקווענטקייט אַזוי דייטלעך, אז עס איז ממש נישט גויטיק אָנווייזן ווי אזוי ביי דיקן פאַרט זיך די טובה פון דער רעקרוטשינע מיט דעם שאַנד־פלעק פאַר אָפּגעבן אין רעקרוטן. . .

א. מ. דיק האָט אָנגעהויבן זיין שעפערישן וועג דאַן, ווען די השכלה אין גאַליציע, אין פוילן, ווי אויך אין רוסלאַנד איז געווען אין סאַמע פאַ־נאַנדערבלי (געבוירן 1808 אָדער 1809) און האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש אין אָנהויב פון די 50־ער יאָרן, ס'הייסט דאַן, ווען עס זיינען שוין פּאָפּולער געווען אין די קרייזן פון די אויפגעקלערטע דאָס שאַפן פון לעווינזאָן, אק־סענפעלד, עטינגער, גאָטלאָבער, ווען די השכלה־ליטעראַטור אין יידיש לעבט אַדורך איר העכסטן שוווונג. ער אָבער גייט ווי אַ זייטיקער אין דער ליטעראַטור. עס איז ביי אים נישט צו מערקן קיין שום וועזנטלעכע השפעה פון דער רוסישער און אייראָפּעישער ליטעראַטור, און אויב ער זוכט אַמאָל דאָרט עפּעס, איז בלויז א סיפור־המעשה אויף צו באארבעטן פאַר זיינע „ליבע לעזערינס״. . . מיט דער מינוט, ווען דער שטאָף פון זיין אָבסער־וואַציע האָט זיך אויסגעשעפּט, און אויסשעפּן האָט ער זיך געמוזט צוליב דעם ענגן אינטערעסן־קרייז, איז געקומען די צייט, ווען ער האָט זיך אַליין איבערגעלעבט. אַ מידער, איז ער געשטאָרבן אין פולשטענדיקער איינזאַמ־קייט און פאַרגעסנקייט.

עס איז נישט פון די לייכטע זאַכן היינט־צו־טאָג אויסצוגעפינען די אָריגינעלע ביכעלעך פון דיקן. דער חורבן פון אונדזער ישוב בעת דער

היטלערישער אָקופּאַציע האָט נישט בלויז אַזעלכע קולטור־ווערטן פאַרניכטעט, במילא, קומט מיר אויס צו כאַראַקטעריזירן אייניקע מעשיות דווקא אויפן סמך פון דעם, וואָס געפינט זיך אין ד. קאַסעלס צווייבענדיקער אויסגאַבע פון א. מ. דיקס שריפטן.

קודם־כל דאַרף דאָ פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אייניקע ווערק זייַנען באמת ביז גאָר גוטער לייען־ און פאַרוויַיל־שטאָף. אַנדערע האָבן די משכּילישע טענדענץ אַזוי טיף סובלימירט, אַז אפילו נאָך קאַסעלס „אָפּעראַציע" איז זי געבליבן כּמעט ווי אומבאַשעדיקט. דאָס איז צו מערקן אין אַזאַ דערציילונג ווי „חייציקל אַליין", „רב שמעיה גוט־יום־טוב־בעטער", „רב יודל שלאַבאַנער". אויב אין די דערציילונגען קומט צום אויסדרוק דער מאָמענט פון דערציאונג, דאָס אויסלאַכן דאָס געיעג נאָך יחוס, דאָס אָפּגעשטאַנענע אין יידישן לעבן, איז אַזאַ מייסטעריש קאָנסטרואירטע דערציילונג ווי „די אורחים פון דוראַטשעסאַק" אויסן אויסצולאַכן די פאַרגלויבטקייט אין בעלי־מופתים, בעל־שמ׳ס.

ממש דיכטעריש איז א. א. דיקס „דאָס רענדל". דער עצם איינפאַל פון אַרויסברענגען דורך דעם גורל פון „באַשניטענעם" רענדל פאַרשידענע סביבות, פאַרשידענע שיכטן און מענטשן ווייַזט אויף דער גרויסער טאַלאַנטירטקייט פון מחבר. דער פאָלקסטימלעכער דערצייל־אופן, די אומ־מיטלבאַרקייט און דער גרויסער חוש פאַר הומאָר, וואָס מערקט זיך אין די דערציילונגען, עדותן, אַז דער דערפאָלג פון א. מ. דיקס ביכלעך איז געווען א כשר פאַרדינטער. פון די אַנדערע זאַכן, וואָס געפינען זיך אין קאַסעלס זאַמלונג איז נויטיק באַזונדערס אויסצוטיילן „יהודית די צווייטע", ווו עס ווערט געשילדערט אויפן פאָן פון אַלט־ווילנע די אויפטוען פון א כשרער יידישער טאָכטער, וואָס איר אומדערשראָקנקייט און צניעות האָבן באַגייסטערט יידן און פּריצים. א מיידל, וואָס האָט אויפגעדעקט אַ גאַנצע שייקע גזלנים. דאָ זעען מיר דיקן אַלס אַ פּרעכטיקן פאַרגייער פון דעם בעסערן סענסאַציאָנעלן ראָמאַן, וואָס האָט דאָך פאַרהיט רעאַליסטישע שטייגער־שטריכן און שטייגער־בילדער. אין דעם פּרט האָט אמ׳ד אויף צען קעפּ איבערגעשטיגן שמ׳ר־שייקעוויטשן, וואָס האָט שוין אין לעצטן פערטל פון פאָריקן י. ה. פאַרשאָטן די יידישע גאַס מיט זיינע „העכסט אינטערעסאַנטע" שפּאַנענדיקע ראָמאַנען. אויב ביי שמרן איז די אַנטליענע פאַבולע נישט אַסימילירט געוואָרן, אויב זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין שטייגער־געמעל און איז במילא געווען א רויע טראַוועסטירונג פון פרעמדן שטאָף — האָט דיק אין אַלע זיינע אַנטליענע סוזשעטן אריינגעטריפט יידיש

לעבן, יידישן שטייגער און די האַנדלונגען האָבן אַנטשפּראָכן דער יידישער זיטלעכקייט. ביי דיקן דועלירט מען זיך נישט, מען מאַכט שפּיצלעך און עס ענדיקט זיך מיט אַ העפּי ענד, מיט ששון ושמחה. אין דעם פּרט איז, לויט מיר נאָך, טיפּיש א. מ. דיקס קאָמישע געשיכטע „א פאַרדרייעניש, אָדער רב שמעון נוגצער", ווו איר געפינט אלע עלעמענטן פון סענסאַציאָנעל־קייט, פון מיסטיפיקאַציע, פון כיטרע שפּיצלעך, און דאָך זיינען פאַרהיט געוואָרן יידישע שטייגער־מאָמענטן...

עס איז קיין ספק נישט, אז פאר א ליטעראַטור־היסטאָריקער שטעלט דאָס צווייבענדיקע בוך פון א. מ. דיקס דערציילונגען אין ד. קאַסעלס באַאַרבעטונג קיין וועזנטלעכן אינטערעס נישט פאַר. עס אונטערליגט אָבער נישט קיין ספק, אז דער פאַקט פון פאַרוואַנדלען דיקס בעסערע דערציי־לונגען אין וואָרנעמלעכן לייענשטאָף פאַר אונדזער יוגנט אין די שולן איז אַ וויכטיקער אויפטו.

א. מ. דיקס פאַרדינסט פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז במילא אַ דאָפּלטער: ערשטנס — האָט ער מיט זיינע פּילצאָליקע ווערק אָפּגעריסן דעם יידישן פאָלקס־מענטש פון די פאַרפרומטע פוסטע מעשה־ביכלעך און אים צוגעטראָגן שטאָף, וואָס האָט ביי אים דערוועקט דעם אינטערעס צום אַרום, צו דער וועלט, צו וויסן; האָט באַקעמפט די אָפּגעשטאַנענקייט, די פאַלשע באַציאונג צו אַרבעט און מלאכה, אַרויסגעהויבן טוגנט און מוט אַלס גליק־געבנדיקע פאַקטאָרן; האָט פיקסירט אין ממש רעאַליסטישע בילדער דאָס יידישע לעבן אין דער ליטע פון סוף אַכצנטן און ערשטער העלפט ניינצנטן י. ה.; איז געווען פון די, וואָס האָבן געשאַפן דעם מאַסן־קאָנסומענט פון יידישן וועלטלעכן בוך און ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז ביי יידן איז דער קליינבירגערלעכער שיכט געווען א ביז גאָר גרויסער און צאָלהאַפטיקער, ווערט נאָך מער פאַרשטענדלעך, ווי ברייט ס'איז גע־ווען דער קרייז אָפּנעמער פון דיקס שאַפן און אַז דורך זיין שאַפן איז צו זען דעם „וועלט־באַנעם" פון קליינבירגערלעכן אינטעליגענט פון די 40—60 יאָרן פון פאַריקן י. ה., סיי זיין פּראָגרעס־עליה און סיי זיין קאָנסערוואַ־טיווקייט און נישט דעצידירטקייט.

קאַפּיטל 15.

אברהם גאָלדפאַדן

אַברהם גאָלדפאַדנס דראַמאַטיש שאַפן נעמען מיר אַריין אין דער אַרבעט צוליב דעם טעם, וואָס די הויפּט־יניקה פאַר זיינע רעאַליס־טישע פּיעסן, וואָס דער גאַנצער ערשטער פּעריאָד פון זיין שאַפן, שטייט אונטער דער דירעקטער השפּעה פון פּורימשפּיל און פון דער השכ־לה: גאָלדפאַדנס גרונט־געשטאַלטן פון זיין פאַרביק דראַמאַטיש שאַפן זיינען אַ דירעקטער המשך פון טיפּאַזש פון דער השכלה־ליטעראַטור. סאָסיע איז אַ צווייטע סערקעלע. איספּאַנסקי און זילבערזייד פון דער „מומע סאָסיע" — די אונדז גוט באַקאַנטע מאַרקוס־רעדלעך און גוטהערץ... און דאָס זעלביקע וועט נישט שווער זיין צו זאָגן וועגן „דיביידע קונילעמלעך", „שמענדריק", „די באָבע מיטן איניקל", די „כישופמאַכערין", ווו דער פּאָזיטיווער העלד טראָגט אַפילו דעם טראַדיציאָנעל־משכילישן נאָמען מאַקס — מאַרקוס...

אברהם גאָלדפאַדן פאַרמאָגט נישט אַזאַ גאַליקע פאַרביסנקייט, ווי לינעצקי, וועלכער האָט אויף זיינע אייגענע ביינער געפילט דעם טעם פון דעם חסידישן אָבסקוראַנטיזם, פון דער יחוס־טראַדיציע. גאָלדפאַדן האָט זיך דערצויגן אין אַן אויפגעקלערטער שטוב. זיין פאָטער, דער זייגער־מאַכער האָט אים קיינמאָל נישט געמאַכט קיין שטערונגען אויפן וועג פון דערווערבן וועלטלעך וויסן, פאַרקערט, מיט אַלע מיטלען אים מיטגעהאָלפן דאָס וועלטלעכע וויסן צו דערווערבן. חוץ דעם, וואָס ער האָט שוין אין אַלט־קאָנסטאַנטין זיך געלערנט פריוואַט די דייטשע און רוסישע שפּראַך, איז ער דורך זיין פאָטער מיט פרייד אָפּגעגעבן געוואָרן אין די דעמלט ביי־אָרגאַניזירטע „קראָן־שולן", וועלכע האָבן באַפרייט פון דער „רעקרוטשינע". גאָלדפאַדן דערציילט, אַז אין קעגנזאַץ צו דער דעמלטיקער יידישער מאַסע, וואָס האָט געטון אַלץ אין דער וועלט, בכדי די קינדער אין דער שמד־שול נישט צו שיקן, האָט זיין פאָטער חיים ליפּע דערזען אין דער שול א גוטע גע־לעגנהייט צו געבן זיין זון סיסטעמאַטיש וועלטלעך וויסן. ווען מען נעמט אין באַטראַכט די ליידן פון גאָלדפאַדנס משכילישע פאַרגייער און פון איי־ניקע מיטצייטלער זיינע, מוז מען מודה זיין, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין „אַ זיידן העמדל", און דערמיט איז זיך טאַקע צו דערקלערן דעם פריי־דיקן, לוסטיקן, „המונישן" געמיט פון זיין שאַפן. ביי אים פעלט די גאַליקייט פון איין זייט, און די פאַרערלעכונג פון דעם „דייטש" פון דער צווייטער. ביי אים איז שוין דאָס רעדן אַ ריינעם דייטש נישט קיין באַוויז פון אויפ־געקלערטקייט... אויב ביי די פאַרגייער זיינע איז דאָס רעדן דייטש דורך די פּאָזיטיווע געשטאַלטן געווען אַן אומדירעקטער, צי דירעקטער (אָפּהענ־גיק פון דער באַציונג צו דער פאָלקס־שפּראַך) אופן פון נעגירן די שפּראַך פון די מאַסן, פון שטעלן דעם אויפגעקלערטן העכער דורכן לאָזן אים רעדן מיט אַ יום־טובדיקן לשון, איז ביי גאָלפאַדענען שוין דאָס דייטש אין מויל פון זיינע העלדן אַ מיטל אַרויסצורופן קאָמישע עפעקטן, אָדער אַ שטייגער־עלעמענט (ווען מען שרייבט אַ ליבע־בריוו איז נויטיק די שפּראַך פון די בריוון־שטעלער, אַ „הויכער סטיל"...).

דער פּאָזיטיווער העלד ביי גאָלדפאַדענען רעדט מיט אַ ריינעם פאָלקס־יידיש, ער איז באַשאַנקען מיט פולבלוטיקע מענטשלעכע שטריכן, ער איז אַ לעבעדיקער מענטש און נישט קיין העלד אויף שטאַלצן.

גאָלדפאַדנס ליטעראַרישער קרעדאָ איז געווען: „מען דאַרף אים (דעם צושויער) געבן לעבנס־דראַמען, אָדער בילדער פון זיין אייגענעם לעבן, אין וועלכע עס זאָל זיך אָפּשפּיגלען זיין אייגענע אומוויסנקייט, זיינע איי־

גענע פעלערן, און זאָל ער זיך באַשטרעבן ביסלעכווייז זיי צו פאַרבעסערן. מע וואָלט אים געדאַרפט געבן היסטאָרישע שטיק, ער זאָל קענען לייענען פון דער בינע, אויסשפּילנדיק זיין אייגענע געשיכטע, זיין פאַרגאַנגענהייט. ער זאָל אימשטאַנד זיין צו ערפאַרן און וויסן ווער ער איז אַליין...״

אַלזאָ די זעלביקע אויפקלערערישע איינשטעלונג, ווי פון זיינע משכּי־לישע פאַרגייער איבערגעזעצט אויף באַגריפן פון סצעניִשער אַנשוילעכקייט. עס איז פון זיין אויטאָביאָגראַפיע און פון זיין גאַנג אין ערשטן, וויכטיקסטן, פּעריאָד פון זיין פאַרבנרייכער דראַמאַטורגישער טעטיקייט (גאָלדפאַדן האָט אין משך פון זיין לעבן געשאַפן ביי אַ פופציק פּיעסן!) צו זען, אַז ער איז געווען „פאַרבונדן מיט די פאָלקס־מאַסן און האָט געפילט זייער שווער לעבן״. ביי דער מאסע האָט ער געלערנט, אַז זי „וויל לעבנסלוסט״, און דעריבער טאַקע איז זי געווען גלייכגילטיק צו די ערנסטע „נאַציאָנאַלע״ לידער פון גאָלדפאַדן. זי האָט פאַר לאַנגע צענדליקער יאָרן אָנגעזאַמלט צאָרן און פאַראַכטונג צום אַלטן לעבנס־שטייגער: צום חסידישן פאַנאַטיזם, צו די פאַראַנדקעס פון קהל און צו די „שיינע יידן״; אָנגעזאַמלט שפּאָט צו דעם כלומרשט גוטן לעבן, וואָס מען האָט צוגעזאָגט אויף יענער וועלט. די מאַסע האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דער וועלט און זי האָט פאַרלאַנגט, אַז אירע געפילן, אירע באַציאונגען זאָלן קריגן אויסדרוק אין שפּיל, אין געזאַנג״.

„די באַדייטונג פון גאָלדפאַדענען אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דעם דאָזיקן דראַנג פון דער מאַסע דערפילט, אויפגעכאַפּט און אים פאַרשטאַנען. אַזויאַרום איז גאָלדפאַדן געוואָרן דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם יידישן מאַסן־טעאַטער, זיין דראַמאַ־טורג און רעזשיסער״ (אויסלענדער).

אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, ווו גאָטלאָבער און צווייפל זיינען געווען לערער און מענדעלע און ליניעצקי שילער, איז שטאַרק געווען אַנט־וויקלט דער קולט פאַר ליטעראַטור, און גאָלדפאַדנס טאַלאַנט האָט במילא געהאַט אַ גינסטיקן באָדן פאַר זיין אַנטוויקלונג. עס איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס עס (1866 יאָר) דערשיינט דאָן זיין ערשט יידיש ביכל לידער, „דאָס יידעלע״ און וואָס כמעט אין דער זעלביקער צייט ווען עס ענדיקט די ראַ־בינער־שול דער 26־יאָריקער אברהם גאָלדפאַדן ווערט ער גלייך פּאָפּולער צווישן די לייענער־מאַסן.

וואָס איז ספּעציעל כאַראַקטעריסטיש פאַר גאָלדפאַדנס שאַפן? קודם דאָס, וואָס די 60־יאָרן, ווען דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד הייבט זיך אָן

צו אַנטוויקלען מיט אַלץ שטייגנדיקע טעמפּן און דרינגט אַריין אין פּעדאַלן, עקאָנאָמיש־אָפּגעשטאַנענעם יידישן שטעטל, ווערן פון גאָלדפאַדענען אַרויס־געבראַכט דורך דעם סאַמע וועזנטלעכן קען־צייכן זייערן: דורך דעם שטעלן אויבן־אָן דאָס געלט, „די קלינגערס", וואָס פאַרדעקן אַלץ, וואָס דעצידירן וועגן אַלץ.

אָט ווי גאָלדפאַדן שילדערט אין זיין סאַטירישער ליד „די קלינגערס בים־באָם־באָם" דעם כוח פון געלט:

„די גאַנצע וועלט, ווי איר וועט זען,
און אַלע מענטשן וואָס זיינען דאָ,
רעדן פון יושר, גרויס ביז קליין,
און קיין יושר איז דאָרט דאָ;
נאָר אמת הערט מען פון זייער מויל,
זיי זיינען גוט, און פרום, און ווויל!
זיי מיינען די קלינגערס בים־באָם־באָם,
זיי מיינען די קלינגערס בים־באָם־באָם".

„...און א גביר, א חזיר, א קאַרגער הונט,
ווערט חולה אויף קאַטאָוועס;
די קינדער שרייען: „אוי ווי און ווינד",
זיי זעען שוין דעם מלאך המות;
וואָס זיי שרייען וועל איך אייך זאָגן,
מען זאָל אים שוין גיכער אַרויסטראָגן;
וועט זיי בלייבן די קלינגערס בים־באָם־באָם,
וועט זיי בלייבן די קלינגערס בים־באָם־באָם!

אַלזאָ גאָלדפאַדן כאַפּט שוין אויף די צעפוילטע מאָראַל, די צעפוילטע משפחה, וואָס עס באַשאַפט דער קאַפּיטאַליזם און זיין אָפּגאָט די „קלינגערס"... עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלן זאָגן, אז שוין אין דער לידער־זאַמלונג ברענגט גאָלדפאַדן אַרויס מאָטיוון און טעמען, וועלכע וועלן מיט דער צייט אַנרייפן אין וויכטיקע ווערק פון דער יידישער קלאַסי־שער ליטעראַטור.

גאָלדפאַדן איז אַ געטרייער זון פון זיין צייט און ברענגט אַרויס, באַנאַנד מיט דעם ריין טעאַטראַל־אַמחירנדיקן, די וויכטיקסטע מאָטיוון און טענ־דענצן אין דער יידישער סביבה, געזען מיט די אויגן פון אַ משכיל. פונקט

ווי לינעצקי און מענדעלע צילט ער זיינע סאַטירישע פיילן אין דער אומגעבילדעטקייט, צביעות, פאַנאַטיזם, פירט דעם קאַמף מיט דער יחוס־איינשטעלונג, אין נאָמען פון וועלכער די פּאַטריאַרכאַל־געשטימטע עלטערן זייַנען גרייט אומגליקלעך צו מאַכן זייערע קינדער א. אז. וו. דאָס אַלץ באַווייזט, אַז אין זיינע רעאַליסטיש־שטייגערישע פּיעסן שילדערט ער דאָס יידישע לעבן פון זיין צייט מיט דער אָפּחוזק־פּאַסיע פון אַ משכיל. דערביי דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז אויב צ. ב. די „מומע סאָסיע" האָט דירעקטע איינפלוסן פון עטינגערס „סערקעלע", איז אָבער פאַראַן צווישן די צוויי פּיעסן, ווו עס ווערט אַרויסגעבראַכט די פּאַרדאָרבנקייט, צביעות און קאַלטע אַכזריות פון די פּרויען־געשטאַלטן, אַ וועזנטלעכער אונטערשיד. אויב עטינגער איז נוטה צו פאַרגעבן די זינד סערקעלען, איז עס נישט דער פאַל מיט גאָלדפאַדענען: ער פאַראורטיילט די ענג־האַרציקע סאָסיעס. אַזוי זיינען אויך זיין „שמענדריק" און „די ביידע קוני־לעמלס" אויסן צו באַקעמפן דעם פאַנאַטיזם, דעם יחוס־מאָמענט און אַרויסברענגען דאָס קלוגע געשטאַלט פון אויפגעקלערטן. אין „דער באָבע מיטן אייניקל" זען מיר ווידער ווי גאָלדפאַדן לאַכט אויס די באַגרענעצטקייט, פינצטערקייט פון דער אַלטער באָבע לגבי איר קלוג און אויפגעקלערט אייניקל, אויך אין דער „כישוף־מאַכערין", נישט געקוקט דערויף, וואָס גאָלדפאַדן פירט דאָ שוין אריין ריין טעאַטראַלע עפעקטן (די סטאַמבולער געשיכטע און די טרעפונג פון די העלדן), איז עס אַ בולט דעמאַסקירנדיק ווערק, וואָס דעקט אויף סיי די אוממענטשלעכקייט און סיי דאָס גלויבן אין כישוף, ווייזנדיק, אַז אונטער דעם כישוף באַהאַלט זיך אויס אַ פּשוטע אַפערע.

עס איז, פאַרשטייט זיך, נישט שווער אויסצוגעפינען אין אָט די אויסגערעכנטע שטייגער־פּיעסן דעם גרונט־פּערסאָנאַזש און די גרונט־עלעמענטן פון דער משכילישער ליטעראַטור פון אייכלען אָן. דאָס אַרויסברענגען סיי אין דער „מומע סאָסיע", סיי אין דער „כישופמאַכערין", סיי אין דער „באָבע מיטן אייניקל", די „בידנע יתומה", אויף וועלכער עס איזדיעקעוועט זיך די בייזע שטיפמוטער, צי די באָבע; דאָס אַרויסברענגען די אויפגעקלערטע העלדן, ווי מאַרקוס אין דער „כישופמאַכערין", צי איספּאַנסקי אין דער „מומע סאָסיע", וואָס דאַרפן קאָנטראַסטירן מיט די אָפּגעשטאַנענע פינצטערע, אָבסקוראַנטישע און געלט־גיריקע פאַרשוינען און אינטריגאַנטן, איז, אַזוי צו זאָגן, אַ טראַדיציאָנעלער מעטאָד פון דער אויפקלערונג־ליטעראַטור.

ווען מען לייענט זיך אַריין אין די פּיעסן פון אברהם גאָלדפאַדן, ווערט מען באַהערשט פון דעם אָפּטימיזם און המונישן הומאָר, וואָס

שפרודלט פון זיי. עס איז נישט קיין סאַטיריש „לאַכן מיט יאַשטשערקעס", נאָר פּשוטער וויץ, סצענישער קווי־פּראָ־קוואָ און מייסטעריש קאָמבינירטע קאָמישע פיגורן און סיטואַציעס. עס איז געגנג זיך דערמאָנען שמענדריקן בעת זיין צונויפטרעף מיט דער כלה, דעם צונויפטרעף פון די צוויי קוני־לעמלעך, צי דאָס בילד מיט די „מתים", בכדי זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וויפל געלעכטער און פרייד גאָלדפאַדען האָט ארויסבאַקומען ביים צושויער, און סאַראָ דערציאונגס־פונקציע דאָס געלעכטער האָט געהאַט.

דאָס נעמלעכע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן אַ ריי גלענצנדיק־מאָנטירטע געשטאַלטן פון שדכנים, די „ערשטע" לופט־מענטשן, אין שלום־עליכמישן זין פאַרשטאַנען.

גאָלדפאַדען האָט אין זיין שאַפן פון ערשטן, בולט רעאַליסטישן פעריאָד מיט ברייטע הויפנס געשעפּט פון דער ליטעראַטור־ירושה, פון די משכילישע פאָרגייער, סיי מאָטיוון און סיי געשטאַלטן. ער האָט זיי אָבער באַשאָנקען מיט נייע שטריכן פון אַ נייער צייט, אָפּגעטעמפּט אין זיי דאָס אומנאַטירלעכע און דורך דעם געזונטן וויץ, איינפאַל, האַנדלונג־ און באַוועג־אופן אַריינגע־בלאָזן אין זיי אַ סצענישן רוח־החיים, וואָס האָט זיי געמאַכט מער איבער־צייגעוודיק.

גאָר אַנדערש זעט אויס גאָלדפאַדנס שאַפן אין דעם וויטערדיקן פע־ריאָד, ווען ער גייט איבער צו דער „נאַציאָנאַלער" עפּיק. צו די אַזוי גערו־פענע היסטאָרישע פיעסן. דאָ געלינגט אים בלויז דאָ און דאָרט אַ געשטאַלט צי אַ סיטואַציע צו באַלעבן, אין אַלגעמיין שטעקט ער אָבער אין דער טראַ־דיציאָנעלער אינטערפּרעטאַציע, אָדער פאַלט אַריין אין סענטימענטאַלן נאַ־ציאָנאַליזם. גאָלדפאַדן, וואָס איז אַזאַ מייסטער אויף אַרויסצוברענגען סאָ־ציאַל־שטייגערישע בילדער און געשטאַלטן, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַזעלכע „היסטאָרישע" ווערק ווי „שולמית", „בר־כוכבא", „דאָקטאָר אַלמאַסאַדע" אין אַ פלינקן צונויפשטעלער פון סוזשעטן מיט אַן אַוואַנטורישן אויס־קלאַנג. ער קען אָבער נישט איבערגעבן דעם היסטאָרישן קאָלאָריט און הייסט אָפט רעדן די העלדן מיט אַ שפּראַך פון אַ ייִדישן קליין־שטעטלדיקן תקיף, אָדער סתם באַלעבעסל. ביי גאָלדפאַדענען איז רעכט, אז רופוס, דער פאַרטרעטער פון רוימישן אימפּעראַטאָר, זאָל זאָגן צו לאַזורן:

איך שטיי נישט אין דיינע עצות, אַהיים זאָלסטו גיין!
נשקשה, איך וועל קענען אָן דיר מיין שטעטל באַשטיין!...

אינטערעסאַנט איז דערביי אונטערצושטרייכן, אַז אויב אין די פּיעסן געלינגט אים יאָ אַריינהויכן לעבן, געבן קינסטלעריש געשטאַלטן, זיינען

עס געשטאַלטן פון צווייטן און דריטן פּלאַן, פּשוטער פּלעבס. די העלדן, די צענטראַלע געשטאַלטן זיינען קינסטלעך אויפגעבלאָזענע פיגורן מיט אַן אומנאַטירלעכער (ס׳רוב געגראַמטער) פּראָזע. גאָלדפאַדן איז בכלל נישט געווען דער מענטש פון שטעלן פּראָבלעמען און דאָס האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אָפּגעשלאָגן אויף דער קוואַליטעט פון זיינע היסטאָרישע פּיעסן. און אויב די בירגערלעכע קריטיק האָט דווקא געלויבט אין הימל אַריין די שוואַכע „היסטאָרישע" ווערק, צי אַזעלכע פּיעסן ווי „דאָס צענטע געבאָט", „משיחס צייטן", „קבצנזאָן עט הונגערמאַן", וועלכע ציען זייער טעמאַטיק פון ביבליש־תלמודישע לעגענדעס און פון אַנדערע שרייבער, איז עס פּשוט דערפאַר, ווייל אין די דראַמאַטישע ווערק פון דעם מין קומען צום אויסדרוק באַנאַנד מיטן אויסחוזקן באַשטימטע שטייגערישע מאָמענטן און פּאַראַזיטישע פּראָפּעסיעס אין דעם יידישן לעבן, אויך דאָס נאַציאָנאַליסטישע, דער „אהבת־ציון", די תשובה־שטימונגען, וועלכע האָבן באַהערשט דאָס בירגערטום און מיטגעריסן גרויסע שיכטן פון יידישן קליין־בירגערטום אין די 80 — 90 יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. פון דער צייט שטאַמט דאָס רוב פון די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע פּיעסן.

פּולבלוטיק און עכט זיינען בלויז די פּיעסן, וועלכע שילדערן אין רעאַליסטישע סצענעס דאָס יידישע לעבן, דעם גערעאַנגל צווישן די טרעגער פון פאַרפרומטן, אין יחוס פאַרקוקטן, אָבסקוראַנטישן נעכטן און די פאַרשטייער פון דעם נייעם דור, פון די ליכטיקע, וועלטלעכע געבילדעטע מענטשן. גאָלדפאַדנס טאַלאַנט האָט דערגרייכט זיין שלימות אין דער קאָמעדיע און אָפּערעטע, און דאָס זיינען נישט קיין זשאַנרען, וועלכע נויטיקן זיך אין גרויסע געשטאַלטן, אין ערנסטע קאָנפליקטן... אָבער אויך די טראַקטירונג פון די דאָזיקע טעמעס זיינען נישט גענוג טיף, און די סאָציאַלע קאָנטראַסטן זיינען נישט בולט אַרויסגעבראַכט. ביי גאָלדפאַדענען איז אַפילו דאָס פּראָבלעם אָרעם און רייך לאָקאַליזירט אין באַלעבאַטישן גראַד, און טראָגט נישט קיין עלעמענטן פון סאָציאַלער דיפערענצירונג.

נישט געקוקט דערויף, איז גאָלדפאַדענס פאַרדינסט פאַר דער יידישער ליטעראַטור נישט בלויז דעריין, וואָס ער איז דער ערשטער גרויסער טעאַטער־טוער, גרינדער פון יידישן טעאַטער, נאָר ער האָט אויך גרויסע פאַרדינסטן אַלס דראַמאַטורג, וואָס האָט דורך זיינע פּיעסן אַריינגעבראַכט פרייד און געזאַנג אין דעם פאַרחושכטן לעבן פון יידישן פאָלקס־מענטש און דערביי געצייכנט געשטאַלטן און סיטואַציעס רעאַליסטיש, ס׳הייסט געדינט דורך זיינע בעסערע ווערק אַלס דערקענטעניש־שטאָף, באַקעמפנדיק די

סאָציאַל־שטייגערישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין וועג צו דער וועלט. ער האָט אויך דייטלעך אונטערגעשטראָכן די קראַפט און כוח פון געלט, נישט פון שטאַנדפּונקט פון לויב פאַרן בורזשואַ, ווי ביי די פרי־ערדיקע משכּילים, נאָר געקוקט פון דער „לינקער זייט" אויף אָט־דעם נייעם „אָפּגאָט" פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט.

אויסלענדער ווייזט אָן, אַז „די באַדייטונג פון גאָלדפאַדן דעם דראַמאַטורג באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געשאַפן אַ ריי מייסטערישע שטייגער־קאָמעדיעס, אין דעם, וואָס ער האָט, אייגנטלעך, דער ערשטער געשאַפן די יידישע אָפּערעטע און איז איינער פון די גרעסטע שעפער פון סצענישע ווערק אין דער יידישער דראַמאַטורגיע".

עס וואָלט נישט שווער געווען צו ציטירן צענדליקער ערטער, ווו גאָלדפאַדן גיט פּרעכטיקע שטייגער־בילדער אויף אַ סאַטיריש־הומאָריסטישן אופן, ברענגט אַרויס פולבלוטיקע סצענישע געשטאַלטן, וועלכע שפּיגלען אָפּ די השגות, מיינונגען און פאָרשטעלונגען פון אָפּגעלעבטן פעאָדאַל־פּאַטריאַרכאַלן שטייגער אין יידישן לעבן; טיפּן, וואָס ווילן קעגן דער לאָגיק פון דער צייט, קאָנסערווירן די אַלע מנהגים און פירונגען, די אַלטע באַגריפן וועגן יחוס; שפּיגלען אָפּ די געלט־גיריקייט און פאַרגרעבטקייט שוין נישט דורך ביטערן גאַליקן חוזק, נאָר דורך קאָמיזם, דורך לאָזן זיגן די אויפגעקלערטע. דורך מזווג זיין לויט... ליבע, לויט דעם ווירקלעכן פאַרלאַנג פון די קינדער קעגן די אָפּגעשטאַנענע עלטערן, — פירט גאָלדפאַדן אַדורך זיין משכּילישע מיסיע אין די רעאַליסטישע פּיעסן זיינע; פּיעסן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט די אַנטשטייונג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

נאָכוואָרט

צו וועלכע אויספירן קען מען קומען אויפן סמך פון די אָרויסגעבראַכטע פאַקטן פון אונדזער ליטעראַרישער פאַרגאַנגענהייט?

ערשטנס, אַז די יידישע ליטעראַטור־אַנטוויקלונג איז אמענגסטן געווען פאַרבונדן מיט די ליטעראַטור־מאָטיוון און שטרעמונגען אין די לענדער, אין וועלכע יידן האָבן זיך געפונען. די געטאָ־וואַנט, וועלכע איז געוואָרן קינסטלעך באַפעסטיקט דורך דעם יידישן קלער, דורך דעם יידישן אתה־בחרתנושן נאַציאָנאַליזם, האָט געווירקט, אַז דאָס קולטור־לעבן פון יידישן פאָלקס־מענטש זאָל זיך אַנטוויקלען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. די האָט אָבער דעם פּראָצעס פון קולטור־פּענעטראַציע נישט געקענט פאַרהאַמעווען...

עס ווערט אויך בולט, אַז די ליטעראַטור אין יידיש האָט בדרך כלל טיף געאַנקערט אין לעבן פון די פאָלקס־מאַסן, האָט אָפּגעשפּיגלט זייערע געפילן, טרוימען, האָפענונגען און לעבנס־שטייגער. דאָס הייסט — זי איז געווען אין איר תוך רעאַליסטיש.

דאָס שאַפן פון די בעסטע פאָרשטייער פון דער השכלה באַווייזט אויך אַז זיי האָבן פאַרשטאַנען זייער שרייבעריש־געזעלשאַפטלעכן באַרוף, ווי אַ פליכט לגבי די מאַסן און געזען זייער העכסטן אידעאַל אין דעם דינען די מאַסן. דאָס האָט אָנגעזעטיקט זייער שורה מיט קאַמף, מיט גלויבן אין אַ בעסערן מאָרגן, מיט אָפּטימיזם.

ווי פרעמד עס זאָל אונדז נישט זיין דער ליבעראַליסטישער קוק פון דעם רוב משכילים, ווי סקעפּטיש מיר זאָלן נישט אויפנעמען זייערע פּאָזי־טיווע אידעאַלן, טאָרן מיר דאָך נישט אָפּשאַצן זייער ווערט בלויז אויפן סמך פון דער נעגאַציע פון פאַרגליווערטן לעבנס־שטייגער, וואָס זייערע ווערק האָבן פאַרמאָגט, נאָר אויך פאַרשטיין, אַז די פּאָזיטיווע אידעאַלן זייע־

רע וועגן בילדונג און מלאכה, וועגן מיטלעבן דאָס לעבן פון לאַנד, וועגן וועקן דאָס בירגער־געפיל און בירגער־באַוווסטזיין איז געווען פאַר י ע נ ע ר צייט, אין י ע נ ע אומשטענדן אַ דורכאויס פאָזיטיווער און פּראָגרעסיווער פאַקטאָר.

פון דעם קורצן איבערבליק, וועלכער איז אין דעם בוך געמאַכט געוואָרן, איז אויך צו זען, אַז אויף די פוילישע און רוסישע געביטן איז אויסגעפאָרמירט געוואָרן אונדזער פאָלקס־לשון, און עס איז רייף געוואָרן פאַר דעם אַנטשטיין פון דער יידישער קלאַסיק. דאָס איז מעגלעך געוואָרן צוליב צווי טעמים: צוליב דער השפעה פון די סלאַווישע שפּראַכן ביים אָנגעבן אייגנאַרטיקן קאָלאָריט און ווייכקייט דעם יידיש־טייטש, און צוליב דער ווירקונג פון דער גרויסער רוסישער און פוילישער ליטעראַטור. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס פוילן און רוסלאַנד ווערן צום סוף פאָריקן יאָרהונדערט דער צענטער פון יידישן פּראָגרעסיוון געדאַנק, פון יידישן פּראָגרעסיוון וואָרט און וואָס אויף די געביטן זיינען אויפגעקומען די שענסטע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון דער יידישער ליטעראַטור. ווייל קיין שום לאַנד האָט אין משך פון 19־טן יאָרהונדערט נישט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל קאָריפייען פון דער רעאַליסטישער ליטעראַטור, ווי רוסלאַנד. דאָס איז במילא געווען דער נויטיקער גייסטיקער קלימאַט פאַר אַ קאַמף־ליטעראַטור, ווייל אויך די לאַנד־ליטעראַטור איז געווען איבערפולט מיט קאַמפס־אַקצענטן קעגן דער צאַרישער דעספּאָטיע און אומרעכט און איז געווען קריטיש־רעאַליסטיש. דער הויכער הומאַניזם פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור האָט נישט געקענט בלייבן אָן השפעה אויף דער יידישער.

אמת, די יידישע אויפקלערונג איז געקומען און באַווירקט געוואָרן פון דער דייטשער אויפקלערונג, וואָס האָט שוין ווייט נישט געהאַט אַזאַ קאַמפס־שוווּנג און פאַרנעם ווי אין פראַנקרייך, אַז די באַדינגונגען אין אַבסאָלוטיסטישן צאַרישן רוסלאַנד האָבן נאָך מער פאַרשמעלערט דעם אומפאַנג און פאַרמעסט פון דער גענוג שוואַכער בורזשואַזיע, וועלכע איז שוין אויפגעקומען מיט סימנים פון איר אונטערגאַנג. אָבער דאָס אַלץ גיט אונדז בלויז די פּערספּעקטיוו, דעם קריטעריי ביים אָפּשאַצן דאָס שאַפן פון די משכילים, דערקלערט אונדז זייער אידעאישע באַגרענעצטקייט, און שוואַכמוטיקייט לגבי די כוחות פון שלעכטס און אונטערדריקונג, וועלכע זיינען געקומען פון דרויסן, און די אָפּטע שוואַכקייט און אָפּילו טיילווייזע פשרהדיקייט, ביים באַקעמפן דאָס פּעאָדאַלע אין דער אייגענער יידישער סביבה. דאָס פרעגט אָבער נישט אָפּ דעם פאַקט, אַז די יידישע ליטעראַטור פון

19־טן יאָרהונדערט איז געווען אַ ריזיקער שריט פאָרויס — אַ פּראָגרעסי־ווער שריט, וואָס האָט געשאַפן טראַדיציעס פאַר אַ קאַמפּס־ליטעראַטור, פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער דיכטונג פון אַ ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוו־שאָווער.

די פאָרמאַליסטיש־דעקאַדענטישע בורזשואַזע קריטיק נעגירט דעם באַטייט פון דער השכלה, לויבט אין די הימלען די חסידישע ליטעראַטור, פאַרכלייעט זיך מיט איר מיסטיציזם. זיי איז דאָס ראַציאָנעלע פרעמד און דערווידער. מ י ר זוכן און וועלן שטענדיק זוכן דאָס הומאַניסטיש־דער־הויבענע, פּראָגרעסיווע, ראַציאָנעלע, און דערפאַר איז אונדזער פּיעטעט אַזוי גרויס צו די פּראָגרעסיווע דענקמעלער פון יידישן רעאַליזם, צו די ווערק, וואָס קענען דינען אַלס דערקענטעניש־מקור פון פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן, וואָס דעקן אויף וויכטיקע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען אין דער יידישער סביבה און האָבן באַדייטנדיק מיטגעווירקט ביים שטירצן די ווענט פון די יידישע פעאָדאַלע פאַרהעלטענישן, דעם יידישן קלער, דעם יידישן תקיף און פרנס, וואָס האָבן דורות־לאַנג פּאַראַזיטירט אויף דעם יידישן פאָלקס־אָרגאַניזם.

אַזאַ איז געווען די אידעע פון בוך. אויב די אמתן זיינען דאָך נישט געווען קלאָר געקומען צום אויסדרוק, איז עס נישט די שולד פון די אמתן...

ביבליאָגראַפיע

פון די וויכטיקסטע מקורים אויף וועלכע דער מחבר שטיצט זיך.

ווינער מ. — די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן י. ה. ב. 1—2, פאַרלאַג „איקוף“, ניו־יאָרק 1945

ווינער מ. — „די געגנאַרטע וועלט“, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס“ מאָסקווע 1940 י.

ווינלעז ישראל — יוסף פּערלס לעבן און שאַפן „ייוואָ“, ווילנע 1937 י.

ווינרייך. מאַקס ד״ר — „שטאַפּלען“, „וואָסטאָק“, בערלין 1923 י.

ווינרייך מאַקס ד״ר — „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע“, „טאָמאָר“, ווילנע 1928

מייזיל נחמן — פאָרגייער און מיטצייטלער, „איקוף“, ניו־יאָרק 1946 י.

עריק מ. — די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, „קולטור־ליגע“, וואַרשע 1928 י.

עריק מ — „וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן און נאָוועלע“, פאַרלאַג „מאיר רייז“, וואַרשע 1926 י.

צינבערג י. ד״ר — די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, באַנד 4, 5, 6, 7, 8

ציטראָן ש. — „דריי ליטעראַרישע דורות“, פאַרלאַג „שרעבערניק“ ווילנע 1922 י.

רייזען ז. — „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע“, „קולטור־ליגע“, 1923 י.

רייזען ז. — „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע“, ב. 1—4.

אינהאלט:

ערשטער טייל:

			זייט
		אריינפיר	3
קאפיטל	1.	פון יידיש-טייטש ביז יידיש	5
	2.	גרונט־שטריכן פון דעם וועלטלעכן אלט־יידישן ליד	9
	3.	דער אלט־יידישער ראמאן און נאוועלע	13
	4.	דער יידישער עפאס אויף ביבלישע מאטיוון	23
	5.	די פאלקס־ליטעראטור און פרויען-ליטעראטור	26
	6.	די אלט־יידישע נאוועלע	35
	7.	דאס מעשה־בוך	44
	8.	משלים־זאמלונגען אין יידיש	52
	9.	היסטארישע שריפטן און היסטארישע לידער	56
	10.	די מעמוארן-ליטעראטור	64
	11.	דראמאטישע שאפונגען ביז דער השכלה	72
	12.	די ירידה פון דער אלט־יידישער ליטעראטור	80

צווייטער טייל:

			זייט
קאפיטל	1.	היסטארישע פארהנחות פון דער השכלה־באוועגונג	87
	2.	דער חסידיזם	92
	3.	גרונט־שטריכן פון דער השכלה־באוועגונג	101
	4.	די ערשטע צוויי משכילישע ווערק אין יידיש	108
	5.	דער „קעניגסבערגער דאקטאר" משה מארקוזי	114
	6.	מענדל לעפין	123
	7.	יוסף פערל — דער בעסטער יידישער פראזאיקער פון דער השכלה	131
	8.	די „געגארטע וועלט" — די ערשטע געדרוקטע וועלטלעכע ליטעראריש־קינסטלערישע פיעסע אין דער נייער יידישער שפראך	140

קאַפּיטל 9. יצחק־בער לעווינזאָן (ריב״ל) — דער מענדעלסאָן פון די רוסישע יידן 147
10. ישראל אַקסענפעלד 160
11. די השכלה־באַוועגונג אין קאָנגרעס פּוילן . . . 176
12. ד״ר שלמה עטינגער 183
13. משכילישע פאָרשטייער פון דעם קליינבירגערטום 197
א. ב. גאָטלאָבער 200
14. אייזיק מאיר דיק 206
15. אברהם גאָלדפאַדן 217
נאָכוואָרט.
ביבליאָגראַפיע.

ביכער דערשינען אין פארלאג „יידיש בוך"

ביים צ. ק. פון די יידן אין פוילן

פארן יאר 1947

1. „מלכות געטאָ" — נאָוועלן פון ישעיהו שפיגעל
2. „דער מענטש וועט גוט זיין" — משלים פון י. אַליצקי
3. „מיט אַש אויפן קאָפּ" — לידער פון א. זאַק
4. „אויף די חורבות" — פּאָעמע פון חיים גראַדע

פארן יאר 1948

5. „אַ בוים אין ווינט" — דערציילונגען פון י. אַקרוטני
6. „מלך שאול" — ביבלישע טראַגעדיע פון י. אשענדאָרף
7. „יידן אָן געלע לאַטעס" — סקיצן פון ה. סמאָליאַר
8. „דער אָפּגרונט רוישט" — לידער פון גוטע גוטערמאַן
9. „אַ ייד צווישן פויערים" — פּיעסע פון ש. דיאַמאַנט
10. „דורך שאָטן און שיין" — לידער און פּאָעמען פון בינעם העלער
11. „אַ פענצטער צו דער וועלט" — לידער פון פסח בינעצקי
12. „צו לויטערע ברעגן" — לידער פון רייזל זשיכלינסקי

פארן יאר 1949

13. „רואינען אין זון" — לידער פון לייב מאָרגנטוי
14. „אין אַ פוסטער שטאָט" — דערציילונגען פון יצחק גוטערמאַן
15. „דער וועג פון פיין" — דערציילונגען פון ד. האָפּנונג

16. „שרייבער און ביכער" — קריטיק פון דוד ספארד

17. „פלעמלעך אין דער נאַכט" — לידער פון לייבל קופערשמיד

18. „משלים־בוך" — פון ל. אַליצקי

19. „יידישע שרייבער אין דער היים" — עסייען פון אפרים קאגאנאָווסקי

20. „דער מענטש האָט געזיגט" — א כראָניק פון א. גאָזשאַנסקי

21. „און געוואָרן איז ליכט" — לידער פון י. שפיגעל

פארן יאר 1950

22. „פרילינג אין פוילן — לידער פון בינעם העלער

23. „די יידישע ליטעראַטור ביז די קלאַסיקער" — פון ש. לאַסטיק

אין דרוק:

24. „די יידישע טראַגעדיע אין דער פוילישער ליטעראַטור" פון ב. מארק.

אין זאץ:

25. „אלמאַנאַך פון דער מאָדערנער פוילישער ליטעראַטור", א. אנד.